STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07897

MAYN HOB UN GOB

Meyer Ziml Tkatch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-07897-2

D:\YIDDISH\TITLES\9780657078973T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מאיר זימל טקאטש
מיין האָב און גאָב

צווייטער באַנד

מאיר זימל טקאַטש

מאיר זימל טקאַטש

מיין האָב און גאָב

געזאמלטע פערזון

צווייטער באַנד

פאַרלאַג „מנורה", תל־אביב
תשכ"ג—1963

„MAIN HOB UN GOB"
(My Possession and Gift)
Collected Verses
Second Volume
By MEYER ZIML TKATCH

„Menora" Publishing House
24, Zangvill str.
Tel-Aviv, Israel

מאיר זימל טקאַטש / מיין האָב און גאָב

צווייטער באַנד

הוצאת ספרים „מנורה"
רח' זנגביל 24, תל־אביב
ישראל

©

נדפס בישראל, 1963
Printed in Israel

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

ווען דער שאָטן ווערט לענגער

(פאָרוואָרט)

געזײַט אין מײַן פרימאָרגן
און כ'זײַ פאַר מײַן פאַרגאַנג.
וואָלט צײַט געווען צום באָרגן,
וואָלט איך געזײַט נאָך לאַנג.

נאָר ס'פאַלט אַ לאַנגער שאָטן
גראָד ווען די זון איז גרויס.
ווען ס'לעצטע מאָל איך אָטעם
ווייסט גאָט און זאָגט ניט אויס.

איך קאָן אין מיטן דרינען
אַנידערפאַלן טויט
און ווילדגראָז וועט פאַרשפּינען
דעם גרינעם שפּראָץ אויף ברויט.

מײַן אַקער איז געשפּרונגען,
מײַן בראָניע האָט געהיפּט
און ס'האָט מײַן האַנט געשוווּנגען,
געזײַט און ניט געזיפּט.

איך אײַל זיך צו פאַרריכטן
דעם גרײַז פֿון מײַן געאײַל,
כ'וועל אויפן טויט זיך ריכטן
און מיען זיך דערווייל.

דאָ רײַס איך ווילדע גראָזן
און דאָרט פאַרזײַ בײַנײַס.
זע, גאָט, איך זאָל ניט לאָזן
אַ שפּאָגל־נײַעם גרײַז.

אויף גאָטס באַראָט

1927

אויף גאָטס באַראָט

אויף גאָטס באַראָט האָב איך זיך דערצויגן —
אַביימל אין אַ פעלדזנגרונט.
איך האָב געקרימט זיך און געבויגן
און אַלץ געשטרעקט זיך און געצויגן
אַרויף, וווּ ס'זונט.

אין טריקענישן און אין שלאַקסן,
אָן גערטנערס הילף, אָן קיינעמס גנאָד,
האָב איך צעשפּרייט זיך און צעוואַקסן
און אויסגעטראָגן אויף די צווייגן־אַקסלען
מיין פּרוכט־געראָט.

כ'בין איינגעוואָרצלט און מיט פּרוכט באַלאָדן
און טענות האָב איך ניט צו גאָט,
נאָר אומעטיק איז מיר צו זען דעם שאָדן,
ווי מיינע פּירות פאַלן אויפן באָדן
אויף גאָטס באַראָט.

דאָרשטיק

מיין גאָט איז דאָרשטיק

אַ דאָרשטיקער איז גאָט מיין האַר
און נאָר און נאָך
ער פאָדערט בלוט אויף זיין אַלטאַר
אין פייערטאָג און מיטנוואָך.
אַ פוסטער איז מיין יעגערזאַק
און ליידיק איז מיין טויבנשלאַק,
קיין שאָף, קיין ציג — אַ פעטע צי אַ דאַרע —
איז מער ניטאָ אין מיין קאַשאַרע
און פון מיין שטאָל די לעצטע רינד
האָט אויסגעברענט אַצינד.
אַ גאָט מיין האַר,
וווּ זאָל איך דיר נעמען מערער בלוט?
נו גוט,
אויף דיין אַלטאַר
אַליין וועט לייגן זיך דיין קנעכט,
און נעם און שעכט!

דער שיפער

דער הימל איז שוואַרץ און נאָך שוואַרצער דער תהום איז,
און איבער דעם ים ווי פון טינט
אויף זעגלען ווי פון נע-ונדע נשמות
אַ שיפער פליט ווילד ווי דער ווינט.

ער פיבערט מיט אויגן פאַרלאָפענע צונטער,
מיט ציינער פאַרשטשעמעטע קריצט.
אים וואַרפן די כוואַליעס אַרויף און אַרונטער
און ס'דראָעט אַ כמאַרע וואָס בליצט.

נאָר ניט צו דעם ברעג קערט די זעגלען דער שיפער, —
וואָס שטאַרקט זיין פאַרצווייפלטן מוט? —
דער אָפגרונט איז טיף, נאָר זיין פיין איז נאָך טיפער
און ווילדער פון שטורעם — זיין בלוט.

דער לעביונג

אַן אַן עול, אַן קלאַפּאַט, —
לעב און לאַך, לעב און זינג,
נאָר וואָס יאָמערט מיין ליד
פון דעם ווייַן, וואָס איך טרינק?

ניט קיין ווייב, ניט קיין קינד,
ווי אַ קוקאַווקע פריי,
נאָר ווי ביין פון דיין ביין
איז קיין פריינד ניט געטריי.

אַן אַ היים, אַן אַ לאַנד,
צו קיין אָרט ניט געשמידט,
נאָר דעם הונט אויף דער קייט
איז ניט פרעמד, וואָס ער היט.

אַן אַ מום, אַן אַ קנייטש
און אין בעסטן געזונט,
נאָר ווי לאַנג האַלט זיך ווייַן
אין אַ פּאַס אַן אַ שפּונט?

ווי אַ שלאַכטפעלד

דאָס האַרץ איז ווי אַ שלאַכטפעלד,
וואָס גייט פון האַנט צו האַנט, —
דאָרט האַלטן גליק און אומגליק
מלחמה נאָכאַנאַנד.

צי אומגליק איז דער זיגער,
צי גליק איז דאָרט דער העלד,
דאָס האַרץ אַלציינס ווערט חרוב
ווי דאָס מלחמה-פעלד.

דער וואַנדערער

אַ טראַקט. אַ גערויש פון מאָטאָרן.
אַן אויטאָמאָבילן־געיעג.
און צווישן די מענטשן וואָס פאָרן
גייט איינער צופוס אויפן וועג.

דאָס פנים מיט הערלעך ווי דראָטן,
דער קאָפּ ווי אַ דזשונגל איז ווילד —
איז ער אין אַ קינסטלער געראָטן
צי פון אַ בראָדיאַגע אַ בילד?

און ס'נעמט ניט קיין מענטש אין זיין אויטאָ
אַזאַ אונטערפאָרער אַרויף,
נאָר ער איז גאָר פאָרן ניט נוטה —
צו גיך איז אַן אויטאָס געלויף.

מען מיידט אים פון הינטן און פאָרנט,
ער גייט טראָט ביי טראָט אין אַ זייט.
אַ האָרן פון וויטן אים וואָרנט:
טרעט אָפּ! — טרעט ער אָפּ, ער האָט צייט.

ניטאָ וואָס אַהין זיך צו איילן —
ס'איז דאָרטן דאָס זעלבע וואָס דאָ.
מען דאַרף בלויז אין וועג זיך פאַרווײַלן
ביז וואַנען ס'וועט שלאָגן די שעה...

אַ תפילה

דו שלאָגסט מיך, גאָט, —
איך וועל זיך ניט באַקלאָגן.
כ׳נעם אָן פאַר ליב דיין שלאָגן,
נאָר תפילה טו איך זאָגן:
— דו שלאָגסט מיך, גאָט,
גיב כוח איבערטראָגן.

טרעגער

דער טרעגער טראָגט זיין לאַסט.
איז אים דען גרינג צו טראָגן?
און מיר מיין וויי — ווי פּאַסט
צו וועגן אויף דער וואָג אים?

דעם טרעגער בייגט אַראָפּ
די משא אויפן רוקן.
כ׳וועל טראָגן אויפן קאָפּ
און זיך ניט דאַרפן בוקן.

אַזוי די מזרח־פרוי
איר קאָפּ מיט לאַסט באַשווערטן
טראָגט שטאָלץ און גלייך אַזוי,
ווי מיט אַ קרוין באַערטן.

און זע, ווי איר פיגור
איז העכער נאָך און שלאַנקער,
ווי דאָס וואָלט די נאַטור
פאַר שווערקייט אָפּגעדאַנקט איר.

אַ פּראָבלעם

כ׳האָב ליב אַזוי דאָס לעבן,
אַז כ׳וואָלט אַנטקעגן
דעם טויט געגאַנגען ווילק —
פון לעבנס וועגן.

נאָר ס׳רופט מיט טויזנט שטימעס
דער קול פון לעבן
און כ׳ווייס ניט װעלכער פריער
מײַן ענטפער געבן.

כ׳האָב ליב די ערד, דעם הימל,
דעם מענטש, דעם וואָרעם;
כ׳וואָלט אַלץ אַרומגענומען,
איז קורץ מײַן אָרעם.

איך בין ווי דער פאַרליבטער
אין אַלע פרויען,
וואָס ווייס אַלץ ניט מיט וועמען
אַ היים זיך בויען.

אַ פאַרליבטער שוואַכלינג

פאַרליבט אין לעבן, נאָר איך זיך אַזוי,
ווי דער פאַרליבטער אין אַ פאַלשער פרוי.
דאָס לעבן רייצט זיך, מיינט ניט אויף אַן אמת,
און איך, דער נאַר, פאַר ערנסט נעם עס.
נאָר ווען אַפילו כ׳זע די פאַלשקייט אײַן
און אין מײַן האָפנונגסלאָזער פּײַן
באַשליס איך זיך צו שיידן מיטן לעבן,
איז בלויז גענוג ס׳זאָל געבן
אַ שמייכל מיר די זון, אַ שטערנדל — אַ ווונק,
אַ גלעט — דער ווינט,
אַז ווי אַ הייסטויג פון אַ פונק,
מײַן ליבע זאָל זיך ווידער טאָן אַ צינד
און פלאַקערן מיט גלויבן אינעם ליגן,
אַז דאָס מאָל וועט דאָס לעבן ניט באַטריגן.

צום פּלאָנטער

ס׳האָט גאָט מיר געגעבן
אַ שאַרפע ראיה,
אַ קלאָרן פאַרשטאַנד,
אַ גוטן זכרון,
און כ׳קען זיך ניט נאַרן.

כ׳באַגייסטער זיך זעלטן
און זעלטן אַנטוישׁ זיך,
ווייל ווער עס זעט גוטס בלויז
און ווער עס זעט שלעכטס בלויז,
און איך זע
זיי איינעם אין צווייטן פאַרפּלאָנטערט.

נאָר גאָט האָט אַ האַרץ אויך געשענקט מיר, —
אַ פולבלוטיק האַרץ.
דאָס בלוט שלאָגט אַריבער
ווי ווײַן פון דער כלי
און רוישט און באַרוישט מיך,
און שיכור פון לעבן,
אָפט זינג איך צום לעבן,
צום פּלאָנטער פון גוטס און פון שלעכטס,
וואָס רופט זיך: לעבן.

אַמאָל, אַמאָל

אַמאָל, אַמאָל
האָט גאָט געזען די טרערן,
געהערט די ווייגעשרייען,
נאָר שוין ניט מער.

שוין לאַנג אַז ס׳האָבן
די טרערן פון דער וועלט
פאַרלאָשן זיינע אויגן
און אַז איר ווייגעשריי
האָט זיינע אויערן פאַרשטאָפּט.

מיר וויינען פאַר אַ בלינדן
און שרייען צו אַ טויבן.

ווי שאַכטער

אין סוד פון טויט און לעבן,
ווי שאַכטער אין דער טיף,
מיר ווילן זיך דערגראָבן
צו עפּעס אַ באַגריף.

ניט זון און ניט לבנה
אין ׳שאַכטע שטראַלט אַריין;
דאָס בליצלעמפּל פון שכל
איז אונדזער ביסל שיין.

אַמאָל אין שוואַרצער הרודע
אַ דימענט גיט אַ ברען
און וואַרפט אַן ענגען ליכטקרייז,
נאָר מער איז ניט צום זען.

דערמוטיקט פונעם ביסל,
מיר האָפן אויף אַ סך
און גראָבן, זוכן ווייטער,
אויב ס׳פאַלט ניט איַין דער דאַך.

עס איז נאָך אַלץ פאַרבאָטן
פון עץ־הדעת די פרוכט,
און אָפטמאָל ווערט פאַרשאָטן
אין שאַכטע דער וואָס זוכט.

נאָר וואָס איז טויט, ווען לעבן
איז פינצטער ווי אַ הייל
און ווען אַליין דאָס זוכן
איז ווי אַ לאָמפּ מיט אייל?

זאָגט אָדם:

— ניט פּאַטשע, מלאך, מיט דער שווערד פון פלאַם,
פאַרשפּאַר ניט דעם אַריינגאַנג אין גן־עדן, —
כ׳בין מוחל גאָט די גליקן פון אַ תּם,
שוין ליבער זײַנען מיר דעם חכמס לײַדן.

איך עס אין שווייס מײַן מאָגער ביסן,
מײַן ווײַב געבערט מיר קינדער מיט אַ קרעכץ,
נאָר מײַנע אויגן שטראַלן מיטן וויסן
דעם חילוק צווישן גוטס און שלעכטס.

די ערד, וואָס שפּײַזט מיט גרינס און קערנער,
האָב איך גערייניקט פון די דערנער
און אָנהייב מיט די הוילע הענט,
נאָר שפּעטער שוין מיט פײַער אויסגעברענט.
און איידער אין זײַן פלאַקער
איך האָב פון אײַזן אויסגעשמידט אַן אַקער,
האָב איך דעם באָדן מיט אַ פלאָקן אויפגעבראָכן.

איך ווייס שוין פיל,
נאָר כ׳פייער נאָך ניט מײַן נצחון,
כּל־זמן כ׳האָב ניט דערגרייכט דעם ציל,
וואָס איך האָב זיך פאַרגעבן:
אַליין צו פלאַנצן אַ גן־עדן אויף דער ערד,
אַוווּ דער בוים פון אייביק לעבן
איז פאַרן מענטשן ניט פאַרווערט.

דער בעטלער

ער האָט צו דורכגייער זיין האַנט געשטרעקט,
געשמייכלט האָפנונגספול און מונטער,
און אַז מען האָט פון אים זיך אָפּגעקערט,
איז אויך זיין שמייכל ניט אַרונטער.

און אַז מען האָט אַ שטיין שטאָט ברויט דערלאַנגט,
האָט ער די רשעות אויך פאַרגעבן
צוליב די גוטע מענטשן אויף דער וועלט,
אין וועמעס זכות די שלעכטע לעבן.

און אַז צו לעצט האָט עמעצער געשענקט
אַ פּרוטה אָדער ברויט אַ פּענעץ,
האָט ער דערפאַר געבעטן גאָט פאַר אים,
געבענטשט מיט ברכות אָן אַ גרענעץ.

און זעלבסט־צופרידן האָט דער נדבן זיך
געלאָזן ביזן הימל לויבן,
ווען די נדבה האָט גאָר אים געשענקט
דער בעטלער — פון זיין רייכן גלויבן.

אַ יתום

מיט ווייסע שנאָבל־ווינקלען,
ווי מאַמעס מילך אויף ליפּן,
אַ פויגל נאָך אַ יונגער
אַ יתום איז געבליבן.

מיט צאַפּלדיקע פליגל
און פּיסעק אויפגעמאַכטן,
אַ הונגעריקער, בעט ער
ביי פרעמדע פייגל רחמים.

נאָר ס'האָדעוועט ניט קיינער,
ער מוז אַליין זיך נערן,
געפינען אויפן סמעטניק
אַ קרישקע צי אַ קערן.

ער מוז אַליין זיך לערנען
צו פליען און צו שוועבן
און פון די קעץ און שפּאַרבערס
אַנטלויפן מיטן לעבן.

ער וואָגלט אום און נעכטיקט
אויף דערנערדיקע ריטער
און מאַכט ניט צו קיין אייגל,
פאַר סאָוועס פול מיט ציטער.

און ווען די פייגל גריסן
מיט שירה דעם פרימאָרגן,
באַגעגנט אים דער יתום
מיט פחד און מיט זאָרגן.

אויפן הענגלייטער

הענגט מיין וואָלוול לעבן אויפן וואַגשאָל,
וועמען אַרט עס, אויב איך פאַל און שטאַרב!
קלייד און פּנים אויסגעשמירט פּאַיאַציש,
נאָר קיין קונצן מאַך איך ניט, — איך פאַרב.

וואַרפט דער ווינט אין כּף־הקלע דעם „סקעפאָלד".
ווינט, פּאַמעלעך: שאָקל, נאָר ניט וואַרף, —
מיטלייד מיט דער אַדלפּרוי אין פענצטער,
אירע נערוון זיינען נעבעך שאַרף.

שווינדלט אַפּגרונטיק די גאַס פון אונטן.
קני, ניט חלשט. טרייסל זיך ניט, האַנט, —
ס'קאָן פון בערשטל נאָך אַ טראָפּן פאַלן,
טרעפן אויף אַ דורכגייער אַ פראַנט.

ס'קאָן חלילה נאָך די פאַרב אַ שפּריץ טאָן
אויף אַ פאַרהאַנג צי אַ בלומענטאָפּ, —
ס'וווינט דאָ, ברודערל, דיר ניט קיין קבצן,
מאַכסטו עפּעס קאַליע, זאָגט מען אָפּ.

פאַרזיכטיק זײַ, ברודערל, גיב אַכטונג
צי די שטריק איז צוגעפּעסטיקט גוט, —
קאָנסט נאָך, גאָט באַהיט, אַרונטערפאַלן
און דעם ברוק פאַרשמירן מיט דיין בלוט.

זאָגט דער הויזמאַלער:

אומריין זיינען מיינע אַרבעטס־קליידער,
נאָר ניט מיינע איז די קויט אויף זיי —
איידער כ׳שמיר זיך אויס אין פרעמדע הייזער
זיינען מיינע קליידער ווייס ווי שניי.

כ׳טו זיי אָן אין אומווערדיקן קעלער,
נאָר איך פאַל גאָר ניט ביי זיך אַראָפּ.
דורך דער הינטערטיר אין וווינשטוב קום איך,
אָבער כ׳בייג ניט בעטלעריש דעם קאָפּ.

כ׳הענג אויף שטריק און קריך אויף הויכע לייטערס,
איך בין אָבער ניט קיין קאָמעדיאַנט.
כ׳קני אויף דילן, אָבער ניט פאַר קיינעם,
און ניט בלוט, נאָר פאַרב איז אויף מיין האַנט.

מענטשן ווײַכן מיך ווי אַ מצורע,
זאָלן זיי מיך ווײַכן, — וועמען אַרט ס!
אומריין זיינען מיינע אַרבעטס־קליידער,
אָבער ניט מיין האַרץ.

אויטאָביאָגראַפיש

כ׳בין ניט צערטלעך, — קלאָגט מיין מיידל,
ניט אומזיסט איז איר געוויין,
נאָר האָב איך געקענט איר גיבן,
וואָס כ׳האָב ניט געהאַט אַליין?

ווי אַ בלינדער איז מיין טאַטע
אין זיין הויזגעזינד געווען —
האָט געלערנט פרעמדע קינדער
און די אייגענע — פאַרזען.

און די גוטע מאָדנע מאַמע
האָט די קינדער ניט געקושט.
כ׳האָב פאַרנומען אירע קללות,
פון איר ליבשאַפט ניט געוווסט.

און די שוועסטער און די ברידער,
כאָטש געבוירן אין איין נעסט,
זיינען פרעמדע איינגעשטאַנען
ווי אין אַן אכסניה געסט.

און די ביטערע מלמדים
מיט אַ שמיץ, אַ זעץ אין ריפּ
האָבן מיך געלערנט פאָלגן,
אָבער ניט צו האָבן ליב.

כ׳וויל וויינען און קען ניט

— דו ווינסט. איך וואָלט אויך געוואָלט וויינען.
עס ליגט אויפן האַרצן אַ שטיין.
עס גלוסט זיך מיר וויינען און כ׳קען ניט.
זאָג, ווו איז דער קוואַל פון געוויין?

— אין האַרצן מיט ליידן פאַרפולטן,
וואָס קען ניט אַריינעמען מער,
די פּיין גייט אַריבער די ברעגן
און ס׳פליסן די טרערן אַליין.

— ניט אמת. דו מיינסט דאָך צו זאָגן,
אַז ווייטיק, וואָס וויינט ניט, איז קליין.
ס׳האָט אָבער אַפילו דער ים אויך
אַ ברעג ניט אַריבער צו גיין.

און זאָגסטו: מיין האַרץ איז פאַרשטיינערט,
גיב דעמאָלט מיר דאָס צו פאַרשטיין:
אויב וויינען דער שטיין איז ניט פעיִק,
ווי קומט, עס זאָל ווייטאָן דעם שטיין?

ניט וועק!

ניט קלאַפּ, דו פענצטער פון זכרון!
ניט גריזשע, מייזעלע־געדאַנק!
די פּיין האָט ווי אַ זויגלינג, וואָס איז קראַנק,
געיאָמערט אַזוי לאַנג
ביז זי איז הייזעריק געוואָרן
און איינגעשלאָפן, אויסגעמאַטערט.
זי זיפצט פון שלאָף נאָך איצט און פלאַטערט.
ניט קלאַפּ זשע, פענצטער פון זכרון, שטיל זאָל זיין!
ניט גריזשע, מייזעלע־געדאַנק, ניט וועק די פּיין!

לאנד און וואסער

געשריבן אויף בערעזע־קאָרע

אויף פּאַפּיר די פעדער
גליטשט זיך ווי אויף אײַז
און אויף שאַרסטקער קאָרע
שטרויכלט זיך דער שפּריז.

נאָר פון שטאָם די צייכנס
היט די קאָרע שטאָלץ;
אויף פּאַפּיר קיין שפּור ניט,
אַז ער שטאַמט פון האָלץ.

איז ער וויסט און ליידיק
ווי אַן גאָט דער רוים.
ריים איך אָפּטמאָל קאָרע
פון בערעזע־בוים.

די בערעזע־קאָרע
איז צעהייטלען שווער,
אָבער אַז ס׳געראָט מיר,
האָב איך בויגנס מער.

בויגנס פול מיט שטריכן
ווי פון טעלעגראַף, —
אפשר טעלעגראַמעס
שיקט מיר גאָטס באַשאַף?

שרייב איך ווי אויף ווירעס
(אפשר ווי אויף קריץ),
ווען מיין ליד אַנטפּלעקט זיך
פּלוצעם ווי אַ בליץ.

האַרבסט אין דאָרף

שוין טעג זינט ס'האָט די זון געשמייכלט,
זינט ס'איז געווען דער הימל בלוי.
עס גייט אַ רעגן אַ פאַרשמירטער
און ס'דאַכט — וועט אייביק גיין אַזוי.

אַ זומפּ איז פונעם דאָרף געוואָרן
און צו אַ שוואַרצן סמאָלע-טייך
די גאַס, ווו ס'זינקען פּיס און רעדער, —
די גאַס די בלאָטיקע איז גלייך.

זיך דורכצובּרעכן דורכן נעפּל
דער רויך פון קוימען איז צו שוואַך —
ער גיט אַ הייב זיך אין דער לופטן
און פאַלט אַנידער אויפן דאַך.

ס'איז שטיל און טויט, — צום רויש פון רעגן
איז שוין דער אויער צוגעוווינט,
נאָר אַז אין בלאָטע עמעץ שליאָפּעט,
דערהערט מען און מען איז דערשטוינט.

אַ מענטש גייט זעלטן. אָפּט, געמיטלעך
שנאָרט אום און כריוקעט אויפן קול
אַ נאַסער אויסגעשמירטער חזיר,
ווי פון דעם וועטער אַ סימבאָל.

אונדזער כאַטע

שטייט נאָך אונדזער אַלטע כאַטע,
וואָס איך זע אָן אויגן?
כ׳בין געווען נאָך אַ פּיסקליאַטע,
זי — שוין איינגעבויגן.

שטיין נאָך שטייט זי אין מיין חלום
און זי היט מיין וויגל.
בלינדערהייט וועל איך זי מאָלן,
אין מיר איז איר שפּיגל:

אויף דער כאַטעס קרומע אַקסלען
שווערע צווייגן סקריפּען,
ווי דער באַרנבוים וואָלט וואַקסן
פון דער אַלטערס ריפּן.

זיינע פּאַדעלקעס אַנטרינען
פון איר דאַך דעם סקאָסן,
ווו אין שטרוי צעפּוילטן גרינען
מאָך און ווילדע גראָזן.

און פון אונטער סטריכעס דאַשיק
מיט צוויי פענצטער־אויגן
קוקט איר פּנים, וואָס איז אַשיק
מיט אַ גרוי פאַרצויגן.

אויף דער פּריזבע, ווען ס׳איז וואַרעם,
איז דער קאַצס געלעגער
און דער הויף אַרום — דער האַרעם
פון דעם האָן דעם שלעגער.

און אָט־דאָרט, ווו צו דער ליימנעסט
פליט אַ ראַשיק שוועלבל,
וווינען אונדזערע בהמות:
מאַשאַ מיט איר קעלבל.

פאַרטאָג

די האַלבע לבנה,
אַן אויסגעבליכטע, אָפּגעצערטע —
אַ מזרח־מיידל מיט אַ האַלב־פאַרשלייערט פּנים,
וואָס האָט געוואַכט
אַ גאַנצע נאַכט,
אַרויסגעקוקט אויף איר באַשערטן —
די האַלבע לבנה, ניט געשטילט איר שמאַך,
נאָך אײַלט זיך ניט אַראָפּצוגיין פון הימלדאַך.
אַ שטערן נאָך אַ שטערן גיט אַ פינטל
און ווי אַן אויג פאַרשליסט זיך.
אַ נעפּל ראָסעדיק צעגיסט זיך
אויף בלאַט און גראָז.
טיף־אָטעמדיק אַ ווינטל,
ווי פון אַן אויפגעוואַכטנס נאָז,
גיט קיל אַ בלאָז,
און פון טומאַן,
וואָס האָט די ערד פאַרגאָסן ווי אַן אָקעאַן,
ווי אינדזלען שיילן זיך אַרויס
אַ באַרג, אַ בוים, אַ הויז.
פון הויפן און פון שטיבער
די הענער רופן הויך זיך איבער.
ווי קלעזמער שטעלן אַן די כלים פון אָרקעסטער,
אַזוי די שטימעס פּרוּוון אויס די פייגל אין די נעסטן,
און באַלד, פאַראייניקט אין אַ כאָר,
זיי זינגען שירה אַן אַ דיריזשאָר.

אין אַ חמימה

מיט פּיסיקעס ברייט־אָפּענע
צו' כאַפּן לופטשטאָף זויערן
פאַרשטומען ווי אַן האָפענונג
די פעדערדיקע פלויערן.

ביז דו וועסט, גאָט באַדאַכטיקער,
דעם שוויים־מבול באַדויערן,
דער טאָל, ביימאָג אַ נאַכטיקער,
האָט וואַסער פולע אויערן.

געהויקערטע, געקעמלטע,
ווי קאַראַוואַנען הויערן
די בערג די איינגעדרעמלטע
די חמימה אויסצודויערן.

פאַראַליזירט און שווייגנדיק
ווי שאָף, ווען חיות לויערן,
זיך האַלדזנדיק, זיך צווייַגנדיק,
אין וואַלד דיביימער טרויערן.

און ס'גענעצן פאַרשלאָפענע
די שטיבער און די מויערן
מיט טיר און פענצטער אָפענע,
צעכראַסטעטע ווי פויערן.

דער באַסיין

אויף אַ באַרג, ווי אין אַ טאָל,
איינגעראַמט אין ווענט פון שטיין —
פון אַ האַקעריי אַמאָל —
גרינט מיט וואַסער אַ באַסיין.

שפּיגלען זיך אין וואַסער אָפּ
פעלדזן, ביימער — שפּיץ־אַראָפּ,
קוקן וואָלקנדלעך אַריין,
רענדלעך וואַרפט פון זון די שיין.

טוט אַמאָל דער ווינט אַ פּאָך
און דעם שפּיגל גיט אַ בראָך,
בייגט זיך איבער אים דער וואַלד,
ברעכט די הענט און מאַכט אַ גוואַלד.

מערסטנס אָבער איז דאָ שטיל.
פישלעך פליעסקען זיך אין שפּיל,
מאַכן רעדער, און אַמאָל
ברומט דער אָקספּראָש אויפן קול.

ווילדע טויבן פליען אום,
פייגל זינגען רונד אַרום
און אַ העזל טרינקט אָן שרעק,
שפּרינגט פון ברעג ניט באַלד אַוועק.

ביימער און וואַסער

סאָסנעס ליכט־באַפּלעקטע —
יעדער ליכטפלעק איז אַ פלאַם
אויפן ברוינעם שטאַם,
ווי פון שאָקאָלאַד, —
סאָסנעס אויסגעשטרעקטע
שטייען שלאַנק און גלייך,
ווי סאָלדאַטן אויף פּאַראַד,
ביי דעם ברעג פון טייך.

ס'וואַסער איז אַן אויג, פאַרלאָפן מיט אַ טרער,
גלאַנצט עס מיט דער טרער נאָך מער.
אַז אַ ווינטל גיט אַ בלאָז,
ווערט פון אויג צעבראָכן גלאָז
און אין יעדן שפּליטערל דערפון
שימערירט אַ זון.
אַז אַ וועסלע פון אַ שיפל
גיט אַ שפּריץ,
איז אַ בליץ
יעדער טריפל.
אַז אַ יינגל שווימט אין דעם געבלענד,
דאַכט זיך, אַז ער ברענט.

דער וואַסערגלאָק

דער אויבערפלאַך פון ים פאַרראַט די שיפן
מיט אונטער־וואַסערדיקע ריפן.
נאָר איבער דעם פאַררעטערישן פלאַך
דער וואַסערגלאָק האַלט וואַך —
ער וויגט זיך אויף זיין פאַס און קלינגט
און מיט אַ רויטן לעמפל ווינקט:
— גיב אַכט!

ביינאַכט.
אין חושך זעען אויס די פלאַכן טיף.
קומט אָן אַ קורצזיכטיקע שיף
מיט רונדע פענצטערלעך פון גראָבן גלאָז,
וויברילן ביי די זייטן פון איר נאָז.
די פענצטער לייכטן ביי די זייטן,
נאָר זייער ליכט איז ניט קיין זון —
עס זעט די שיף ניט פון דער ווייטן
און טאַפּט דעם וועג און קריכט.
די כוואַליעס גלאַנציקע ווי שופן קעגן ליכט —
די טעכטער פון נעפּטון
זיך לאַסטשען צו דער שיף,
פאַרנאַרן צו דעם ריף,
ווו זייער פאָטער לויערט אין דער טיף.
נעמט האַסטיקער דער וואַסערגלאָק צו שווינגען
און מיט זיין רויטן אויג צו ווינקען
און מיט זיין צונג צו קלינגען:
— גלין־גלאַן! גלין־גלאַן!
סכנה, קאַפּיטאַן!

אין לוריי־הייל

צעשמאָלצן טריפוואַקס איז מיין האַרץ,
דער איינדרוק לייגט דעם שטעמפּל.
איך קוק זיך אום און שטאָט אַ הייל
דערזע איך גאָר אַ טעמפּל.

אויף מירמלזיילן מיט געשניץ
פּרוכתן זיך פאַלדן.
אַלטאַרן שטייען, אויפגעשטעלט
פאַר געטלעכע געשטאַלטן.

און ניט קיין מענטש אַ זינדיקער
געווען איז זייער מייסטער —
מיט גאָטספאַרכט האָט די ערד אַליין
פאַרקערפּערט הימלס גייסטער.

זע: חיות, פייגל, שרצים, פיש
אין שטיין איז צו געפינען,
ווי איר געזינד וואָלט מוטער־ערד
געשטעלט אין טעמפּל דינען.

אָט הענגען אָרגלען פון סופים,
געליכטלט און געצעפּלט.
עס שפּילט אויף זיי דער וועגווייזער
און ס'דאַכט — אַ פּריסטער פּרעפּלט.

ס'איז הייליק, הייליק אָט דאָס אָרט,
דאָ איז דער שכינהס וויגל.
מיר דאַכט — איך הער אַ זײַדן רויש
פון ווייכע כרובים־פליגל.

מיר ווילט זיך פאַלן אויף די קני
און תפילה־טאָן מיט טרערן.
הער אויף מיר על־פּי וויסנשאַפט,
דו וועגווייזער, דערקלערן!

ליבשאפט

פּאָטערלעך

איך האַלט דיך אויפן שויס, כ׳פּיל ווי אַ טאַטע
און ליידנשאַפטלעך שטורעמט ניט מיין בלוט.
דו טוליעסט זיך צו מיר און רוסט אַ מאַטע
און מיט דיין רויִקייט בין איך באַרוט.

און אַז כ׳דערזע אין דיינע אויגן טרערן,
אויך איך אַ טרער פון מיטגעפיל פאַרליר.
איך גיב דיר פאָטערלעך אַ קוש אין שטערן
און שעפּטשע: „ליבסטע, מיר זאָל זיין פאַר דיר״.

עס וואָלט אומגלייבלעך אויסגעזען די סצענע
פאַר דער, וואָס האָט געקענט מיך ווי אַ מאַן —
די תאווה בלויז געוועקט אין מאַן האָט יענע,
און דו — געטרייע ליבשאַפט אין פּראָפאַן.

אַ בריוו

ליגט דיין דורכגעלייענט בריוול אויפן טיש
און דער נאָכטעם איז נאָך פריש.
הויכט אַזאַ מין ליבע וואַרעמקייט דערפון,
ווי פון דער פרימאָרגנדיקער זון.
וואַרעם איך זיך אין דער ליבשאַפט פון דיין בריוו,
גלייך ווי מיט פאַרזשמורעטע פון תענוג אויגן
אויף דער זון אַ קעצל אויסגעצויגן,
און איך מורקע עפּעס אַ מאָטיוו.

ברוך הבא

מיין קאָפּ
האָט ווי אַ מיזאַנטראָפּ
פון שפּאַלט אין לאָדן דיך באַטראַכט,
אַ פולער מיט פאַרדאַכט,
נאָר ס'הארץ האָט באַלד
פאַר דיר זיך אויפגעפּראַלט
און אין דער האַנט געגעבן דיר
דעם שליסל צו דער טיר.

אַן אורח

ווי ס'איז דער פעלדזנשטיין,
וואָס אינדזלט איין־אַליין
אין מיטן ים דעם לערן,
דעם וואַנדער־פויגל גערן,
אַזוי האָב איך דיין קומען
מיט שמחה אויפגענומען.

נאָר ווי דער פויגל ביי דעם שטיין אין שום,
ווען זיינע פליגל רוט ער אויס,
לאָזט ווייטער זיך אין וועג,
אַזוי, מיין אורח, ביסטו אויך אַוועק
און ווידער בין איך ווי דער שטיין
געבליבן איין־אַליין.

ווייט און נאָענט

דו ביסט פון מיר ווייט, ווייט
ווי פון אַ מדבר־וואַנדערער אַ קוואַל,
דאָך ווי אַ שאָטן ביסטו ביי מיין זייט
און רוישסט אין הארצן ווי אַ וואַסערפאַל.

כ'בין צו אַ קעמל גלייך:
שוין טעג זינט כ'בין אַוועק פון טייך,
נאָר כ'בין מיט זיין געטראַנק
מחיה זיך נאָך לאַנג.

די שטראָף

כ׳האָב ווי אַ גאַסט די ליבע אויפגענומען,
ווען צו מיין שוועל איז זי געקומען.
איך האָב געטראַכט: — כ׳בין רייך אַזוי ווי קורח,
איך מעג פאַרגינען זיך אַן אורח.
האָט גאָט פאַר גיבן צדקה מיך געבענטשט כפלים,
נאָר פאַר מיין שטאָלץ האָט מיך באַשטראָפט דער דיין:
פאַרטאָפּלט זיינען אַלע מיינע גיטער,
נאָר איך בין ביי דער ליבע בלויז אַ היטער,
און זי, וואָס איז ווי בלויז אַ גאַסט געקומען,
האָט שאַלטן ווי אַ באַלעבאָס גענומען.

ניט קיין פּאָר

אויף די רונדע יאָרן הייבסטו אָן ערשט רייַזן,
איך האָב מיילן, מיילן דורכגעפאָרן,
בין איך פון דיר עלטער און פאַר דיר קיין פּאָר ניט,
אָבער כ׳שעם זיך ניט מיט מיינע יאָרן.

כ׳האָב געשפּילט ווי ווין און אָפּגעזעצט די הייוון
און געוואָרן ריין און שטאַרק און וואַרעם.
אויסגעשטורעמט האָט מיין האַרץ די ווילדע בלוטן
און גאָטס קול פאַרנומען נאָכן ליאַרעם.

בין איך ניט קיין זשעדנע שוואָם, וואָס זאַפּט אַריין בלויז,
נאָר אַ שעפער, וואָס צו טרינקען גיט ער.
לויטער ברענט מיין ליבע, מאַכט זי ניט צו וויינען
מיט קיין רויך, וואָס פאַרן אויג איז ביטער.

אַבער דו ביסט ווי אַ ווילדערניש, ווו הפקר
וואַקסן בלום און קראָפּעווע צוזאַמען,
און ווי אַ צעלאָזן קרענקלעך קינד, וואָס ווייס ניט
וואָס עס וויל און קלאָגט און פּלאָגט זיין מאַמען.

שטייגן מיינע יאָרן

שטייגן מיינע יאָרן העכער, העכער,
שטייג איך ווי אויך שטיגן באַרג אַרויף,
עפנט זיך דאָס לעבן ווי אַ פעכער
אַרום מיר ווי אַרום אַ שרויף.

איז די גרויסע וועלט אַ פּאַנאָראַמע
פאַרן בליק, וואָס איז געוועזן בלינד;
איז דער זומפּ די שיינקייט ניט מטמא,
ווי די קויט פאַרמיאוסט ניט קיין קינד;

איז מיט זעלבער ליבע אויסגעמאָלן
ליכט און שאָטן אויפן קינסטלערס בילד;
שפּילן פאַרביק בערג אַזוי ווי טאָלן,
שטאָט אַזוי ווי אומבאַרירטע ווילד.

אַרט מיך ניט וואָס אונטן בלייבן ליגן
יוגנט-פלאַך און ענגער קינדערהויף
און אַ פרייד איז אויף די יאָרן-שטיגן
אַלץ צו שטייגן באַרג אַרויף, אַרויף!

דור הפלגה

1

„און די גאַנצע ערד איז געווען איין שפּראַך
און ווערטער ניט קיין סך.
און ס׳איז געווען אויף זייער וואַנדערן
אין מזרח פון אַמאָל,
אַז געפונען האָבן זיי אַ טאָל
און דאָרטן זיך געמאַכט זייער היים.
און געזאָגט האָט איינער צו דעם אַנדערן:
— לאָמיר קנעטן ציגל און אויסצוברענען אין געברען.
און ס׳איז די ציגל זיי פאַר שטיין געווען
און ס׳איז פאַר וואַפּנע זיי געווען די ליים.
און געזאָגט זיי האָבן: — לאָמיר
בויען זיך אַ שטאָט און אויך
אַ טורעם הימל־הויך
און מאַכן זיך מיט דעם
אַ שם, —
טאָמער
ווערן מיר צעשפּרייט איבער גאָר דער ערד.“
בראשית י״א

2

גאָט און טייוול זיינען ניט קיין פיינד אין שטריט.
שד און יה איז שדי — אלמאַכט, איינקייט.

נאָר צו שדי׳ס אלמאַכט זאָל זיין אַלץ געשטעלט,
איז אין הימל אחדות און צעטיילט די וועלט:

וואַסער קעגן פייער, קעגן וואַסער פראָסט
און אַנטקעגן גליווער — פייער וואָס צעלאָזט;

טויט איז קעגן לעבן, קעגן טויט — געשלעכט,
אַז עס זאָל ניט פעלן פאַר דעם האַר קיין קנעכט.

3

בויער — אַן צעמענט און שטיינער —
מויערן אין טאָל אַ שטאָט, —
אויך באַשעפער זיינען מענטשן,
די געראָטענע אין גאָט.

גאָט האָט רויע ליים באַשאַפן,
און מיט שעפערישע הענט
אָט די ליים פאַרוואַנדלען מענטשן
אין געשטיין און אין צעמענט.

ציגל ברענען זיי אין פייער
און באַהעפטן זיי מיט ליים.
פון דעם טאָל אַ באַרג וועט שאַפן
זייער טורעמדיקע היים.

ניט באַזונדער, יעדער פאַר זיך,
בויען זיי, נאָר האַנט אין האַנט
און זיי זיינען פעסט צוזאַמען
ווי די ציגל אין דער וואַנט.

שטייגן מויערן, אַ טורעם
שפּרינגט צום הימל פון דעם טאָל
און די בויער ביי דער אַרבעט
זינגען איינ‌יק ווי איין קול:

4

— ליים און ציגל! ליים און ציגל!
מויער זיך דיין אייגן וויגל,
געטלעך מענטשיש קינד.
האָסט געלעבט אַ סך שוין דורות,
נאָר דו ביסט אַ ניי־געבוירנס,
ניט געבוירן בלינד.

גאָט האָט דיך אַן גייסט באַשאַפן,
בלויז מיט נײַגיר פון די אַפן,
און געררייצט פון סוד,

האָסטו זיך אַריינגעביסן
אין דער פּרוכט פון געטלעך וויסן
און דו ביסט האַלב גאָט.

האָסט פאַרלוירן דעם גן־עדן,
קאָנסטו אָבער אונטערשיידן
צווישן שלעכט און גוט.
ביסט אין מבול אומגעקומען,
אָבער ווידער אויפגעשוואומען,
גייַסטיק ניט באַרוט —

און געוואַקסן און פאַרמערט זיך,
אויסגעשפּרייט אויף גאָר דער ערד זיך,
נאָר עס שרעקט דאָס גליק —
פון דער ווייטן זאָלן ברידער
פרעמד ניט ווערן, זיך דערווידער,
מענטש מיט מענטש אין קריג.

ליים און ציגל! ליים און ציגל!
בוי אַ צענטער אין דעם עיגול
פון צעשפּרייטן פאָלק
און — אַ טורעם אין די הייכן:
פון דער אייניקייט אַ צייכן
און פון איר דערפאָלג.

עדות איז פון ליים דער טורעם,
וואָס באַשטייט אַנטקעגן שטורעם
ווי אַ פעלדזנבאַרג.
וועלן פון דער ווייט די ברידער
זען דעם צייכן און זיין ווידער
אין דער אחדות שטאַרק.

5

קוקט די שדי־אַלמאַכט אויף דעם מענטשנס טאַט,
אין זיין גוטן ווילן האָט דערזען פאַרראַט.

מענטש האָט זיך פאַראייניקט, באַלד שוין גלייך צו גאָט.
אייניקייט איז ער דאָך: **שד און יה — אחד.**

מענטש האָט זיך פאַראייניקט, קאָן ער אַלץ שוין טאָן.
איבער אים גאָטס הערשאַפט שטייט אַצינד אין קאָן.

נאָר זיין שפּראַך צעמישן וועט דער האַר אין צייט,
וועט דער קנעכט ניט ווערן קיינמאָל שוין באַפרייט.

6

רייסט זיך איבער דאָס געזאַנג פון ברידער,
גרילציקע געשרייען שטאָט די לידער.
אַלע האָבן ערשט גערעדט איין שפּראַך,
מיטאַמאָל, מען ליאַרעמט אויף אַ סך.

ליים באַדאַרף דער בויער אויפן לייטער
און גאָר ציגל אים דערלאַנגט דער צווייטער.
וויל ער ברויט צום עסן, קריגט ער ליים,
ווייל פאַר יענעם איז זיין שפּראַך געהיים.

הייבט ווער אויף אַ האַנט צו סאַלוטירן,
מיינט מען — אַ געשלעג ער וויל פאַרפירן;
רייסט ער זיך פאַר צער די האָר פון קאָפּ,
מיינט מען, אַז ער איז פון זין אַראָפּ.

מיט געלעכטער הערט מען אויס יללות,
גוטע ווונטשן נעמט מען אָן פאַר קללות,
און ס'דערבויען ניט דעם טורעמס ווענט
די געשלאָסענע אין פויסטן הענט.

שפּרייט זיך אויס דער מענטש אויף אַלע זייטן,
איינער זאָל פון צווייטן זיין פון ווייטן
און צו אים דערנענטערן זיך בלויז
אין אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס.

זון איבער אלץ

1936

טריאָלעטן

איבער אַלץ

איבער אַלץ ווי די זון, וואָס איז ליכט אָן אַ שאָטן,
איבער זאַכן אין שאָטן און זאַכן אין שיין,
איז מיין פרייד איבער אַלץ אַזוי לאַנג ווי איך אָטעם:
איבער אַלץ ווי די זון, וואָס איז ליכט אָן אַ שאָטן
און וואָס הענגט בלויז אויף גאָטס אומגעזעענע דראָטן,
איז מיין פרייד איבער אַלץ: איבער ווילטאָג און פּיין,
איבער אַלץ ווי די זון, וואָס איז ליכט אָן אַ שאָטן,
איבער זאַכן אין שאָטן און זאַכן אין שיין.

ווי די זון אויף דער ערד

פרייד גייט אויף און פאַרגייט ווי די זון אויף דער ערד,
נאָר די ערד, ניט די זון דרייט זיך אויס מיטן רוקן,
דאַכט זיך אויס, אַז די זון האָט אַ טאָג בלויז געווערט.
פרייד גייט אויף און פאַרגייט ווי די זון אויף דער ערד,
צו דער פרייד וועט מיין פּנים זיין תּמיד געקערט
און צום טרויער וועל איך אויף אַהינטער ניט קוקן.
פרייד גייט אויף און פאַרגייט ווי די זון אויף דער ערד,
נאָר די ערד, ניט די זון דרייט זיך אויס מיטן רוקן.

ווען די זון פאַרגייט

די זון, ווען זי פאַרגייט אפילו, איז געטריי —
אַ מאַמע פון צעבאַלעוועטן קינד פאַרבאָרגן,
ס'זאָל זיך געוווינען שלאָפן אויך אָן איר דערביי.
די זון, ווען זי פאַרגייט אפילו, איז געטריי —
פאַרוויינטע קינדער זיינען מיר ביינאַכט אויפסניי,
זי לערנט אונדז געדולדיק וואַרטן ביז פרימאָרגן.
די זון, ווען זי פאַרגייט אפילו, איז געטריי —
אַ מאַמע פון צעבאַלעוועטן קינד פאַרבאָרגן.

בלויז פאַרוואָלקנט

הילט זיך אין וואָלקנס די זון פון מיין גלויבן,
איז ניט פאַרגאַנגען מיין פריידיקע זון —
אויך דורך די וואָלקנס זי לויכט ווי דורך שויבן.
הילט זיך אין וואָלקנס די זון פון מיין גלויבן,
אָבער פאַרגיין איך וועל איר ניט דערלויבן, —
זיי מיט מיר, גאָט, ווי אַמאָל — מיט בן־נון.
הילט זיך אין וואָלקנס די זון פון מיין גלויבן,
איז ניט פאַרגאַנגען מיין פריידיקע זון.

אויך אין מיט פון ליידן

אויך אין מיט פון ליידן בליט די צאַרטע פרייד
ווי אַ ליליע אין מיט פון דערנער,
נאָר דער בלינדער קאָן די דערנער, ניט די קווייט.
אויך אין מיט פון ליידן בליט די צאַרטע פרייד,
נאָר דער בלינדער שטייט אין ליידן איינגעדרייט
ווי אַ הירש פאַרפלאָנטערט מיט די הערנער.
דאָך אין מיט פון ליידן בליט די צאַרטע פרייד
ווי אַ ליליע אין מיט פון דערנער.

איז דאָס גלייך אויף גלייך?

התגלותדיק לויכט־אויף די זון דעם טייך אַנטקעגן,
התלהבותדיק איז איבערראַשט דער פרילינגטייך,
וואָס ערשט איז יִיאושדיק פאַראַליזירט געלעגן.
התגלותדיק לויכט־אויף די זון דעם טייך אַנטקעגן,
דער שטראַלנדיקער טייך גייט־איבער זיינע ברעגן, —
איז די התלהבות מיט דעם יִיאוש גלייך אויף גלייך?
התגלותדיק לויכט־אויף די זון דעם טייך אַנטקעגן,
התלהבודתיק איז איבערראַשט דער פרילינגטייך.

אַ זון מיט אַ רעגן

אַ זון מיט אַ רעגן — מיין פרייד און מיין טרויער,
זיי בעטן זיך איבער אין טרערן פון גליק
און שעמעוודיק שמייכלען ווי פיינד אין באַדויער.
אַ זון מיט אַ רעגן — מיין פרייד און מיין טרויער,
זיי וועלבן אַ זיבן־קאָלירן טויער,
דורך אים זאָל מאַרשירן דער זיג איבער קריג.
אַ זון מיט אַ רעגן — מיין פרייד און מיין טרויער,
זיי בעטן זיך איבער אין טרערן פון גליק.

גוט און אומעטיק

גוט און אומעטיק ביז טרערן,
שיכור בין איך פון מיין פיין
ווי פון וויין, וואָס טרינקט זיך גערן.
גוט און אומעטיק ביז טרערן,
אויף מיין פיבערהאַפטן שטערן
ברענען דערנער מיט אַ שיין...
גוט און אומעטיק ביז טרערן,
שיכור בין איך פון מיין פיין.

קלוגע יאָרן

געבענטשטער פרידן פון די קלוגע יאָרן,
ווען פרייד און לייד צוזאַמען הויזן,
ווי אין אַ רויז דער בעכער און דער דאָרן.
געבענטשטער פרידן פון די קלוגע יאָרן,
וואָס זענען קיין היפּוכים ניט, נאָר פּאָרן
און נעמען אָן די דערנער ווי די רויזן.
געבענטשטער פרידן פון די קלוגע יאָרן,
ווען פרייד און לייד צוזאַמען הויזן.

אַז ווויל די קינדער

אַז ווויל די קינדער, וואָס זיי זיינען וואך
פאַר ליכט און שאָטן ווי אַ וואַסער־שפּיגל
און נעמען אויף מיט ציטער יעדע זאַך.
אַז ווויל די קינדער, וואָס זיי זיינען וואך
און לאַכן פיל, און שפּילן זיך אַ סך,
און אַז זיי וויינען, טרייסט זיי לאָם און ציגל.
אַז ווויל די קינדער, וואָס זיי זיינען וואך
פאַר ליכט און שאָטן ווי אַ וואַסער־שפּיגל.

אַ געבעט

שוין איידער גלייכגילט, גיב יסורים בעסער,
אַז שלייַפן זאָלן זיי די טעמפּע זעל,
ווי ס׳שלייַפט אַ שאַרפשטיין אַ פאַרזשאַווערט מעסער.
שוין איידער גלייכגילט, גיב יסורים בעסער,
אַז בלאַנקען זאָל די זעל און שפּיגלען גרעסער
די פרייד, ווען זי וועט ווידער אויפגיין העל.
שוין איידער גלייכגילט, גיב יסורים בעסער,
אַז שלייַפן זאָלן זיי די טעמפּע זעל.

צו די מורמלער

אויף גאָט ניט מורמלט, קינדער איר צעלאָזטע,
נאָר אויף די אויגן, וואָס זיי זעען שוואַרץ
און — ניט דעם וווּנדער אויך פון זאַכן פראָסטע.
אויף גאָט ניט מורמלט, קינדער איר צעלאָזטע,
נאָר אויף די טעמפּע חושים די פאַרראָסטע
און קלאָגט אויף אייַער שמאָלץ־פאַרוואָקסן האַרץ.
אויף גאָט ניט מורמלט, קינדער איר צעלאָזטע,
נאָר אויף די אויגן, וואָס זיי זעען שוואַרץ.

דענקער

דענקער זיינען זיי און דענקען,
נאָר זיי דענקען ניט גענוג, —
זיי, וואָס בלויז דאָס שלעכטס געדענקען.
דענקער זיינען זיי און דענקען —
לאָזן זיסע טרויבן הענגען,
קוועטשן זויערע אין קרוג.
דענקער זיינען זיי און דענקען,
נאָר זיי דענקען ניט גענוג.

נאָך האָט זיך גאָט...

נאָך האָט זיך גאָט אין גאַנצן ניט געפונען,
ער זוכט אין זיין באַשאַף אַ תיקון
און גראָבט אין מענטשן פאַר זיין דאָרשט אַ ברונען.
נאָך האָט זיך גאָט אין גאַנצן ניט געפונען,
נאָך וועלן מענטשן שטראַליקע ווי זונען
מיט בלויזע אויגן גאָט דערבליקן.
נאָך האָט זיך גאָט אין גאַנצן ניט געפונען,
ער זוכט אין זיין באַשאַף אַ תיקון.

פרייהייט און טרייהייט

זאָל פרייהייט מיט טרייהייט זיך צאַמען,
אַזוי ווי דער ים מיט די ברעגעס!
זאָל שיינקייט מיט ריינקייט זיך גראַמען!
זאָל פרייהייט מיט טרייהייט זיך צאַמען!
ווי הייליקע בילדער אין ראַמען,
ראַם איַין דיינע הייליקע רגעס!
זאָל פרייהייט מיט טרייהייט זיך צאַמען,
אַזוי ווי דער ים מיט די ברעגעס!

ווי דער אָסיען

אַז איך טראַכט אַמאָל פֿון שטאַרבן,
וויל איך שטאַרבן ווי דער אָסיען
אויף אַ היסב־בעט פֿון גאַרבן.
אַז איך טראַכט אַמאָל פֿון שטאַרבן,
וויל איך שטאַרבן רייך מיט פֿאַרבן,
פֿול מיט פֿרוכט און זאַט געגאָסן.
אַז איך טראַכט אַמאָל פֿון שטאַרבן,
וויל איך שטאַרבן ווי דער אָסיען.

לערער

דער טויט וועט לערנען מיך צו לעבן,
דאָס לעבן וועט מיך לערנען שטאַרבן
און גאָט — צו שלימות אייביק שטרעבן.
דער טויט וועט לערנען מיך צו לעבן,
די ליבע — גאָט זיך איבערגעבן
אין וואַקסן, בליען און אין דאַרבן.
דער טויט וועט לערנען מיך צו לעבן,
דאָס לעבן וועט מיך לערנען שטאַרבן.

אינטים

איך וועל אינטים זיין מיטן טויט
אַזוי ווי מיט דעם לעבן
און וועל אים פֿילן הויט צו הויט.
איך וועל אינטים זיין מיטן טויט —
ווי צו אַ נאָענטן וואָס מען טרויט
אַ שמייכל וועל איך געבן.
איך וועל אינטים זיין מיטן טויט
אַזוי ווי מיט דעם לעבן.

חתן־כלה

ווי אַ חתן שיקט דער טויט דיר אָפּטע גרוסן:
„ניט פאַרגעס מיך, ביסט פאַרקנסט צו מיר.״
און דו נעמסט זיי אָפּ מיט טרערן און מיט קושן.
ווי אַ חתן שיקט דער טויט דיר אָפּטע גרוסן,
ווי אַ כלה אין די חתונה־מלבושים
זיצסטו פאַרן שפּיגל, היטסט די טיר.
ווי אַ חתן שיקט דער טויט דיר אָפּטע גרוסן:
„ניט פאַרגעס מיך, ביסט פאַרקנסט צו מיר.״

זי בעט ביים טויט:

ליגן אָפּ, באַשערטער, אונדזער ראַנדעווו.
איך בין ניט ראוי נאָך דו זאָלסט מיך נעמען
צו טיילן דיין געלעגער און דיין רו.
ליגן אָפּ, באַשערטער, אונדזער ראַנדעווו.
איך הייליק זיך, איך גרייט פאַר דיר זיך צו,
אַז כ׳זאָל אין מיידלשרעק דיך ניט פאַרשעמען.
ליגן אָפּ, באַשערטער, אונדזער ראַנדעווו.
איך בין ניט ראוי נאָך דו זאָלסט מיך נעמען.

באַהעפטונג

דער טויט וועט דיך באַשלאָפן ווי אַ בתולה,
אין זיסן קראַמף וועט קאָרטשען זיך דיין לײַב,
אַז שליסן וועלן זיך די אויגן, הולע.
דער טויט וועט דיך באַשלאָפן ווי אַ בתולה
און ברענגען דיר פון תאווה די גאולה,
דו וועסט זיך ציען — אַ געזעטיקט ווייב.
דער טויט וועט דיך באַשלאָפן ווי אַ בתולה,
אין זיסן קראַמף וועט קאָרטשען זיך דיין לײַב.

ניט פאַרשניטן

איך האָב אין ליבשאַפט אַפּגעגעבן זיך צום לעבן,
און ס'לעבן האָט באַפרוכפּערט מיינע לידער,
וואָס איך האָב זיי צוריק ווי קינדער אים געגעבן.
איך האָב אין ליבשאַפט אַפּגעגעבן זיך צום לעבן,
מעג איבער מיר דער שאָטן פונעם טויט שוין שוועבן, —
איך וועל אין מיינע קינדער לעבן ווידער.
איך האָב אין ליבשאַפט אַפּגעגעבן זיך צום לעבן,
און ס'לעבן האָט באַפרוכפּערט מיינע לידער.

ווערטער פון אַ ליד

ווי למד־וואָוון, פּראָסטע ווערטער פון אַ ליד
פאַרשטויבטע גרויען אין המון ווי אַלע —
באַקענטע, ניט־דערקענטע אויפן וואָרט־יאַריד.
און פּלוצלינג אָט די פּראָסטע ווערטער פון אַ ליד
צעזינגען זיך ווי שלום־אַשעס תהילים־ייִד
און ווערן ווי די הייליקע נתגלה
און מיט די יום־טובדיקע ווערטער פון אַ ליד
ווי פייערלעכע חסידים זינגען אַלע.

ליד איז ברויט

ליד איז ברויט, און ברויט איז ליד,
אויף ביידע מאַך אַ ברכה
און ווי די הענט וואַש דיין געמיט.
ווען ליד איז ברויט, און ברויט איז ליד,
דער זשאַר פון יום־טוב לעשט זיך ניט
אין אַש פון אין דער וואָכן.
ליד איז ברויט, און ברויט איז ליד,
אויף ביידע מאַך אַ ברכה.

ווי אַ פאַסטעך

ווי אַ פאַסטעך פיטער איך די לידער
אויף די בערג און טאָלן פון מיין וועלט
און מיט זיי צוזאַמען כ׳שטייג און נידער.
ווי אַ פאַסטעך פיטער איך די לידער —
די וואָס בלאָנדזשען, ברענג איך צו די ברידער
און די קראַנקע היילן איך אין מיין געצעלט.
ווי אַ פאַסטעך פיטער איך די לידער
אויף די בערג און טאָלן פון מיין וועלט.

אין פרידן און מלחמה

אין פרידן נאָך די לידער מיינע ווײַלן
ווי רויך פון אָנגענומענע קרבנות,
וואָס הייבט זיך אויף אין שטילע ווייסע זיילן.
אין פרידן נאָך די לידער מיינע ווײַלן,
נאָר אין מלחמה — גיכער פון די פיילן
אַנטלויפן זיי צו גאָט אין אור-הגנוז.
אין פרידן נאָך די לידער מיינע ווײַלן
ווי רויך פון אָנגענומענע קרבנות.

ש ט י ל

מיין ליד איז שטיל ווי רויך אַ קנויל,
וואָס פון מזבח שטייגט באַרוט
און שמעקט צו גאָט אין הימל וווּיל.
מיין ליד איז שטיל ווי רויך אַ קנויל,
נאָר ס׳ברענט דאָס האַרץ — אַ הייסע קויל
און אויפן פייער זידט דאָס בלוט.
מיין ליד איז שטיל ווי רויך אַ קנויל,
וואָס פון מזבח שטייגט באַרוט.

איין גרויס הויז

איין גרויס הויז

איך וואַרף דעם וואַנדער־שטעקן
און שטויב מיר אָפּ די שיך.
ווי גאָט אין אַלע עקן
אַן אַרטיקער בין איך.

האָב שטויב גענוג געשטויסן,
איך גיי ניט מער אַרויס.
ס'איז גאָר ניטאָ קיין דרויסן,
די וועלט איז איין גרויס הויז.

דאָס צימערל דאָס קלענסטע
איז גרויס גענוג פאַר מיר —
גאָט זע איך פון מיין פענצטער,
די שכנים — פון מיין טיר.

היימיש

די שטערן פינקלען היימיש
ווי פייערפליגן הי.
מיך שרעקט ניט קיין געהיימניש
ביינאַכט ווי אין דער פרי.

דאָ פייערפליגן ווימלען
ווי שטערן דאָרט אינטים.
דאָ־הי און אויף די הימלען
איז גאָט, און איך מיט אים.

אויף שטערן און אויף פליגן
די שכינה רוט אַלציינס,
אין שוים פון בורא ליגן
צוזאַמען גרויס און קליין.

ער טיילט ניט אויס באַזונדער
קיין קינד פון זיין געזינד,
נאָר יעדער איז גאָטס וווּנדער,
און איך בין אויך זיין קינד.

ווי צוויי וואָס אָטעמען מיט איין געמיט

אַראָפּגעצויגן פון די פּיס די שיך,
האָב איך, אַ נישטיקער, פאַר גאָט געקניט,
ווייל גאָט איז דרײַ מאָל הייליק, — ווער בין איך,
וואָס אָטעם מיטן הויך פון זיין געמיט?

האָט גאָט אַראָפּגעצויגן זיינע שיך
און האָט אַליין אין שטויב פאַר מיר געקניט,
ווייל דרײַ מאָל הייליק אויך ווי גאָט בין איך —
אַ הויך אַ געטלעכער פון זיין געמיט.

אוןביידע האָבן מיר אין שטויב אָן שיך,
פאַרגאַפטע פאַר דער הייליקייט, געקניט,
און ס'האָט דערנידעריקט זיך גאָט ווי איך,
וואָס אָטעם מיטן הויך פון זיין געמיט.

ביז ס'האָבן די פאַרשעמטע גרויע שיך
אונדז נאָכגעקרימט — ס'האָט שוך פאַר שוך געקניט,
און זיך דערזען אין זיי האָט גאָט און איך —
מיט אונדזער גאַנצער שיפלות פון געמיט.

און שטויב אַנטקעגן שטויב, וואָס אויף די שיך,
האָט זיך געבוקט, געקוילערט זיך, געקניט,
אַז גאָט אַליין האָט זיך צעלאַכט, און איך
האָב מיטגעלאַכט מיט אַ באַפרייט געמיט.

זינט דעמאָלט צי איך ניט אַראָפּ די שיך,
איך שטיי פאַר גאָט — ניט ווי אַ קנעכט וואָס קניט.
אינטים איז גאָט, און היימיש־פריי בין איך,
ווי צוויי, וואָס אָטעמען מיט איין געמיט.

רעד צו ביימער

— רעד צו ביימער און צו שטיינער,
טרוימער, זינגער איינאַליינער.
מענטשן זיינען טויטע ביינער,
דיינע לידער דאַרף נים קיינער.

שמייכלט זינגער צו דעם ווינער:
— איך בין נים קיין איינאַליינער,
כ׳רעד מיט ביימער און מיט שטיינער
און באַלעב די טויטע ביינער.

פאַר דעם אַליין

אַ הימל בלוי און ריין
און וואָלקנס ווײַס, געלייטערט.
שוין בלויז פאַר דעם אַליין
איז גוט צו לעבן ווייטער.

אַ ליבע מילדע זון,
אַ צאַרטער ווינט, אַ ווייכער,
און וואָס ס׳האָט ווי געטון
איז בלויז אַ זיסער זכר.

אַ שאָטן פון אַ בוים,
אַ פלוידערן פון בלעטער,
און ווידער וויגט מיין טרוים
אַ האָפענונג אויף שפּעטער.

פרייד

ווי ס׳בלעזלט זיך אַ רעגן אויף אַ וואַסערפלאַך,
די פרייד אין מיר רוישט וועסנעדיק, געשמאַק און גוט.
די פולע אַדערן ווי רינעס פון אַ דאַך
פולסירן פיבערהאַפט מיט מיין צעהוליעט בלוט.

איך בראַדזשע אום אין פרייד, ווי ס׳בראַדזשעט אום אַ קינד
אין טומלדיקע ריטשקעלעך פון רעגנגאַס.
און פרעגט וואָס איז די גדולה אויף מיין קאָפּ אַצינד,
איז ווייס איך ניט און ווילן וויל איך ניט פאַרוואָס.

זון־פאַרשיכורט

די ליבע זון איז אויפגעלייגט
און שמייכלט נאָכאַנאַנד,
זי האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט
איר בענטשנדיקע האַנט.

די שטראַלן־פינגער וואַרעמען
מיין קאָפּ ווי אַקעגווייט
און כ׳זינג צו אַלץ און אַלעמען
אַ זון־פאַרשיכורט ליד.

מיין הארץ — אַ שטוב אָן אָפּענע,
דורך טיר און פענצטער פריי
קומט פריש ווי לופט די האָפענונג,
זינגט פרייד ווי פרילינג ניי.

מיט ביידע הענט פאַרקאַשערטע
איך דריק די הענט פון פריינד,
מיט אויגן אויסגעכשרטע
איך זע קיין פיינד ניט היינט.

כ׳בין ווי די זון היינט אויפגעלייגט
און שמייכל נאָכאַנאַנד,
זי האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט
איר בענטשנדיקע האַנט.

פאַרוואַנדלונג

און ווען דער יִיאוש ווילד פון פיין
מיט קרעציק־קראַנקע לענדן
אין טעמפל פון מיין פרייד אַריין
צו לעסטערן און שענדן,
וועט פרייד, אַ הייליקע אין שיין,
אים ווי די זון פאַרבלענדן.

און בלייבן וועט ער פלוצלינג שטיין —
אַ חיה פאַר אַ פייער —
און וויינען וועט ער דאָס געוויין
פון חושך אין דער חיה,
פון שרעק אין קינד, וואָס קומט צו גיין
אין העלער וועלט אין נייער.

נאָר ווי דורך רעגן לאַכט די זון,
וועט לאַכן פרייד אין פנים,
און טאַנצן וועט זיין בלוט דערפון
ווי נאָכן רעגן — שטראָמען,
און פרייד וועט רופן אים: „מיין זון,
התלהבות איז דיין נאָמען".

אָפּשייד

מיט אַ פייערלעכן פנים
צום פאַרזאַמלטן ארום
אויפן שוועל פון מערב שטעלט זיך
די פאַרגייענדיקע זון.

הייבט זי אויף די הענט און דוכנט,
פינגער פעכערדיק צעשפּרייט,
און זי גיט דער וועלט איר ברכה,
און זי שיידט זיך, און פאַרגייט.

שטיל מיט פייערלעכן אָפּשיַי
שטייט נאָך לאַנג די וועלט אַרום
און עס דאַכט זיך, אַז זי טרויערט
אויפן אָפּשייד פון דער זון.

אין גאָטס גאָרטן

די שטערן פינקלען איבער סאָד און לאָנקע,
ניט איבער ליכט-פאַרבלענדטע גאַס און מאַרק.
אַ פרעמדער, אין דער בלאָנקער שטאָט איך בלאָנקע,
אומהיימלעך איז ניט לאַנג אין שוואַרצן פאַרק.

אין קרייז פוןביימער בין איך צווישן ברידער,
וואָס איך האָב זיי אין אָנהייב ניט דערקענט.
גאָטור, איך בין אַהיים געקומען ווידער,
נאָר מיטגעבראַכט דעם חשד פון פרעמדע ווענט.

עס דוכענען די ביימער מיט די צווייגן,
די נאַכט געהילט אין טלית פאַרכטיק האָרכט.
איך וואָג צו קוקן זיך צו איבערצייגן,
אַז פאַר אַ ברכה בלויז די בלינדקייט פאָרכט.

אין איין מינוט ווערט היימיש דאָס געהיימע
און אייגן ווערט די אָפּגעפרעמדטע ערד
און כ׳רוף צו גאָט אויס ליבע, ניט פאַר אימה
און פון גאָטס גאָרטן טרייבט מיך ניט קיין שווערד.

פרידן

זײַ מיר ווי אַ זיידע, פרידן,
נעם מיך אויף דיין שוים
ווי אַן אייניקל אַ מידן
נאָך אַ טאָג פון רויש.

זיידע איז שוין זאַט מיט יאָרן,
וויים ער וואָס איז רו;
אייניקל איז מאַט געוואָרן,
טוליעט ער זיך צו.

זיידעס קאָפּ איז אָנגעבויגן,
אויפן קינד זיין באַק;
אייניקל מאַכט צו די אויגן
און שלאָפט איַין געשמאַק.

רוען בײדע, שטילע בײדע,
דער קאַמין גייט אוים...
פרידן, זײַ מיר ווי אַ זיידע,
נעם מיך אויף דיין שוים.

אַ ווייסער זיידע

זון אין מערב היימלעך
ברענט ווי אַ קאַמין.
שניי — אַ ווײַסער זיידע —
וואַרעמט זיך דערין.

זיינע באַקן גליען
גלייך ווי זשאַר אין אַש,
אויף זיין באָרד פון זילבער
שמעלצט זיך גאָלד אַ פּאַס.

שאַ און שטיל, זיין אָטעם
ווינטלט ניט קיין האָר.
דרעמלט אײַן דער זיידע
צווישן טרוים און וואָר.

שלאָף

כ׳האָב אַ מידער אויסגעשטרעקט זיך,
צוגעשלאָסן מיינע אויגן,
ווי פון גוף וואָלט די נשמה
שוין געווען אַרויסגעפלויגן.

איז דער שלאָף צו מיר געקומען
אין געשטאַלט פון אליהו,
דער וואָס איז מחיה-מתים,
ניט דער נביא דער קנאי.

און ער האָט זיך אויסגעצויגן
איבער מיר, אַז ביידנס גלידער
האָבן זיך צונויפגעגאָסן
ווי באַהעפטע צווילינג-ברידער.

האָט זיין האַרץ מיין האַרץ געוועקט אַלץ,
האָט זיין מויל מיין מויל געמינטערט,
האָט זיין נאָז אַ רוח-חיים
אין מיין נאָז אריינגעווינטלט.

און ער האָט צוריק צום לעבן
אומגעקערט מיך, ניי-געבוירן.
אַז כ׳האָב אויפגעמאַכט די אויגן,
האָב איך אים פון אויג פאַרלוירן.

בלויז אין מזרח-זייט פון הימל,
וואָס געפלאַקערט האָט אין טאָגן,
האָט זיין רייטוואָגן פון פייער
איבער וואָלקנס זיך געטראָגן.

בנשיקה

געבוירן אין תכריכים,
פאַרשטאַנען פרי דעם סוד,
נעמט אַן דער שניי דעם גיכן
געריכטן טויט פאַר גנאָד.

ער ליגט און וואַרט אויף ווּעמען
אין קילן שטילן ליכט,
און קומט די זון אים נעמען,
צעשטראַלט זיך זיין געזיכט.

ער שטאַרבט אָן שרעק, אָן יאָמער,
אַ הייליקער אין שיין,
און הויכט אוים די נשמה
צו גאָט אין מויל אַריין.

רויִק, רויִק

גייט דער שניי אַ מתים־טאַנץ
שטיל, מיט ניט קיין היגע טריט.
אויף מיין קאָפּ אַ ווייסער קראַנץ
פון דעם ווינטערדיקן צווייט.

רויִק, רויִק פאַלט דער שניי,
גיט זיך אַפּ דער קילער ערד.
מיינע אויגן אָן געשריי
זעען וואָס מיר איז באַשערט.

מיין געמיט איז ווייס און לייכט
ווי די פליטערלעך פון שניי
און מיין וועג איז אויסגעגלייכט,
גיי איך גרינג, כל־זמן איך גיי.

ערד איז ווייס און ווייך — אַ בעט,
אַז כ׳וועל ווערן מיד צו גיין,
וועל איך היימיש אינעם גרעט
לייגן שלאָפן מיין געביין.

אין דער לינקער פּאה

שלאָגט דער שניי זיך מיט דער דעה —
זאָל ער פאַלן דאָ צי דאָרט?
שנייט די עלטער אויף מיין פּאה
און זי שנייט ניט אויף מיין באָרד.

לייגט דער שניי זיך שפּעטער, פריער,
נאָר ער לייגט זיך דאָ און דאָרט.
קרייזל איך פאַרטראַכט די פּאה
און איך גלעט פאַרטראַכט די באָרד.

ווייען דאָ מיט טויט די שנייען,
שיטן זיי מיט בליעכין דאָרט.
אפשר גאַר בליט ווייס מיין פּאה
און עס טרויערט שוואַרץ די באָרד?

זע, אַ גוטע ווייסע פּייע
שמייכלט ליכטיק דאָ און דאָרט.
עלטער אין דער לינקער פּאה,
און איך שמייכל אין דער באָרד.

גוטע ברידער

ווייסער שניי ווי בלאַנק פּאַפּיר
וועקט צו שרייבן לידער.
גוטע ברידער זיינען מיר,
אַלטע גוטע ברידער.
קומט ער היימיש, אין איין העמד
ווי צו זיך אין חדר,
זאָגט קיין וואָרט ניט, כלומרשט פרעמד,
בלויז די אויגן ריידן.
ווערטער זיינען איבעריק
צו דערמאָנען זאַכן.
קינדער ווערן מיר צוריק
און מיר שטיפן, לאַכן.
גוטע ברידער זיינען מיר, —
וואָס איז אונדז דער ווינטער!
ווייסער שניי איז בלאַנק פּאַפּיר,
איך — אַ פּולער טינטער.

אייז אויףביימער

קרישטאָלענע ביימער,
מיט שיינקייט באַלאָדן,
געבוינענע שטייען
אין מירמלנעם באָדן.
די לאַסט פון קרישטאָלן
האָט צווייגן צעבראָכן;
דער איבערבראָך סטאַרטשעט
אַזוי ווי אַ קנאָכן.
און ס׳וויינען די ביימער,
וואָס פינקלען און שטראַלן,
און שאָקלען די צווייגן,
די שיינקייט זאָל פאַלן.
ניט גרינג איז די שיינקייט
פון פּראַסטיקע שלאַקסן.
עס ווילן די ביימער
בלויז לעבן און וואַקסן.

ווינטער אין דאָרף

פון קוימענס רויך אין זיילן
צום הימל ציט זיך שלאַנק.
אַרום ליגט שניי פּאַר מיילן
ווי לייוונט ווייס און בלאַנק.

מיט פרעסן צוויי אַ שליטן
פרעסט לייוונטענעם שליאַך.
אויף ביימער — ווייסע סוויטעס,
אויף צווייגן — אוירינגלעך.

אויף כאַטעס — ווייסע הויבן
און סטענגעס איַיז מיט ראָסט.
אַ קינד אין בלינדע שויבן
מאַכט „אויגן", שמעלצט דעם פראָסט.

אויף שניי די ראָבן זיינען
מערעזשקעס אויף אַ העמד,
וואָס פּאַטשערקעס באַשיַינען,
ווען ס'גיט די זון אַ בלענד.

אייזקריעס

שווימען קריעס ווי די ווייסע בערן,
שווימען, שווימען, מערן זיך און מערן,
שטעלן פּאַליעס זיך אַנטקעגן: סטאָפּ!
ניט פאָרויס און ניט צוריק זיך קערן.
סקרוכען קריעס קעגן די באַריערן
און צעטומלט ווי פון זין אַראָפּ,
וואַרפן זיך און קרייצן זיך ווי שערן
און ווי אָקסן שטויסן זיך אין שטערן,
ביז די הערנער ברעכן זיי זיך אָפּ...

זון איבער אַלץ

װי הענגלײַכטער פֿון שװינדלגלאָז געשליפֿן,
באַאײַזטע בײמער מיט די שטראַלן שטיפֿן.
אַ פֿײגלפּאָר פֿאַרדרײט זיך אין אַ װאַלץ,
און זון איז איבער אַלץ.

אין װײסן, אַ צעכראַסטעטע, פֿאַרשאַרצטע,
איר שװײסיק לײב אַנטפּלעקט די ערד די שװאַרצע.
אַ פֿאַרע אָטעמט פֿון איר ברוסט און האַלדז,
און זון איז איבער אַלץ.

דער װינטער שװינדט. דער פֿרילינג בלענדט און שװינדלט.
דאָס טײַכל, פֿרײַ פֿון אײַז — אַ קינד צעװינדלט,
מיט װײסע פּיסלעך דריגעט אַ צעשטראַלטס,
און זון איז איבער אַלץ.

דערװאַכונג

די נעפּלען ניט־דערשלאָפֿענע,
די פֿרילינגדיקע טראַנסן —
דאָס זײַנען נאָך ניט אָפֿענע,
פֿאַרשלײערטע ראָמאַנסן.

די פֿײגעלעך די דראָנגפּולע,
װאָס פֿלאַטערן און טרילען —
דאָס זײַנען די געזאַנגפֿולע
ראָמאַנטישע געפֿילן.

די שעמעװדיקע בלעטעלעך
פֿון קנאָספּן אױפֿגעמאַכטע —
דאָס זײַנען ליבע־צעטעלעך
פֿון קינדער אױפֿגעװאַכטע.

זיך איבערגעבעטן

א שעמעוודיקער קומט צוריק דער זומער
צו דער עגונה, דער פארלאזטער ערד,
און זי איז מוחל אים אין גוטן אומער.
א שעמעוודיקער קומט צוריק דער זומער,
וואכט־אויף די ערד פון איר עגונה־שלומער
און גלוסט צום מאן, און שוואנגערט און געבערט.
א שעמעוודיקער קומט צוריק דער זומער
צו דער עגונה, דער פארלאזטער ערד.

די דיונעס ביינאכט

כוואליעס לויפן אין טעראסן,
גלייך ווי ווייסע מירמל־טרעפ.
גליטשט א שטראל זיך אויפן וואסער,
ווי א דאמע מיט א שלעפ.

זאמד, געכוואליעט ווי א וויסטע,
מיט א קארטש — א פילאזאף,
בורטשעט אונטער מיינע פיסטריט,
וואס זיי וועקן אים פון שלאף.

זיצן מענטשן ביי א פייער.
צו דעם מילכוועג גייט דער רויך
און א פונק גייט אויף צושטייער
צו די שטערן אין דער הייך.

מענטש און כוואליע זינגען לידער
און די בלויע שטילקייט רעדט,
און דער הימל איז א סידור
און די שטערן — א געבעט.

אויפֿן האָדסאָן

אויף זילבערנער רחבות
די דאַמפּשיף צעלאָזט זיך,
אַז אונטער די פּאַכוועס
אַ ווינטל צעבלאָזט זיך.

און דערפֿלעך און שטעטלעך
פֿאַרביי לויפֿט די דאַמפּשיף.
דאָס אויג אומדערזעטלעך
טרינקט לאַנדשאַפֿט נאָך לאַנדשאַפֿט.

באַוועלדערטע ברעגן
הויך איבער די תהומען,
און שטיבעלעך שטעקן
אין גרינס ווי די שוואָמען.

אַן אײַזערנער גיבור
מיט פֿיס מיט צעשפּרייטע —
אַ בריק — שפּאַנט אַריבער
דעם האָדסאָן דעם ברייטן.

אַ וועג ווי אַ גאַרטל
אויף באַרגישע לענדן.
אַ שטאָט מיט אַ קאַרטל
שטעלט פֿאַר זיך דעם פֿרעמדן.

סירענע דערפֿרייט זיך
דער נייער באַקאַנטשאַפֿט.
באַקענט זיך, צעשיידט זיך,
שווימט ווייטער די דאַמפּשיף.

רופֿט־נאָך די באַקענטע:
— פֿאַרגעס ניט מיין נאָמען!
איר פֿאָכעט אין ענטפֿער
די שיף מיט די פֿאָנען.

דער שנעלצוג

דער דאַמף פון קוימען שלאָגט
ווי וויין פון פלאַש,
באַרוישט פון אימפעט, יאָגט
דער צוג מיט רעש.

פאַרכלינעט קייכט די פרייד
אין פולער קעל.
די וועלט האָט זיך פאַרדרייט —
אַ קאַרוסעל.

זי לויפט אַנטקעגן גאַסט
און באַלד אַנטרינט,
דערשראָקן פון זיין האַסט
און הייסן ווינט.

ער בלאָזט ווי אַ ווולקאַן
אַ רויטן רויך
און שפריצט ווי אַ פאָנטאַן
די פונקען הויך.

און ס'הערן טויבע וועגט
זיין שטאַרק געשריי
און זיין איין אויג פאַרבלענדט
אַ מענטשנס — צוויי.

די שטאָט שיקאַגע

1

אין דער שטאָט פון רויך איז שוואַרצער
אויך דער וואָראָביי;
שוין פאַרסאַזשעט, ניט צום האַרצן
איז דער פרישער שניי.
באַנען רויכערן און טשאַדען.
הייזער כמורנע, קראַנק
שטייען ווי אַ שעפסן-סטאַדע,
ניט געוואַשן לאַנג.
גאַסן זיינען ניט געראַמטע
ווי אַן אָבלם הויז.
שחיטה-הייזער טויט-פאַרסמטן
אָטעם הויכן אויס.
ווינטן פראַוועו אַ שוואַרץ-חגא.
שטשורעס שטשירען ציין,
און די בירגער פון „שיקאָגע" —
ווערעמלעך אין כריין.

2

איז באַרימט שיקאַגע מיט די פילע פאַרקן,
זיינען אירע פאַרקן אָפענע ווי מאַרקן:
שיטערע אַלייעס — כלות אָן די שלייערס;
דאָס געפיל וואָס הילט זיך — אַ געפיל ניט זייערס.
ניט קיין באַרג צו שטייגן העכער פון דער סביבה;
ווי אַ דיל דאָס פלאַכלאַנד — גוט צו זיצן שבעה.
בלויז דער „לייק", וואָס שטורעמט אירע מזרח-ברעגן,
בערגלט זיינע פלאַכן, ענדערט זיינע וועגן.

אויפן שוועל

אויפן שוועל

אַט צו ליכט און אַט צו שאָטן
ווי אַ שלאַכטפעלד גיי איך איבער.
כ'האָב די שוועל צו גאָט באַטראָטן,
נאָר איך בין זי ניט אַריבער.

און אין נעפּל איבער תּהומען,
אָן אַ שטערן — גאָטס אַ פינגער,
רוף איך אויס דעם טייוולס נאָמען
ווייל צו אים איז רופן גרינגער.

נאָר ווען ס'ענטפערט מיר דער שטן,
גיב איך אים מיין זעל ניט איבער.
כ'האָב די שוועל צו גאָט באַטראָטן
און איך וועל זי נאָך אַריבער.

וועג אויס, וועג איין

איך זוך דעם וועג צו דעם גן־עדן,
איך גיי וועג אויס, וועג איין,
נאָר כ'וואָלט מיט אים באַדאַרפט זיך שיידן
ווי נאָר איך קום אַריין.

נאָך טריפן ווי אין רעגן שויבן
די אויגן אין געוויין;
נאָך מורמלט מיין געשטרויכלט גלויבן
ווי וואַסער אויף אַ שטיין;

נאָך שפּילן אין מיין בלוט ציגיינער
דעם צער פון ווינט און נאַכט;
נאָך האָב איך ניט דיך, ווילן מיינער,
געשמידט און האַרט געמאַכט.

איך זוך דעם וועג צו דעם גן־עדן,
וואָס איך אַליין פאַרשטעל —
איך וואָלט מיט אים באַדאַרפט זיך שיידן
ווי נאָר כ'באַטרעט זיין שוועל.

צינזן

ווי באַצווינגער, קומען טרערן
אויף די אויגן מיר אַרויף.
וועלכע פינצטערע באַגערן
בין איך שולדיק נאָך אַ חוב?

כ׳האָב געמיינט: איך בין געלייטערט
און אין זעליקייט גערוט,
קומען טרערן, מאָנען ווייטער
צינזן צו מיין דאָרשטיק בלוט.

כ׳האָב געמיינט: שוין אָנגעזופּט זיך
האָט די תאווה מיט געניס,
נאָר נאָך אַלץ ניט אויסגעקויפט זיך
האָט מיין גייסט פון איר רשות.

ווי באַצווינגער, קומען טרערן
אויף די אויגן מיר אַרויף.
וועל איך, פינצטערע באַגערן,
אייך זיין אייביק אַ בעל-חוב?

ניט פאַרענטפערט

ניט פאַרענטפערט האָב איך נאָך מיין לעבן.
ווי אַ קינד אַלץ פרעגט עס, לאָזט מיך ניט צורו,
און איך האָב קיין ענטפער ניט צו געבן.
ניט פאַרענטפערט האָב איך נאָך מיין לעבן,
ס׳וויל ניט מער איך זאָל אַ מעשה וועבן
און אַ וויגליד זינגען: ליולענקי, ליו-ליו.
ניט פאַרענטפערט האָב איך נאָך מיין לעבן,
ווי אַ קינד אַלץ פרעגט עס, לאָזט מיך ניט צורו.

אויפן ים

איך זוך אין ים אַ פּורעם,
אין שטורעמווינט אַ פּלאַן.
דאָס ליכטאויג פונעם טורעם
איז נעלם אין טומאַן.

די כוואַליעס נעמען בורען
ווי שוימיקער שאַמפּאַן
און הוליען ווי שיכורים
און טאַנצן ביזקל וואַן.

זיי פאַלן אין יסורים
ווי טרערן פון פאַנטאַן
און ס'שפּאַנט אין זייערע שפּורן
אַ נײַ־צעטאַנצטער שפּאַן.

איך אָבער האָב הירהורים,
אַז ס'איז אַ זין פאַראַן
און אויף מײַן שיף אין שטורעם
בין איך דער קאַפּיטאַן.

און כ'זוך אין ים אַ פּורעם,
אין שטורעמווינט אַ פּלאַן.
דאָס ליכטאויג פונעם טורעם
נעמט פינטלען אין טומאַן.

ווי שאָף

איך ווייס וואָס יעדע חיה ווייסט,
אַז צער איז אַ באַשערטער,
און ווערטער גיבן ניט קיין טרייסט,
און טרייסט האָט ניט קיין ווערטער.

אַ לאָמיר טרייסטן זיך ווי שאָף —
זיך האַלדזן און ניט ריידן
און שטיין צוזאַמען ביזן סוף,
פאַרברידערטע אין ליידן.

אין תפיסה פון דער פריי

כ׳האָב ווייב און פריינד אַליין פאַרלאָזן.
אַ וויסט איז מיר די פרעמדע שטאָט
און עלנט בין איך ווי אַ נזיר,
נאָר אָן זיין גלויבן אין אַ גאָט.

צו וואָס די איינזאַמקייט די שטילע?
צו וואָס זיך פייניקן אָן זין?
איך טו דאָך ניט בלחש תפילה
און הער ניט גאָט, וואָס פּליסטערט דין.

כ׳בין פון געפענגעניש אַנטלאָפן
און זיץ אין תפיסה פון דער פריי,
ווי כ׳וואָלט פאַר מרידה זיך באַשטראָפן —
פאַר זיין צו זיך אַליין געטריי.

אויפגעטרייסלט

ווי וויין, מיין שוואַכקייט און מיין צאַרטקייט
פֿאַרחתמע איך מיט זאָרג,
נאָר אויפגעטרייסלט, שווינדט מיין האַרטקייט,
ווי פֿון דער פֿלאַש דער קאָרק.

און אַלץ, וואָס כ׳האָב געדריקט, געבויגן,
הייבט פּלוצלינג אויף דעם קאָפּ
און הייסע טרערן פֿון די אויגן
מיין פּנים בריען אָפּ.

איך וויש די טרערן, און זיי פֿליסן,
איך ווײַן אַזוי און וואַך,
אַז ס׳זאָל זיך קיינער ניט דערוויסן
ווי קליין איך בין און שוואַך.

שאָטנדיק און בלענדיק

איך האָב געזאָגט: איך וועל שוין מער ניט זיין
אַ וואַכע סטרונע, אָנגעצויגן
פֿאַר יעדן פֿינגער, יעדן בויגן
צו צימבלען און צו רימפּלען פֿרייד און פּיין.

איך האָב געזאָגט: כ׳וועל שטאַרן ווי אַ שטיין
דער לאַכנדיקער זון אַנטקעגן
און קעגן וויינענדיקן רעגן,
און מיט דעם צאַפּלדיקן ווינט — ניט גיין.

אַזוי האָב איך געזאָגט און כ׳האָב געמיינט,
נאָר כ׳בין נאָך אַלץ מיט אַלץ פֿאַרצווילינגט —
ווי כ׳האָב מיט פֿרילינג מיטגעפֿרילינגט,
מיט אָסיען מיטגעאָסיענט, מיטגעוויינט,

אַזוי וועל איך וויברירן שטענדיק —
ווי וואַסער, שאָטנדיק און בלענדיק.

אין נעפּל

אַ בלינדער, בלינצלט אויפן ברעג דער מויער.
קאַשמאַרן זעט דער ים און שרייט פון שלאָף.
דאָס האַרץ אין פחד פּרעסט זיך ווי אַ שאָף;
אַזוי ווי אין אַ מושל רוישט אין אויער.

די שיפן, ווי באַגלעקלטע בהמות
פאַרלאָרענע ביינאַכט אין טיפן וואַלד,
אין נעפּל קלינגען, רעוועז מיטן גוואַלד
פון אימה חיהשער פאַר דאָס געהיימע.

ווי בייזע אויגן פון אַ וואָלף, וואָס גליען,
די ריפן־פייערלעך אין גרוי שאַריען,
און ס׳קנאַקט צערייצט דאָס אײַז ווי צאָן אין צאָן.

דער האַפן ווי אַ פאַסטעך בלאָזט אין האָרן
און פויקט אין גלאָק, וואָס איז פאַרדומפּט געוואָרן
און הילכט ווי אין אַ דזשונגל אַ טאָם־טאָם.

פּ ע ר צ י ק

ערגעץ הינטן אויף מיין וועג באַהאַלטן
אין צעזייטע און פאַרוויטע קברים
לאָז איך איבער פערציק מדבר־יאָרן,
ווי די מתים פון אַ דור אַן אַלטן.

פון סאַמומען שטויביקער און בלינדער,
זלידנער קלאָגעדיקער פון שאַקאַלן,
זיינען זיי פון ריי אַרויסגעפאַלן,
ווי די וואַקלדיקע ציין ביי קינדער.

גיי, מיין לעבן, זײַ זיך ניט מצער!
ווייטער, ווייטער ווי אַ דור אַ נייער
און נעם אײַן דאָס לאַנד דאָס צוגעזאָגטע!

גלייב די אויגן: הימלען זעסטו קלאָרע,
ניט מיראַזשן — טייכן טאַקע וואָרע,
ניט קיין וואָלקנס — שעפסעלעך געלאַקטע.

נאָענט און ווייט

ווי צווייביימער

מיר זיינען נאָענט ווי צוויי ביימער — שכנים,
דער שטורעם וואַרפט אונדז איינעם אויפן צווייטן.
זײַ מוחל, אויב מיט מיינע האַרטע סוקעס
כ׳וועל אין באַריר דיין צאַרטן צווייגל ווייטאָן.

מיר זיינען נאָענט ווי צוויי ביימער — שכנים.
מיר זיינען נאָענט, אָבער ניט צוזאַמען, —
דער שטורעם וואַרפט אונדז איינעם אויפן צווייטן,
די צווייגן פלעכטן זיך, נאָר ניט די שטאַמען.

מיר זיינען אָפּגעזונדערט ווי די שטאַמען,
נאָר גוט איז אונדז צו זיין ווי ביימער שכנים —
אין צייט פון רו שטיין איינער קעגן צווייטן
און אין אַ שטורעם פלעכטן זיך אין איינעם.

ווי איז דאָס געוואָרן

מיר גייען האַנט אין האַנט.
זאָג, ווי איז דאָס געוואָרן?
מיר זיינען זיך באַקאַנט
שוין אפשר הונדערט יאָרן.

דו רעדסט צו מיר אָן שאַנד
פון שעמעוודיקע זאַכן.
כ׳פאַרשטיי דיך אָן פאַרשטאַנד,
בלויז מיטן האַרץ דעם וואַכן.

מיר גייען האַנט אין האַנט.
ווי איז געשען דער וווּנדער?
ערשט נעכטן האָט אַ וואַנט
אונדז אָפּגעטיילט באַזונדער.

אָוונט

לאָמיר שטײן געאָרעמטע און שווײַגן
ווי די בײמער מיט באַהעפטע צווײַגן;

ווי די ברעגן צו דעם פולם פון וועלן,
לאָמיר האָרכן ווי די בלוטן קוועלן,

און מיט אויגן ליכטיקע, באַזעלטע —
פינקלען ווי די שטערן די צעהעלטע.

אַ גאַנצער

איך קום אַנטקעגן דיר אַ גאַנצער,
מיט פולן האַרצן, פול מיט גוטס.
ניט צי אַרויף אויף זיך קײן פאַנצער,
דו דאַרפסט ניט קעגן מיר קײן שוץ.

ניט שרעק זיך פאַר מײַן שראַם פון נעכטן —
בלויז ווילדבלוט האָט געלאָזט דער קריג,
און אין דעם אומגליק פון געפעכטן
האָב איך געלערנט וואָס איז גליק.

דאָס גליק איז ניט אין גרוב פון לויער
און ניט אין מעסער פון פאַרראַט;
דאָס גליק האַלט ניט אויף שלאָס זײַן טויער
און רײצט ניט אָן די הינט פון חשד.

איך ווײס, אַז גליק באַדאַרף מען בויען
ניט אויפן רויב פון אײגננוץ,
נאָר אויף דער זיכערקײט פון טרויען
אין פרײַנדשאַפט, ערלעכקײט און גוטס.

אַ ראָב האָט אויסגעבריט טויבן

אַ ליד מיינס האַרציק ווי אַ לאַסקע
האָט אויסגענאַרט אַ היפּאָקריט.
געפאַלן איז אין שטויב די מאַסקע,
נאָר ניט געפאַלן איז מיין ליד.

דער געץ איז פאַלש, נאָר ניט דער גלויבן
און ניט די תפילה פון אַ האַרץ.
אַ ראָב האָט אויסגעבריט מיר טויבן,
די טויבן זיינען ווייס, ניט שוואַרץ.

מיט דיר — אַליין

דיר מוחל זיין בין איך ניט גרויס
און שטראָפן דיך — ניט קליין.
מיין תאווה גייט צו דיר אַרויס,
די ליבשאַפט וויל ניט גיין.

די קושן דיינע זיינען וויין
מיט הייוון אויפן דעק,
איך טרינק בלויז ניט צו דאַרשטיק זיין
און שטופּ דעם כוס אַוועק.

דער טשאַד פון תאווה וועפּט זיך אויס
און כ׳בין מיט דיר — אַליין.
דיר מוחל זיין בין איך ניט גרויס
און שטראָפן דיך — ניט קליין.

ווי אָדם אין גן־עדן

דיר בענקט זיך נאָך דער צימלעכקייט פון צימער
און מיר געפעלט די ווילדקייט פונעם וואַלד,
די הימל־חופה מיט איר שטערן־גלימער,
די בעט פון גראָז ביי דער נאַטור אין פעלד.

דורך בלעטער ריידן דעם באַשעפערס ליפּן,
דער הויך פון בראשית אָטעמט אין דער נאַכט.
דו ליגסט לעם מיר — אַ ריפּ פון מיינע ריפּן,
איך גאַף אויף דיר ווי ערשט פון שלאָף דערוואַכט.

ס'איז אַלץ מיר ניי, איך גיב די זאַכן נעמען,
כ'האָב פריער קיינמאָל גאָרנישט ניט געזען.
איך ווייס ניט וואָס איז זינד, וואָס הייסט זיך שעמען,
איך גלוסט דיך, מוז דיך נעמען, און איך נעם.

אין עקזאַלטירטע שעפערישע פריידן
מיט גאָט אין איינעם רוף איך אויס: כי טוב!
און ווידער בין איך אָדם אין גן־עדן
און מעשה בראשית קיינמאָל הערט ניט אויף.

אַ פרעמדער

אין בענקשאַפט פאַרבלאָנדזשען צו פרווען,
אַזוי ווי אַ היימלאָזער הונט,
און וויסן — אומזיסט איז צו בויען
אַ היים אויף אַ זאַמדיקן גרונט.

בלויז ווי אין אַ גאַסטהויז זיך לייגן,
אַ פרעמדער מיט זאָרג און פאַרדאַכט,
און שלאָפן מיט אָפענע אויגן
אויף ריגלען און שלעסער פאַרמאַכט.

מיט אויגן און פינגער

אַז כ׳וועל צו דיר אין טרויער קומען,
ניט פרעג וואָס האָט מיין קאָפּ געבויגן,
לייג צו דיין האַנט בלויז צו מיין שטערן
און קוק בלויז ליב אין מיינע אויגן.

מיין צער איז איינזאַם און פאַרביסן
מיט שטייף־צונויפגעפּרעסטע ליפּן,
נאָר ווי אַ הונט אַ בלודנער בענק איך
נאָך לאַסקעס און אַ בליק אַ ליבן.

ניט פרעג וואָס האָט מיין קאָפּ געבויגן,
מיר ווערט פון אויספרעגן ניט גרינגער,
און גיב מיר ניט די טרייסט פון ווערטער,
בלויז פון די אויגן און די פינגער.

שטומער צער

ער האָט פאַר איר זיך ניט באַקלאָגט,
נאָר ווי אַ הונט אַ שטומער
אַרויפגעלייגט אויף אירע קני
זיין שווערן קאָפּ מיט אומעט.

„וואָס איז, מיין פריינד?״ האָט זי געפרעגט,
נאָר שטיל איז ער געבליבן,
געאָטעמט שווער און ווי אין קראַמף
די פינגער זיך געריבן.

האָט זי אַ הייב געטאָן זיין קאָפּ,
געקוקט אים אין די אויגן,
און ס׳האָט פון זיי זיין שטומער צער
צו רחמים זיך געצויגן.

האָט זי אים מער שוין ניט געפרעגט
און בלויז געקושט, געצערטלט,
און פּלוצעם האָט ער ווי אַ הונט
צעיאָמערט זיך אָן ווערטער.

אויב...

1

אויב דו ביסט אַ פלאַטערל,
ניט פלי צו מיינע קווייטן, —
זיי בלענדן ניט מיט פאַרביקייט,
זיי בליען פראָסט, באַשיידן.
נאָר אויב דו ביסט אַ האָניקבין,
פאַרפעל ניט מיינע בלומען, —
זיי שמעקן צו די נאָזפליגלען,
זיי זיינען זיס צום גומען.

2

אויב דו ביסט אַ נאַכטמאָטיל,
וואָס פליט אין פלאַם אַ בלינדער,
בין איך, דאָס פריילעך פייערל,
אַן אומשולדיקער זינדער.
נאָר אויב דו ביסט אַ פישעלע,
וואָס זעט אין טייך די שטיינער,
אַזוי ווי וואַסער ווער איך נאָך,
פון דיר געלייטערט, ריינער.

פון שיר־השירים

איך שלאָף, נאָר דאָס וואַכע הארץ שלאָפט ניט אין מיר.
וועקט מיך מיין געליבטער, קלאַפט מיר אָן אין טיר:

— עפן, כלה מיינע, שטילע טויב דו מיין!
אָפּגעפּלאָמט אין מערב האָט די רויטע שיין.

אויף די לאָנקעס די פאַרשלייערטע
פראָסטיק הויכט דער ווייסער טוי,
ווי מיט פערעלעך באַשפּרייטע
מיינע לאָקן זיינען גרוי.

עפן! — רופט ער מיט אַ ציטערן
און אין מיר די קלאַנגען ווידערן.

די ווּיקלפלאַנץ

הילפלאָז איז די ווּיקלפלאַנץ,
ווי אַ קינד וואָס פּויזעט,
ווּיקלט זי אַרום אַ שטאָם,
איז ער גאָרניט חושד.

האָט זי דען דעם פרעמדן שטאָם
מיט איר לאַסט באַלאָדן?
דאַכט זיך טאַקע, אַז דעם בוים
טוט זי ניט קיין שאָדן.

זון און רעגן האָט דער בוים,
גרינט ער אַ געזונטער,
איר אין שאָטן איז גענוג
וואָס עס פאַלט אַרונטער.

נאָר עס וואַקסט די ווּיקלפלאַנץ,
קלעטערט אויף די צווייגן,
ביז עס קאָן דער בוים אַליין
העכער שוין ניט שטייגן.

ווּיקלט זי דעם בוים אַרום
ווי מיט שלענג, וואָס שטיקן;
גרינט און בליט איר בלעטערוואַרג,
אָבער זיינער טריקנט.

נאָר ווען ס'איז דער בוים דורך איר
פאַר דער צייט פאַרשניטן,
לעבט ניט לאַנג אויף זיין סקעלעט
אויך די פּאַראַזיטן.

מײַנע ברידער

מײַנע ברידער ברומען אין מלחמה,
און אַ שטילע וואַרקעט מײַן נשמה.

זײַט מיר מוחל, קריגערישע ברידער,
מײַנע שטילע וואָרקענדיקע לידער.

זײַט מיר מוחל מײַנע הענט די ריינע,
מײַנע הענט, וואָס בענטשן אַלדאָס שיינע.

אַלדאָס מיאוסע האָב איך געלייטערט.
האָב איך, ברידער, זיך פון אײַך דערווייטערט?

ניט דערווייטערט האָט זיך אײַער ברודער
איר האָט מיך פאַרלאָזן אין געריודער.

ווי אַ מוטער גיי איך נאָך פון הינטן,
נאָר איר זעט מיך ניט אין שטויב פון ווינטן.

ביז איר וועט זיך אומקערן ווי קינדער,
וועל איך ווייטער נאָכגיין ווי אַ צינדער.

אויב איך קאָן ניט אײַער שונא שעלטן,
וועל איך בענטשן אײַערע געצעלטן.

אויב איך קאָן ניט אין מלחמה ברומען,
וועל איך האָפן אײַער זיג זאָל קומען,

וועל איך וואַרטן מיט די שטילע לידער
אויף די אײַנגעשטילטע פרייע ברידער.

אָרעמע שבתים

1

שבת־קודש

די מאַמע מיט די הענט די דאַרע
קאָכט און באַקט און פּוצט און וואַשט,
צינדט אָן ליכט און מאַכט אַ וואַרע —
שבת-קודש קומט צו גאַסט!

קומט ער מיט זיין הדרת-פּנים,
הייסט זיך גיבן פון כל-טוב,
עסט און טרינקט פאַר צען יוונים
און רוט אויס זיין שווערן גוף.

אויסגעפּאַשעט, אויסגעכאַליעט,
גייט ער זיך אַוועק דערנאָך
און די מאַמע צו איר דאַליע
לאָזט ער אויף דער פולער וואָך —

צו די פּוסטע טעפּ און טעלער,
צו דעם הונגער, צו דער נאַכט,
ווי אַ היישעריק אַ שנעלער
וואַלט אַ חורבן אָנגעמאַכט.

2

פרייטיק צו נאַכטס

די לבנה ווײַס ווי חלה
און די שטערן גרויס ווי ליכט
האָבן מיר דערמאָנט אין שבת
אָט אַזוי גאָר אומגעריכט. —

שמעקט דער דיל מיט פייכטן זאַמד נאָך
און דער פריפעטשאָק — מיט פיש.
זיצט, נאָך ליכטבענטשן, די מאַמע
ביי דעם צוגעריכטן טיש.

ליגן אירע הענט געפלאָכטן
ווי אַ קוילעטש אויפן שויס.
ס'איז ניט גרינג געווען דעם שבת
ברענגען אין איר אָרעם הויז.

ניט קיין ווײַן אויף קידוש, — חלה,
פיש אַליין און ניט קיין פלייש,
נאָר דערפאַר איז ריין דער דלות
און געהייצט דער אויוון הייס.

שמעלצן זיך די ליכט פאַר נחת,
פייערלעך איז זייער שיין,
נאָר די מאַמע אויף אַ רגע,
אַ פאַרמאַטערטע, שלאָפט אײַן.

תיכף רייסט זי אויף די אויגן,
טרייבט דעם שלאָף פון זיך מיט מי.
„וואָלט דער טאַטע שוין געקומען
פונעם מנין", מורמלט זי.

און זי קוקט אַרויס אין פענצטער,
שמייכלען דאָרט אין איר געזיכט
די לבנה ווײַס ווי חלה
און די שטערן גרויס ווי ליכט.

3

אַ מילכיקער שבת

זיצט רב שבת אויבנאָן
און ער פילט זיך בילכיק,
און די מאַמע שטייט אין שרעק,
ווײַס און געל ווי מילכיקס.

וואַרט רב שבת. „יין, נו?"
פרעגט ער ניט אויף ייִדיש.
זאָגט די מאַמע ווי פאַרשעמט:
„מאַכט אויף חלה קידוש."

מאַכט ער קידוש און דערוואַרט
פיש און פלייש, אַ יאַיכל,
נאָר די מאַמע טראָגט אים צו
גאָר אַ מילכיק מאכל.

קוקט ער און ער בלאָזט זיך אָן
אויף דער מאַמעס לאַסקע
און זײַן הדרת־פּנים שטייפט
ווי אַ שטאַרע מאַסקע.

פילט ער צו פאַרשטערן אַלץ,
נאָר ער טוט אַ טובה —
עסט דער מאַמעס אָרעם ברויט
מיט אַ זיפץ בגנבה.

זינגט ער זמירות, נאָר אין קול
לאָזט זיך טרויער הערן.
זידט דער חלב אין די ליכט
ווי דער מאַמעס טרערן.

מיינע לידער

✶

מיינע לידער — רעגן מיט אַ בויגן,
וואָלקנס בונט פון בלוטנדיקער זון.
רינען טרערן, לאַכן מיינע אויגן,
בלוטיקט ס׳האַרץ, געראָט מיין ליד דערפון.

וואָלקנס וויינען, און די טרערן שטראָמען
פול מיט זאַפט פון לעבן, ניט פון טויט.
מיינע לידער — פריילעכע קבצנים,
מיינע לידער — קידוש אויף אַ ברויט.

✶

מיינע לידער — שראַמען, ניט קיין ווונדן,
קאָרבן אויף אַ שפּילצייג פון אַ קינד.
כ׳האָב די ווונדן זיך אַליין פאַרבונדן
און געליטן שטומער פון אַ רינד.

שטעכט די זון אין מדבר ווי מיט הערנער,
און דער קאַקטוס ווונדיקט — מיט אַ בלום.
מיינע לידער — ניט דער קראַנץ פון דערנער,
נאָר די שיין די הייליקע אַרום.

✶

מיינע לידער — אייגן מאַמע-לשון,
מיינע לידער — פּאָסטקאַרטלעך אַהיים —
קורץ און אָפן, היימיש, פּראָסט און פּשוט,
כאָטש אין מיר איז פּלאָנטער און געהיים.

פייער-כאַאָס איז דער גרויסער ליכטער,
און די שטראַלן זיינען לויטער, קלאָר.
מיינע לידער, שיכור, זיינען ניכטער,
מיינע לידער חלומען די וואָר.

אין שאָטן

1939

איז תוהו־ובוהו דיין בילד

אַמאָל ווי די זון פאַרבאַהאַלטן,
אין דורכלויכט פון וואָלקן צעשטראַלטן
דיך זען האָב איך זוכה געווען.
איצט זיינען פאַרשטאָפּט אַלע שפּאַלטן,
דיין פינגער איז מער ניט צו זען.

ווי גיך ס'איז די זעונג פאַרשוווּנדן!
דו האָסט מיר די אויגן פאַרבונדן, —
צי האָב איך געזען שוין צופיל?
איך זוך דיך מיט אויגן ווי וווּנדן,
דו שפּילסט אין באַהעלטערלעך־שפּיל.

מען טאָר אין דיין פּנים ניט קוקן,
נאָר כ'זע ניט אפילו דיין רוקן, —
צו וועמען זשע קני איך און בעט?
צי זאָל איך צום שאָטן זיך בוקן,
דער שטן איז דיין סילועט?

צו פינצטער, מיין גאָט, איז דיין שאָטן
און איבערן וואַסער דיין אָטעם
צו שטורעמדיק פאָכעט, צו ווילד.
איז חושך אין דיר דען געראָטן?
איז תוהו־ובוהו דיין בילד?

רויבפייגל

„צו די בערג הייב איך אויף מיינע אויגן:
אַ פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?"
ס'זיינען הויך מיינע אָדלערס געפלויגן,
אין די בערג האָט געשאַלט זייער הילך.

האָבן זיי אויף די פליגל געטראָגן
מיין פאַרטרוילעכן גלויבן, מיין טויב,
און אין שיין פון דער זון זיך צעשלאָגן
פאַר מיין גלויבן, אַזוי ווי פאַר רויב.

ביסט, מיין טויב, ניט אויף אָדלערס געפלויגן,
ס'האָבן פייגל פון רויב דיך פאַרצערט.
צו די בערג הייב איך אויף מיינע אויגן,
מיינע הענט לאָז אַראָפּ צו דער ערד.

געקרייציקטער גלויבן

געקרייציקטער, צו שפּאָט געמאַכטער גלויבן!
אַ ציניקער האָט דיין פּסק־דין געשריבן,
די הענט ביים וואַשן אין טריומף געריבן
און פון המון פאַרנומען חניפה־לויבן.
וואָס אַרט אים, אַז ווי ראָבן קראַקען טויבן,
אַז פרומע זיינען אָן אַ גאָט געבליבן
און רופן אויס, צום הפקר־גייסט געטריבן:
„איצט מעג מען אַלץ, מען מעג זיך אַלץ דערלויבן!"

איך ווייס, אַז מענטש וועט, אויך אין פאַלן, פליען
און ווי אַ שטערן אין דעם חושך גליען
און זיך אַ זון געפינען און באַנייען,
נאָר וויפיל גאַל דערווייילע וועט ער קאָכן
און, ווי מיט לאַווע פון ווולקאַן געבראָכן,
אויף וויפיל ווערטן וועט ער הפקר שפּייען!

מיט אַ פרעמדן קול

די אויגן זיינע האָבן זיך געבאָדן
אין אייגן בלוט, ווי צוויי געפּלאַצטע טרויבן.
ער האָט פאַרלאָרן אינעם מענטש דעם גלויבן,
און אַלץ האָט ער פאַרלאָרן מיט דעם שאָדן.
אַ שוויים האָט אויף זיין שטערן אויפגעזאָדן
און מיט אַ פרעמדן קול ווי פון אַ טויבן,
אַז אויפגעציטערט האָבן פענצטער־שויבן,
זיין צער און צאָרן האָט ער אויסגעלאָדן:

— גיי אונטער, מענטש, גיי אונטער אין דיין רויב! —
דו האָסט פון גלויבן זיך אַליין בארויבט,
דיין זעל באַגזלט און זיך אַלץ דערלויבט.
אַן גייסט פון גאָט, ביסט דו ניט מער ווי שטויב.
צוריק ווער ערד, פון וואַנען ביסט געקומען!
זאָל אויף דיין אָרט אַ נייער אָדם קומען.

נ ח

ווערמעס שולד, ווערמעס שולד,
וואָס די וועלט איז צעדולט!
דיינע הענט זיינען ריין.
ניט פאַרברעך זיי, ניט וויין
און ניט רייס זיך די האָר
פון דיין קאָפּ וואָס איז קלאָר.

מאַך אַ האַרץ זיך פון שטיין,
לאָז די דולע אַליין
צו דער שטראָף פאַר די זינד
און פאַר זיך, קינד און רינד
בוי אַ תיבה זיך אויס,
שווים פון מבול אַרויס.

עס דיין ברויט, טרינק דיין וויין,
וויג אין שטורעם זיך איין,
שיק דעם ראָב און די טויב,
קוק אַרויס פון דיין שויב
און ווען אַלץ איז פאַרביי,
בוי די וועלט אויף דאָס ניי.

וועגן מלחמה־עראָפּלאַנען

דאָס זיינען פליגל, אָבער ניט פּעגאַסער,
דאָס שוועבט קיין טרוימער ניט אין בלויער וויט, —
אין אַ מאַשין פליט איבער לאַנד און וואַסער
אַ גולם־מורד און מיט פּולווער שפּייט:
אויף לעבנס הייליקע פון קליינע קינדער,
אויף פרומע שטילע טעג פון אַלטע לייט,
אויף טעמפּלען, געטער — וווּנדן־איבערווינדער,
אויף דענקמעלער — פאַראייביקער פון צייט.

ניט ראוי איז דער מענטש צו זיין באַפליגלט —
ער האָט ניט אויפגעעפנט, נאָר פאַרריגלט
די פרייע האָריזאָנטן מיט זיין שווערד.
דער גייסט, וואָס האָט געשטרעקט זיך גאָט דערלאַנגען,
איז זעלבסטמאָרד מיט זיין אייגן ווערק באַגאַנגען,
באַפליגלענדיק דעם מענטש, וואָס איז ניט ווערט.

פּ ל י ט ד׳אַ נ ו נ צ י אָ

פליט ד׳אַנונציאָ, און ס׳וואַכט
זיין האַרץ, פאַרליבט אין שיינקייט —
די הימלען זיינען אויפגעמאַכט,
באַזיגט איז די באַשרענקטקייט.

פליט ד׳אַנונציאָ אין שלאַכט
און זינגט מלחמה־סטראָפן.
ער צילט. אַ שיף מיט מענטשן קראַכט.
וויוואַט! — ער האָט געטראָפן.

פליט ד׳אַנונציאָ און לאַכט:
„כ׳בין שעפער און מחבל.״
די זון פאַרגייט אין ים. עס דאַכט,
זי טרינקט זיך אין אַ מבול.

אַ קלאָץ אין וואַסער

אַ טאָג אַ הייסער אין אָקטאָבער.
איך זיץ ביים טייך און קוק.
צום ברעג שווימט צו אַ קלאָץ אַ גראָבער —
אַ רוקן מיט אַ שנוק.

אַ קלאָץ אין וואַסער, וואָס דערמאָנסטו?
דערמאָנסט אַ קראָקאָדיל.
פאַרטייַעט לוגט אויף מיר אַ מאָנסטער.
ניט האַמער, האַרץ, זיי שטיל.

אַ שאָרכיק בלעטל פאַלט דאָ נעבן.
איך גיב פאַר שרעק אַ צוק:
דו ביסט אין דזשונגל, היט דיין לעבן,
מיט ביידע אויגן קוק!

גלית און דוד

אין פאַנצער שטייט דער קריגער ווי אַ מויער,
אַ טורעם איז דער העלם אויפן קאָפּ;
אין העמד און גאַרטל שטייט דער זון פון פויער,
דער קליינער פאַסטעך, ווי אַ בלאָנדער סנאָפּ.

קוקט גלית אָן די קאָרענע בגדים,
די טאָרבע און דעם שטעקן, און ער לאַכט:
„צי בין איך דיר אַ כלב, פּרא־אָדם,
וואָס מיט אַ שטעקן קומסטו גאָר אין שלאַכט?"

נאָר דוד ענטפערט און די ווערטער שפּילן
ווי האָרן־קלאַנגען, ווען דער טאָג באַגינט:
„מיט מיר איז גאָט, און דו פאַרלעצסט זיין ווילן,
מיין בעסטער וואָפן איז דיין גרויסע זינד.

דו האָסט פאַרשעמט די ערד, וואָס טוט אונדז שפּייזן,
געמאַכט אַ שלאַכטפעלד האָסטו פון דער ערד;
האָסט אויסגעשמידט אַ שווערד פון אַקער־אייַזן,
וועט אָפּהאַקן דיין קאָפּ די זעלבע שווערד!"

צו אַ יידישן נאַציאָנאַליסט

(חיים ליבערמאַנען)

צי האָט דיך אָנגעשטעקט דער צייט־שיגעון,
ווען דיין געליטן פאָלק גערימט האָסט דו?
איז דען דער האַקנקרייץ געגליכן צו
דער לאַטע פון מאַרטירערשן בזיון?
דאָך צווישן בלוטדאָרשטיקע וועלף וואָס וואָיען
אַ קדוש טאַקע איז דער לאָם, דער ייִד,
און הייליק — ס׳בלוט פאַרגאָסענע, וואָס זידט
און יאָמערט „שפוך חמתך" אין נסיון.

פאַרוואָר, דער ייִד איז אויסדערוויילט דורך ליַיטער.
ניט בלויז פאַר זיך, פאַר אַלע פעלקער ליַידט ער —
ס׳כפרה־הינדל און דער וועטערהאָן.
אַז וויל דעם זון פון פאָלק, וואָס ווייסט זיין ייִחוס
און לויפט ווי יונה ניט פון זיין שליחות
און נעמט דעם דערנערקראַנץ מיט ליבע אָן.

שונא, מיין נעכטיקער פריינד

פאַרוועלקט איז די רויז, און דער דאָרן
איז שאַרף ווי די נעגל פון רויב.
אַזוי ווי אַ שפּאַרבער אַ טויב
פאַרצוקט האָט די ליבשאַפט דער צאָרן.
ווי גיך ס׳איז פאַרגעסן געוואָרן
דאָס גוטס, זיך באַדעקט מיט אַ שטויב!
געטריי אָבער היט דורך זיין שויב
דעם דענקמאָל פון שלעכטס דער זכרון.

אָ שונא, מיין נעכטיקער פריינד!
דאָס בלוט דאָס פאַרגאָסענע היינט
וועט מאָרגן ניט וועלן זיך שטילן.
ניט שלאָג זיך אין האַרצן על־חטא —
דיר מוחל זיין איז שוין צו שפּעט,
איך קאָן שוין דאָס זעלבע ניט פילן.

פ ע נ ע ר

1

פענער, פענער. יעדע פאַן וויל פירן,
נאָר די זון איז איבער אַלע פענער,
זי וואָס גיט זיי זייערע קאָלירן.
פענער, פענער. יעדע פאַן וויל פירן,
צו דער פאַרב דער איינער רעדוצירן
גאָר דעם שפּיל פון אַלע פאַרבן־טענער.
פענער, פענער. יעדע פאַן וויל פירן,
נאָר די זון איז איבער אַלע פענער!

2

וועלכע פאַן האָט אַלע זונקאָלירן,
אַז דער זון אויפריער זאָל זי לויפן
און זאָל רופן אינעם נאָמען אירן?
וועלכע פאַן האָט אַלע זונקאָלירן,
אַז זי זאָל צום רעגן־בויגן פירן,
ניט צום מבול, גאָר די וועלט צו טויפן?
וועלכע פאַן האָט אַלע זונקאָלירן,
אַז דער זון אויפריער זאָל זי לויפן?

3

אין אַ רעגן־בויגן אַלע פענער
זע איך אין דער שעה פון נאָכן שטורעם,
זיינען זיי פון רעגן־בויגן שענער.
אין אַ רעגן־בויגן אַלע פענער,
ווי איין פאַן פון אַלע פאַרבן־טענער,
ווי אַ בונד אין פרייד נאָך פיל יסורים, —
אין אַ רעגן־בויגן אַלע פענער
זע איך אין דער שעה פון נאָכן שטורעם.

איבערפאַל

באַפאַלן איז די שטאָט דער זומער־רעגן,
געמבולט פאַרעדיקע וואַסערפאַלן,
פאַרוואַנדלט אַלע גאַסן אין קאַנאַלן
און טראָטואַרן — אין פאַרפלייצטע ברעגן;
געטריבן מענטשן ווי אין שטורעם בלעטער,
פאַריאָגט פון מאַרק, געפאַנגען זיי אין קראָמען,
און איבער דער באַזיגטער שטאָט זיין נאָמען
געשריבן בליציק מיט אַ פייער־פעדער.

ער האָט זיין זיג געפייערט מיט קאַנאָנען,
געפאַראַדירט די זעלנער־באַטאַליאָנען
און מיט אַמאָל אַוועק, ווי ניט געשטויגן,
בלויז איבער שטאָט, וואָס שטראַלט דער זון אַנטקעגן,
אים צו געדענקען האָט געלאָזט דער רעגן
אַ פאַרבנרייכן טריוּמפאַלן בויגן.

אויסגעשלאָסענע

איך זע אין פאַרק די אויסגעשלאָסענע פון פריידן,
וואָס האָבן ניט קיין גאָלד און זילבער און קיין גיטער.
פאַר זיי די זון אפילו איז אַ מלאך־היטער,
וואָס מיט אַ שווערד פון שטראַלן טרייבט זיי פון גן־עדן.
איך זע אין פאַרק די אויסגעשלאָסענע און כ׳ציטער,
ווען שטאַרע זיצן זיי, אַפּאַטיש אויך צו ליידן.
זיי זיינען אויסגעהוילט פון תוך ווי פוסטע שיידן,
זיי זיינען קאָרטשעס, אויסגעוואָרצלט פון געוויטער.

ניט זיי געהערט די ערד, דער הימל מיט זיין שימער,
ווי ברויט און קלייד און שיך, ווי פרעמדע אייגנטימער,
ווייל אַלץ פאַר זיי איז פרעמדס, פאַרזאָגט און שטרענג פאַרבאָטן.

זיי מאַכן צו אויף אַלץ די מוטנע קאַלטע אויגן
און, אָפּגעלאָזט די הענט, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
ווי מתים שטאַרן זיי, עס זשיפּעט בלויז דער אָטעם.

איבערלעבונגען

פאַראַנען איבערלעבונגען. ווי אָפּגעשניטענע
פון גוף פאַרסמטע אבֿרים ווילסטו זיי באַגראָבן,
נים לאָזן הפקר צו די קראַנקנדיקע ראָבן —
צו די זכרונות פון די נעכט די דורכגעליטענע.
דיין האַרץ איז האַרט ווי אויף אַ שטיין אַן אויסגעביטענע,
און דיין געהירן — ווי מען וואָלט אים אויסגעשאָבן, —
דו נעמסט זיי ווי דעם טויט און ווי אַ שפּאָט אַ גראָבן,
די איבערלעבונגען, ווי גורל ניט פאַרמיטענע.

דו שטיקסט זיי די פאַרשלאָסענע, נאָר ניט געשלאָסענע —
דו האָסט קיין טרייסט ניט און קיין ענטפער פאַר די ליידן.
קאָן זיין אַמאָל וועט זיי די צייט אַליין באַשיידן,
און ווי צו ליכט גייט אויף אין בלום דאָס בלוט פאַרגאָסענע,
אַזוי וועט אויפגיין העל דיין צער אין דער פאַרשטענדעניש
און אַלץ וועסט דו דערציילן, פריי פון דער פאַרבלענדעניש.

אַ שטיק ליים

אַ שליימיקע, אַ וואַנזיניקע נאַכט
האָט ווי אַ הונט מיט גאַווערדיקע ציין
אַריינגעביסן זיך אין מיין געביין,
אַ פייער אָנגעצונדן אין מיין מאַרך.
און טמא בלוט ווי אין אַ נידהם טראַכט
אין האַרץ האָט זיך צעקאָכט צום איבערגיין,
און ס'האָבן זיך ווי קעץ אין מיר צעוויינט,
און ווי היענעס האָבן זיך צעלאַכט.

די שטערן האָבן פּלוצלינג זיך צעטאַנצט
ווי פונקען אין אַ רויך מיט מאַטן גלאַנץ
און ס'האָט די ערד געשמעקט ווי צוגעדעמפּט.
איך האָב אין איר געקלאַמערט זיך, געקרעמפּט,
געפּינעט ווי אַ פּאַליקער מיט שליים
און זיך מיט איר באַהאַפטן — אַ שטיק ליים.

אונטערוועגנס

און ווידער אין וועג זיך געקליבן
און ווידער געריסן, געפליקט
אַ ליד, וואָס איך האָב ניט דערשריבן,
אַ בריוו, וואָס איך האָב ניט געשיקט.

און ווידער אַ חלום — אַ מפּיל
באַגראָבן, קיין שטיין ניט געשטעלט,
ס'האָט בלויז זיך געגעבן אַ צאַפּל
ס'פּאַריתומטע האַרץ ווי פון קעלט.

און ווידער פון זיך וואָס געלאָזן,
ווי פוך לאָזט אַ פויגל אין נעסט,
אַוועק מיט די ווינטן וואָס בלאָזן,
אַוועק מיט אַ פריילעכן זשעסט.

און ווידער געפאָרן דורך סעדער,
אַליין אַן אַ וואָרצל אין גרונט,
און ווידער געזען — נאָך די רעדער
מיין מזל לויפט נאָך ווי אַ הונט.

די מתים שטייען אויף

אומזיסט, אומזיסט! דו ווערסט ניט ניי־געבאָרן.
באַגראָב דיין עבר שפּורלאָז ווי אַ פּגר
און דריי דיין לעבן איבער ווי אַ זייגער, —
באַגראָבסט ניט, דרייסט ניט איבער דיין זכרון.
אַן אויפגעהיטע מומיע אין אָרון
איז דיין געדעכעניש אין די געהירן.
דו וועסט איר טוכלען ריח אייביק שפּירן,
עס שמעקן שטאַרקער פון באַלזאַם די יאָרן.

קיין רעטונג איז ניטאָ, ס'איז קורץ דיין אָרעם
זיך צו פאַרמעסטן קעגן דאָס פאַטאַלע.
דו האָסט באַגראָבן, און ס'איז ניט נאָך אַלעס,
עס שטייען אויף די מתים פון די קברים.
זיי שטייען אויף, זיי ווערן ניי־געבאָרן,
און דו ביסט מת, און דיך פרעסט אויף דער וואָרעם.

אַ בוים פלוידערט

איך בין אַ בוים מיט בלעטער אויף די צווייגן,
איך פלוידער פיל, הגם איך וויל גאָר שווייגן.

איך פלוידער פיל, ווייל גיי און זײַ אַ שווייגער,
אַז ס׳קומען אָן די ווינטן פול מיט נײַגיר —

דערצייל זיי מעשיות, שאָרכע מיט די בלעטער,
דערצייל איך זיי אַ מעשה וועגן וועטער.

דערצייל זיי פון דיין האַרץ, דיין פרייד און טרויער,
דערצייל איך זיי: „מיין קאָרע איז אַ מויער.״

דערצייל זיי פון די וואָרצלען, דיין יניקה,
דערצייל איך זיי: „עס זייגט אַ בוים בשתיקה״.

איך בין אַ בוים מיט בלעטער אויף די צווייגן,
איך פלוידער פיל, נאָר איך קאָן אויך פאַרשווייגן.

נאָכן שטורעם

דורכגעציטערט, דורכגעוויטערט,
אָנגעשפּאָלטן ווי אַ בוים,
כ׳שטיי פאַרוויינט, נאָר ניט פאַרביטערט,
כ׳שטיי אין גרונט, כאָטש כ׳האַלט זיך קוים.

און דורך טרערן מיט אַ שמייכל
פינקל איך אַ גרוס דער זון
און איך בין דעם שטורעם מוחל
וואָס ער האָט מיר ווײ געטון.

ווייל איך האָב פאַר אַלץ פאַרגעבן,
קושט די זון מיך אויף דער וווּנד.
כ׳וועל זיך אויסהיילן און לעבן,
וואָרצלען ווי אַ בוים אין גרונט.

דער אַלטער בוים

מיט גרינע בלעטער ווערט באַנייט
דער אַלטער בוים נאָך יעדן ווינטער,
נאָר אין זיך ווייסט דער ניי-צעגרינטער,
אַז ס'צירקלט אַרום האַרץ די צייט.
זי צירקלט קרייזן ווי מיט קרייד,
און ווי אין שפּינוועבס אַ פאַרשפּינטער,
אַן איינגעשטילטער, אַ באַזינטער,
דער אַלטער זעט דעם אומפאַרמייד.

די פייגל מעגן קומען אַלץ
צו אים נאָך שוץ און נעסטן בויען
און ס'מעג נאָך אין זיין כוח טרויען
דער ווײַנריב, הענגען אויף זיין האַלדז,
נאָר ער פאַרקאַרעט ווי פאַרמויערט,
צו זיך אין האַרצן קוקט און טרויערט.

צו זיך אַליין אַ מאָנומענט

אַ טויטער דעמב, דאָס האַרץ פון בליץ פאַרברענט,
אַ נאַקעטער צעפּרעסענער פון פעסטן,
מיט דער פאַרגעסנהייט זיך צו פאַרמעסטן
שטייט אַלץ — צו זיך אַליין אַ מאָנומענט.
ער האַלט אַלץ הויך די שטאָלצע צווייגן-הענט
ווי טראָגן וואָלט ער נחתפולע נעסטן
און צווישן דעמבעס מיט זיין שטאָם דעם גרעסטן,
אַן אויסגעטיילטער, שטייט ער פּראָמינענט.

איך ווייס, ס'איז דאָ אין דער הערויִק טראַגיק —
דער דעמב וועט פאַלן, ווערן אויפגעלייזט.
נאָר ווי די ליגנערישע בונטע מאַגיק
אין גרוי פון דער אַלטעגלעכקייט אונדז טרייסט,
אַזוי האָט מיך דער טויטער דעמב פאַרבלענדט —
אַ מת, צו זיך אַליין אַ מאָנומענט!

פאַרהוילן

ווי שווער איז צו אַ מענטשן צוצוקומען!
ער איז אַ שרעקעדיקער ווי אַ מויז,
ער איז אַ דערנערנדיקער ווי אַ רויז,
און ס׳איז זיין מויל אַ שטיין־פאַרדעקטער ברונעם.
דיר דאַכט, דו נעמסט שוין ווי אַ פריינד אַרום אים,
ער פילט זיך היימיש ווי אַ קינד אין שוים,
דאָס האַרץ געעפנט, אַלץ דערציילט ער אוים,
און פלוצלינג — ס׳לשון איז אים אָפּגענומען.

ס׳גייט דורך אַ קורצע אומרויִקע פויז
און שוין עלאַסטיש איז זיין צונג ווי גומי.
ווי ס׳פירט אַוועק אַ פייגעלע אַ שלוים
פון נעסט איר פיינד, וואָס איז אויף רויב אַרוים,
אַזוי דיך פירט ער איבער שטעגן קרומע
אַוועק פון האַרצן, זיין אינטימען הויז.

אין היילן

עס וויל אַ מענטש אַ סודותפולער בלייבן
אין זיינע טונקעלע אינטימע היילן,
אַז ס׳זאָל קיין פינגער זיינע זינד ניט ציילן
און אויף זיין שטערן אים צו שאַנד ניט שרייבן.
ער וויל אַן אָרט, וווּהין זיך צו פאַרקלייבן
אַליין מיט זיך — מיט די צעקריגטע טיילן.
ער וויל אַליין די ווונדן זיינע היילן
און אויך אַליין מיט זאַלץ זיי וויל ער רייבן.

ער וויל און מוז אַליין דעם שטן טרייבן,
אַליין פאַר גאָט אין ווידוי אַלץ דערציילן,
אַליין זיך עפענען, אַליין זיך שיילן
ווי קערנער אין דער ערד וואָס כוחות קלייבן.
אַ לאָז צורו דעם מענטשן אין די היילן,
ער וועט דעם וועג צו גוטס שוין אויסדערוויילן.

עס איז גוט

דער זעענדיקער איז דער בלינדסטער,
ווען זאָט איז זיין אויג און באַרוט.
זאָל זיין אויף אַן אמת אים פינצטער!
איך זאָג: עס איז גוט, עס איז גוט.

אַראָפּגערוקט האָט זיך אַ חושך
ווי איבער די אויגן אַ הוט,
עס שפּאַרן די אויגן אַרויס זיך, —
איך זאָג: עס איז גוט, עס איז גוט.

אַ גרויליקע קנויליקע בילדער!
געשפּענסטער, וואָס פּרוווט איר מיין מוט?
מיין קול ווי פון שלאָף איז אַ ווילדער,
איך זאָג: עס איז גוט, עס איז גוט.

אַ נאַכט זיך געראַנגלט, געשיצט זיך,
דערפאַר אין מיין אייגענעם בלוט
מיט ליכט האָט דער מאָרגן צעשפּריצט זיך.
איך זינג: עס איז גוט, עס איז גוט!

מיט אַ ליד

מיט אַ ליד אין געמיט
מעג איך וויינען אפילו —
כ׳בין אַ ליכט און איך זיד
אין התלהבות פון תפילה.

מיט אַ ליד אין געמיט
מעג איך טרעטן אויף שטעכלעך —
כ׳גיי מיט ריטמישע טריט
און באַפליגלטע קנעכלעך.

מיט אַ ליד אין געמיט
איז דער טויט אויך ניט שרעקלעך —
ווייסער וועג! נעם מיך מיט
אויפן שליטן מיט גלעקלעך.

דער סם איז זיס

אין הארצן ברענט אַ דאָרשט צום לעבן —
אַ סנה אין פלאַם,
כאָטש ס׳האָט מיין מזל מיר געגעבן
צו טרינקען סם.

אַ קעגנגיפט איז אויף מיין גומען,
דער סם איז זיס,
איך טרינק און ס׳טוט מיר ווויל באַקומען.
גיס, מזל, גיס!

ג י ס אָ ן

גיס מיר אָן אַ פולע מאָס מיט טרויער
עלעהיי אַ כוס מיט וויין!
ווי ס׳איז פאַרן שיכור וויין ניט זויער,
איז פאַר מיר ניט ביטער פיין.

וועל איך דאָרשטיק פון דעם טרויער טרינקען
און דער טרונק וועט מיר זיין זיס;
איך וועל מיטן קאָפּ צום טיש ניט זינקען
און ניט פאַלן פון די פיס.

בלויז די צונג, וואָס טריקנט צו דעם גומען,
וועט דער טרויער טאָן אַ ציִ
ווי אַ גלאָק, וואָס זשאַווערט אין זיין שטומען
און צעשאָקלט זיך מיט מי.

און די צונג וועט זיך אין לויב צעשאַלן
צו דעם טרויער, וואָס ער ציט,
ווי משהס שטעקן פון די שטיינער קוואַלן,
לידער פון אַ שטום געמיט.

וואָס זינגט דער פויגל

— וואָס זינגט דער פויגל אין דער שטייג?
איז זינגען דען כדאַי,
ווען ס'איז אַ ווייטער טרוים די צווייג,
וואָס גרינט אין סאָד דערביי?

— עס זינגט דער פויגל אין דער שטייג
און זינגען איז כדאַי,
ווען ס'איז דער טרוים אַ וואָרע צווייג
אין סאָד, וואָס אָט דערביי.

— וואָס האָט דער פויגל פון דער צווייג,
וואָס גרינט אין סאָד דערביי,
ווען זיצן מוז ער אין דער שטייג,
ניט פליען אויף דער פריי?

— ס'איז גרינגער זיצן אויך אין שטייג
פון וויסן בלויז אַז פריי
קאָן שטיין אַ פויגל אויפן צווייג,
וואָס גרינט אין סאָד דערביי.

פּאָעטן

פּאַטעטישע פּאָעטן, מיינע ברידער, —
מיר צאַפּלען זיך ווי אויף אַ פייערפּאַן,
אונדז וואַרפט פון העכסטן שפּיץ אין טיפסטער נידער
אַ ראַפינירטער געטלעכער טיראַן.
מיר זאָגן שטענדיק ווי אַ גוסס ווידוי —
ס'איז אונדזער יעדער שפּאַן דער לעצטער שפּאַן.
מיר זיינען יענעם און אויך זיך דערווידער,
מיר זיינען ווילדע ווי אַן אוראַגאַן.

פון דעסטוועגן, פּאָעטן, מיינע ברידער, —
איז גליקלעכער פון אונדז נאָך ווער פאַראַן?
מיט שאַרפע חושים אין די וואַכע גלידער
מיר לעבן פול און ברוזיק ביז צום וואַן;
מיר זיַיען טרערן און מיר שניידן לידער,
מיר שטאַרבן זינגענדיקע ווי אַ שוואַן.

קמצנות

עס פוילט אַזויפיל ליבשאַפט, גוטער ווילן
אין קאַרגן האַרץ פון יעדן מענטש פאַרשלאָסן,
ווי אין אַ שייער תבואה ניט געדראָשן,
וואָס וואָלט געקאָנט די הונגעריקע שטילן.
און ס׳ווייַנען איינזאַמע ווי דלות-גרילן,
פאַרשטעקטע אין אַליין-געמאַכטע קערצער.
וואָס עפענען זיי ניט די קאַרגע הערצער,
באַפרייַען ניט די שפע פון געפילן?

עס איז אַ זינד די ליבשאַפט צו פאַרשליסן
ווי ברויט, וועו מיילער שליימען נאָך אַ ביסן.
דערפאַר איז שלאָס אַ נוקם, ניט קיין שומר —
די בריסט, וואָס גיבן ניט צו זייגן, שרומפן,
די ניט-געשעפטע ברונעמער פאַרזומפן
און ס׳בליען זעלטן פירותלאָזע ביימער.

שטאָלץ

אויב, פרוי, דו וועסט אַנטקעגן מיר ניט גיין,
איז ווי איך זאָל ניט הונגערן נאָך דיר,
וועל איך ניט היטן ווי אַ הונט דיין טיר
ביז דו וועסט מיר באַווייליקן אַ ביין.
מוז הונגער אויף די הינטער-לאַפּעס שטיין?
מוז ליבע חנפענען אויף אַלע פיר?
צי איז אַמאָר אַ גיפטיקער סאַטיר,
וואָס מאַכט די ווערדע פון אַ מענטש צו קליין?

אויב, וועגוס, דו דערנידעריקסט ווי ווייַן,
וועל איך שוין בעסער ניכטער, ווערדיק זייַן.
מייַן שטאָלץ איז אויפן קאָפּ אַ קרוין אין גלאַנץ,
מייַן שטאָלץ איז אויפן קאָפּ אַ דערנערקראַנץ,
מייַן שטאָלץ איז אָבער ניט די מיץ פון נאַר,
וואָס גלעקלט אונטערטעניק פאַר אַ האַר.

ביז קומען וועט ער

וועסט טרינקען פון כלערליי ליפּן
צו לעשן דעם דאָרשט מיט אַ קוש,
נאָר אויסרינען וועט ווי פון זיפּן
פון האַרץ און פון קאָפּ דער געָנוס.

עס וועלן פיל נעכט דיך באַטויען,
נאָר דו וועסט ניט פילן דערפרישט,
וועסט גליען ווי פריער און גרויען —
אַ מדבר, באַרעגנט צי נישט.

וועסט טוישן געליבטע און ערטער,
ווי גליק וואָלט געוועזן אין דעם טויש,
ביז קומען וועט ער, דער באַשערטער
און רוען דו וועסט אויף זיין שויס.

און דאָך

איך האָב געקענט פיל פאַלשע פרויען,
מיין ליבע איז שוין מער ניט בלינד,
דאָך גאַרט דאָס האַרץ זיך אָנפאַרטרויען
צו איינער ווי אַ גלייביק קינד.

איך בין געפּרוּווט אין דער מלחמה
פון די געשלעכטער איבער מאַכט,
דאָך איז דער ווונטש פון דער נשמה
זיך אונטערגיבן אין אַ שלאַכט.

איך בין דערפאַרן, דורכגעטריבן,
געפילן וועג איך אויף אַ שאָל,
דאָך וואָלט איך וועלן זיך פאַרליבן
צום לעצטן ווי צום ערשטן מאָל.

ביים קאַמין

אין מיינע יאָרן איז שוין שווער צו טרוימען,
אין מיינע יאָרן טראַכט מען ביים קאַמין,
נאָר ס'איז אַריין בגנבה דורכן קוימען
די ליבשאַפט און זי פירט אַראָפּ פון זין.

זי האָט צוריק מיר פייכט געמאַכט די אויגן,
דאָס פייער שימערט ווי דורך אַ טומאַן —
ס'איז ניט קיין פייער, נאָר אַ רעגן-בויגן,
און ס'שמייכלט אין זיין טרוים אַ יונגערמאַן.

ליבשאַפט-פערזן

איך וועל צו דיר מיט מיינע בלוטן ריידן,
נאָר ריידן וועל איך ניט צו הייך —
ווען ברומען וועלן מיינע איינגעווייידן,
זאָלסט דו מיין האַרץ דערהערן אויך.

איך וועל דיך אין די ווילדע אָרעמס דריקן,
נאָר דריקן וועל איך ניט צו ווילד —
ניט ווי אַ שטיקשלאַנג גרויזאַם אין איר שטיקן,
נאָר ווי אַ פאָטער, פעסט און מילד.

איך וועל פון דיר ווי פון אַ ברונעם טרינקען,
נאָר שלאָגן וועל איך ניט דעם שטיין,
כ'וועל וואַרטן ביז דו וועסט אַנטקעגן שפּרינגען —
אַ קוואַל וואָס שלאָגט אַרויס אַליין.

האָב צו זיך אַ טענה
(פאָלקסטימלעך)

מיט אַ זאַק מתנות —
גאָלד און זילבער אַלע —
בין איך מיר געפאָרן
צו מיין שיינער כלה.

נאָר אַז כ׳בין געקומען
פון די ווייטע וועגן,
זיינען פּראָסטע שטיינער
אין מיין זאַק געלעגן.

ווער האָט דאָס פאַרביטן
די מתנות מיינע?
— ניט צום גנב, טיפּש,
האָב צו זיך אַ טענה.

ניט באַדאַרפט זיך שלעפּן
איבער קרעטשמעס, שענקען.
אַז מען האָט אַן אוצר,
דאַרף מען גוט געדענקען.

דער צעקוש

ס׳ווערט דער הימל אַלץ וואַרעמער, ווייכער,
ס׳ווערט באַהאַרצטער די זון אין צעשייד —
זאָל פאַרבלייבן אַ ליכטיקער זכר
פון דער קורצער איינטאָגיקער פרייד.

ס׳איז די ליבשאַפט געווען אַ מתנה,
איז אַ דאַנק דער צעקוש פון צעשייד.
לאַנג דערנאָך אין איר האַרץ, דער לבנה,
טראָגט די נאַכט די דערמאָנונג פון פרייד.

אויף אַ שיף

מיר האָבן זיך געטראָפן
צוויי פרעמדע אויף אַ שיף.
אַ ווינט איז אָנגעלאָפן,
געטאָן מיט אונדז אַ שטיף.

ער האָט אריינגעבלאָזן
אין מיינע אָרעמס דיך,
אַ ראַי פון פרייד צעלאָזן
ווי פעדערלעך פון ציך.

וואָס ווייטער פונעם באָדן,
אוועק פון ברעג און צאַם,
האָט זיך דער טרוים געבאָדן
אין ברויזנדיקן ים.

נאָר אויף צוריק צום באָדן
האָט אויפגעוואַכט דער טרוים, —
דער ברויז איז אויסגעזאָדן,
געבליבן איז אַ שוים.

און ווען עס איז דערשוווּמען
די שיף צום גרויען ברעג,
איז יעדער ווי געקומען
געגאַנגען אויף זיין וועג.

צוזאַמענגעגאָסן

די ראַנדן געשלאָסן,
אינטים, אָן אַ צאָם,
צוזאַמענגעגאָסן
ליגן הימל און ים.

אַ האַרץ פול מיט ליבע —
די זון אין צעפּלאַם,
און בלוט גיסט זיך איבער
פון הימל צום ים.

געזעטיקט, פאַרחלשט
זיינען הימל און ים,
בלויז וואָלקנס און כוואַליעס
נאָך פילן דעם טעם.

אין שלאָף איינגעזונקען,
זעען הימל און ים
צעשטערנטע פונקען,
לבנות פון פלאַם.

בלוט שרייט פון דער ערד

1946

ווידוי

טאָג-טעגלעך שאַלט יום-כיפּורדיקער שופר,
אַ יעדער נייער טאָג איז ערב סוף;
איך בין מתוודה זיך פאַר גאָט אָן אויפהער,
איך זאָג: — איך ווייס ניט, גאָט, פאַרוואָס די שטראָף.

איך שלאָג זיך, גאָט, על חטא שלא חטאתי:
אָט זע מיין האַרץ — ס׳איז ריין פון יעדער שולד,
און זע מיין האַנט — זי האָט מיט האַק און קאָסע
צו האַקן קעפּ זיך קיינמאָל ניט געשולט.

דאָס טוט דיין שטראָפער, גאָט, צו דיינע דינער,
ס׳מאַכט ער פון מאָרד אַ שפּיל, פון לעבן — שפּאַס,
און ווערט ער מיד צו קעפּן, — ווי די הינער
דערשטיקט דער טכויר אין קאַמערן פון גאַז.

אָ זע, ישראלס הירט, דיין ריינע סטאַדע
און זע דעם אומריינעם, וואָס האַלט דיין רוט.
ער איז נאָך ערגער פון אַ טאָרקוועמאַדאַ —
ער טובלט ניט, נאָר ער דערטרינקט אין בלוט.

צי ביסטו דען פון אונדזער בלוט אַ זויפער,
אַ פרעסער דען פון אונדזער פליייש אין בראָט,
פאַרוואָס זשע מאַכט ער אונדז צו עפּר ואפר
אויף קרעמאַטאָרישע מזבחות, גאָט?

ניטאָ וווהין

אַוווּ איך זאָל זיך ניט געפינען,
איז וואַרשע און לובלין.
איך קאָן ניט פון דיין בראָך אַנטרינען,
מיין פאָלק, — ניטאָ וווהין.

ווען אין אַ הייל איך וואָלט פאַרקראָכן,
אויך דאָרט וואָלט איך געהערט
ווי ס׳וויינט פון דיין געביין אַ קנאָכן:
דיין קבר איז די גאַנצע ערד.

און ס׳איז אומזיסט זיך צו באַהאַלטן
אין טורעם הימלהויך,
ווייל דיינע וויינגעשרייען שפּאַלטן
די זיבן הימלען אויך.

און אויף אַן אינדזל אָפּגעזונדערט —
ווי וואָלט איך דען גערוט,
ווען ס׳גרינט דער ים ניט מער, נאָר צונטערט
פון דיין צעגאָסן בלוט?

איך קאָן ניט פון דיין בראָך אַנטרינען,
מיין פאָלק, — ניטאָ וווהין.
אַוווּ איך זאָל זיך ניט געפינען,
איז וואַרשע און לובלין.

זרע אברהם

איך צייל די מתים מיינע און פארצייל —
זיי זיינען ניט צום איבערציילן ווי די שטערן.
איך פרעג אין פחד: „שומר, מה מליל?״
און ער פון נייע קדושים לאזט מיר הערן.
איך צייל און פאל אנידער אויף מיין פנים.
איך צייל און כאפ ביים קאפ זיך מיט דער האנט,
עס זיינען מיינע מתים פיל ווי זאמד.
אברהם, זע, ווי גאט פארמערט דיין זאמען!

ווייגעשריי

מיין פאלק! ווי דו איז אלט דיין וויי
און ווי דיין וויי איז אלט דיין שרייען.
איך שריי אויפסניי דיין אלט געשריי,
כאטש ס׳וועט מיין ווארט אים ניט באנייען.

איך שריי און וויים: דער פיינד איז טויב, —
וואס ארט דעם וואלף זיין קרבנס קלאגן? —
נאר ס׳הייבט זיך אויף אפילו שטויב,
ווען ס׳ראלט אויף אים דאס ראד פון וואגן.

און הערט דער שונא, וויים איך וויל,
אז ס׳וועט מיין קלאג אים נאך דערפרייען,
נאר שטיקן קאן איך ניט אין גרויל
די ייאושדיקע אויסגעשרייען.

מיין פאלק! איך שריי, און ניט גענוג.
א וואלט דיין יעדע ווונד פארמאגן
א מויל וואס שרייט, וואלט ווי א קרוג
די וועלט געפלאצט פון זייער קלאגן.

אַ ליד פון בלוט און טרערן

ניט שטראָף מיך, גאָט, וואָס איך פאַרפּאַס
אַ ליד פון בלוט און טרערן,
שריי אויס מיין צער אין מיטן גאַס
און שלאָג אין ברוסט ווי אין אַ פּאַס,
אַז הערן זאָל מען, הערן.

ניט שטראָף מיך, גאָט, וואָס אין אַ זאַק
אַרויס בין איך אין טויער
און וויש ניט אָפּ די טרער פון באַק,
און ווען נאָר אין גאַס איך פּאַק,
איך יאָמער אין זיין אויער.

ניט שטראָף מיך, גאָט, וואָס איך פאַרשווער
די מיליאָנען קדושים, —
איך ווייז דאָס צעטל פון פאַרברעך
ווי ישו — זיינע נעגלשטעך
צו מאַכן שטאַרק דעם רושם.

ניט שטראָף מיך, גאָט, פאַר אָט דער זינד,
איך קאָן מיין צער ניט צאַמען.
כ׳וועל אפשר מיט מיין וויי און ווינד
פון מערדער אָפּשרייען אַ קינד
און אפשר אויך — זיין מאַמען.

בלינד-געשלאָגן

דער פּריסעק פון די קרעמאַטאָריעס,
פון מיינע ניט-באַרוטע מתים,
האָט ווי דער זאַמד פון די מדבריות
געוואָגלט מיטן ווינט דעם הייסן.

און ס'האָבן שטויבלעך אַש געפונען
אַ קבר זיך אין מיינע אויגן,
און ס'איז פון זיי אַרויסגערונען
די וועלט, די זון, דער רעגן-בויגן.

און איצט אין חושך גיס איך טרערן
און בעט די הימלען מיר צו זאָגן:
— איז נאָך פאַראַן אין אייך אַ שטערן?
איך זע ניט, איך בין בלינד-געשלאָגן.

אַ לעבעדיקער מת

שוואַרצע ראָבן פּיקן מיינע טויטע ברידער
און פון צופיל ווייטוט מיר גראַניט ווײ,
לייג איך זיך אַנידער, צי מיר אויס די גלידער —
זאָלן מיך די ראָבן עסן גלייך מיט זיי.

ווײַכן מיך די ראָבן, ווייל זיי זיינען פרומע —
אבר מן החי איז ניט זייער ברויט,
זאָג איך זיי: „כ'בין כשר ווי מיין טויטע אומה,
וואָרן נאָך ביים לעבן איז מיין האַרץ שוין טויט."

צו מײַן שאַנד

איך האָב דעם בראָך ניט אָנגעזען מיט מײַנע אויגן,
בלויז פון דער װײַטנס האָט געטראָפן מיך די פּײַן,
װען איוב-בשורות זײַנען אײנס נאָך אײנס געפלױגן
און מיר אין האַרץ װי פײַלן זײַנען זײ אַרײַן.

און כאָטש איך האָב געבלוטיקט מיט מײַן פאָלק אין אײנעם,
אין װעג צום טױט אים נאָכגעפאָלגט װי אויף אַ קײט,
װי כ'װאָלט צוזאַמען מיט די זױגקינדער און זקנים
אַלײן געװען באַגראָבן לעבעדיקערהײט, —

און כאָטש איך האָב געגוסטס מיט אַ יעדן קרבן,
דאָך לעבן בין איך מיר געבליבן צו מײַן שאַנד,
אַז ס'זאָל פון זיך מיך איבלען, װאָס כ'בין ניט געשטאָרבן
און האָב אַפילו ניט פאַרלאָרן דעם פאַרשטאַנד —

און נאָך געשריבן לידער — אַ געגראַמטן יאָמער —
מיט בלוט פון פאָלק, װאָס װערט פאַרלענדט אַן איבערבלײַב, —
אַ טענה לבטלה צו דער װעלט דער טמא'ער,
װאָס װאַשט די הענט מיט זײף, געמאַכט פון אונדזער לײַב.

און װי זײַן מום אַ בעטלער אױסגעשטעלט, געשענדט נאַר
די קדושים מײַנע — פאַרן פרעמדן, װאָס איז בלינד,
און פאַרן אײגענעם — צעשפּרײט די װיסטע הענט נאַר,
די לײדיקע, אַן טרײסט פאַר אים און פאַר זײַן קינד.

אַ וויגליד פון אַ יידישער מאַמען אין פוילן

ליולעשי, קליין יידעלע,
צווייגעלע פון שטאַם.
כ'זינג אַ ניי וויגלידעלע
מיט אַן אַלטן גראַם.

וווּ איז, קינד, דיין וויגעלע?
וויגעלע — ניטאָ.
אויפן אָרט פון ציגעלע
שטייט אַ חיה־רעה.

פול מיט שלענג און עקדישן
איז דיין וויסטע היים,
ברענג איך דיך אין הקדשן
נעכטיקן געהיים.

חיה־אויגן — פייערלעך
גליען אין דער נאַכט.
זוכן איטשע־מײַערלעך.
שלאָף, דיין מאַמע וואַכט.

לעמעלעך און ציגעלעך,
יידעלעך — גאַטס שאָף
פאַלן ווי די פליגעלעך.
שלאָף דו, פליט, שלאָף.

ווּעסטו זייער קדיש זיין,
דו מיט יעקבס קול, —
אפשר צו מחדש זיין
זייער „שמע־ישראל".

ליולעשי, קליין יידעלע.
ווי איז מיר און ווינד,
וואָס אַזאַ וויגלידעלע
זינג איך צו מיין קינד.

אַ כראָניק פון וויטעבסק

...און טויטע און לעבעדיקע האָט מען ביינאַנד
געוואָרפן אין איין גרויסער גרוב און פאַרשאָטן.
און די ערד האָט געקרעכצט צוויי טעג נאָכאַנאַנד,
געזשיפּעט צוויי טעג מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם.

צוויי טעג האָט די ערד געזשיפּעט, געהוסט,
געפּאָכעט ווי אַ בויך פון אַ חולה מסוכן,
געדופקט אַגאַניש אַזוי ווי אַ ברוסט,
צוויי טעג נאָכאַנאַנד ניט אויפגעהערט צוקן.

ניט אויפגעהערט קרעכצן מיט אַן אימהדיק קול
צוויי לאַנגע טעג ווי צוויי טויזנט יאָרן
און ערשט אויפן טאָג, דעם דריטן אין צאָל
איז די ערד אַן אמתער קבר געוואָרן...

ס'איז כראָניש די כראָניק און ווערט נאָך געשריבן, —
אַזוי ווי אין וויטעבסק, אַזוי — אין מיין קיעוו.
און ווײ איז צו מיר וואָס איך בין געבליבן
די ווונדן מיט שערבלעך צו קראַצן ווי איוב.

און ווײ איז צו מיר וואָס איך צאָל מיט גראַמען
פאַרן שלאַג פון מיין האַרץ, פאַרן צוג פון מיין אָטעם
און ליג ניט מיט זיי אין קבר צוזאַמען,
פאַרפּייניקט צום טויט, צי ביים לעבן פאַרשאָטן.

דער פינגער

(לויט דער כראָניק פונעם קדוש יאַנקל וויערניק)

פאַרשניטענע ווי היי אין סטויגן
הרוגים ליגן — גאַנצע בערג.
מיט גליענדיקע חיה־אויגן
דער דייטש קלייבט נחת פון זיין ווערק.

אומזיסט געוועון ישראלס שרייען,
ס'האָט ניט געהערט אים דער „אחד".
ניטאָ קיין דין, ניטאָ קיין דיין —
די שווערד האָט אויפגעהאַקט דעם סוד.

אַ זיגער, לעסטערט גאָט דער נאַצי
און שמייסט די מתים מיט דער בייטש,
נאָר פאַר דער שפּע פון זיין פּראַצע
בלייבט פּלוצעם שטיין פאַרשטיינט דער דייטש.

אַך דאָנער וועטער! ניט צום גלויבן.
זע, אויף אַ מתים־באַרג פּאַראַייזט,
אַ האַנט, צום הימל אויפגעהויבן
אַ דראָענדיקן פינגער, ווייזט:

„ס'וועט נעמען אונדזער גאָט נקמה.
יאָ, אויג פאַר אויג און צאָן פאַר צאָן."
און אים, וואָס האָט ניט קיין נשמה,
אַ שרעק אַ חיהשע כאַפּט אָן.

ער קאָן די שווערד פון שייד ניט ציען
און אָפּהאַקן די טויטע האַנט.
די פיבערדיקע אויגן גליען,
נאָר ס'גליט ניט זיין געזיכט פאַר שאַנד.

און ס'נעמט די נאַצי־חיה ברומען:
„פאַרדאַמטער טראָצער יודענגייסט!"
נאָר אויף נקמה וואָס וועט קומען
דער טויטער פינגער ווייזט און ווייזט.

יום־כיפור תש״ד

אין טאָג פון טרערן, מער ווי אַלע מאָל,
היינט וויינט מיין פאָלק, ס׳צעזייטע און צעשפּרייטע;
נאָך הילפלאָזער, געמינערטער אין צאָל
היינט שטייט פאַר גאָט די שארית הפליטה.
פאַר גאָט, דעם איינציקן ישראלס היטער,
היינט שטייט מיין פאָלק, צו אים זיין האַרץ פאַרטרויט,
ווייל אַלע זיינע אַנדערע געביטער
פאַרראַטן האָבן אים אין שעה פון נויט.
און ס׳וויינט מיין פאָלק, זאָגט יזכור נאָך די קדושים
און פאַר די לעבעדיקע בעט אַ נס:
— אונדז אויסצוראָטן איז דער שונא אויסן,
מיר בלוטיקן ווי ווינטרויבן אין פּרעס.
מיר פאַלן ווי אַ וואַלד געהאַקטעביימער, —
ווי, מיט די וואָרצלען רייסט מען אונדז אַרויס.
באַשיץ אונדז, גאָט, נאָר דו ביסט אונדזער שומר,
פאַרלאָז אונדז ניט, ווען אונדזער בראָך איז גרויס.

נאָך נעילה

זיך געפּייניקט און גערייניקט
און געדאַוונט הויך און שטיל,
נאַר ס׳געזאָגטע איז צו ווייניק,
ס׳ניט־דערזאָגטע איז צו פיל.

טייכן טרערן אויסגעגאָסן,
און דעם צער ניט אויסגעקלאָגט,
און דאָס האַרץ, וואָס איז פאַרשלאָסן,
מן המצר שלאָגט און שלאָגט.

פאַר דאָס טיפסטע פעלן ווערטער,
בלויז אַ רמז איז די שפּראַך.
שווייג, בעל־תפילה, ניט־דערהערטער,
בעל־תוקע, טו דיין זאַך.

בלאָז אין שופר, גיב אַ וואָיע
מיט אַן אימהדיק געהויל.
די נשמה איז אַ רויע
שטומע חיה פול מיט גרויל.

אין פאַרשטערטע סדר־נעכט

ווי — די קנעכט, די פרייע — ביטער
אין פאַרשטערטע סדר־נעכט, —
יעדער איינער איז אַ היטער
פון זיין ברודער, ווען מען שעכט.
שאַנד און שמאַך — די אַרבע־כוסות,
ווען דאָס בלוט פון קדושים זידט.
ווי איז אונדז וואָס ניט קיין משהס
שטייען אויף פון אונדזער מיט.
אונדזער בליק אַ צער־פאַרגלייזטער
קוקט ניט אויס שוין אויף אַ נס,
און אַ פאַלשער איז דער טרייסטער,
ווען אין פנים שטאַרט דער מת.
ס'איז דער יום־טוב ניט קיין וואָרער,
ווען די וואָר איז אַ קאָשמאַר.
בלויז דער פסחדיקער מרור
עכט איז היינט ווי אונדזער צער.

האַרץ מיינס

שעם זיך, בלאַט פון בוים, צו גרינען,
ווען עס טריקנט איין דער שטאַם.
שעם זיך, ברעט פון שיף, צו שווימען,
ווען זי ברעכט זיך, זינקט אין ים.

האַרץ מיינס, ווייל דו ביסט ניט גליקלעך,
דאַרפסטו זיך ניט שעמען היינט,
ווען אויך קינדער אין די וויקלעך
אָן רחמנות שעכט דער פיינד;

ווען דער ייִד, ווי היי פון שניטער,
ווערט פאַרשניטן פון דער ערד.
האַרץ מיינס, ווייל עס איז דיר ביטער,
פילסטו אין דיין לייַב די שווערד.

צו חלום

מיין גלויבן איז צו חלום מיר געקומען
און האָט אין חלום מיר געבראַכט די וואָר —
די אויגן זיינען אים אין בלוט געשוווּמען,
מיין בלינדער גלויבן האָט געזען שוין קלאָר.

ער האָט אַ זאַק געטראָגן אויף די לענדן
און אַש — ניט אויפן קאָפּ, נאָר אויף די הענט,
ווי ס'וואָלט געווען אַ הייליקייט צו שענדן —
צו שיטן אַט דעם שטויב וואָס האָט געברענט.

אין זיין געזיכט האָט זיך דער גרויל פאַרפרוירן,
אין ניט-פאַרמאַכטן מויל — דער ווייגעשריי
פון אַלע מיינע קדושים, אַלע טהורים,
צעאַשטע און צווייעטע ווי שפּריי.

ער האָט דערציילט עס ניט מיט זיינע ליפּן,
נאָר מיטן פראָסט פון פלוצעם-גרויער באָרד.
און כ'האָב געשטוינט, ווי איז ער דאָס געבליבן
אַ לעבעדיקער נאָך אַזאַ געמאָרד.

נאָר פלוצעם מיט אַ גרויל אין אַלע גלידער
האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, פאַרשטאַנען קלאָר —
מיין גלויבן איז פאַרברענט מיט מיינע ברידער,
ער קומט צו חלום וויינען אויף דער וואָר.

אויף אַ וויספּע

אין אַ שיפל אַנטרין איך פון שווערד.
וויל איך לאַנדן, נעמט זינקען די ערד.
שווימט מיין שיפל אַליין מיטן שטראָם,
שלינגט עס איַין דער צעשטורעמטער תהום.
גיט דער ים מיך אַ שלעפּ און אַ שטויס
און אַ וואַרף אויף אַ וויספּע אַרויס.
טראַכט איך, דאָ וועט מיין קבר שוין זיין,
נאָר דער זאַמד אונטער מיר זינקט ניט איַין.
לויכט דער מולד פון וואָלקן אַרויס
ווי אַ גאַסטפריינדלעך ליכט פון אַ הויז.
קלאַפּט דער ים אויפן ברעג מיט דער וועל
ווי אַ הונט מיטן עק אויפן שוועל
און אַ בוים מיט די צווייגן צעשפּרייט
אויפצונעמען דעם אורח איז גרייט.
נאָר אין מיר איז נאָך שטורעם און גרויל
און עס בריט נאָך די ים־זאַלץ אין מויל.
איז דער וואָלקן, וואָס פינצטערניש טראָגט,
מער באַגלייבט ווי דער מולד, וואָס לאַכט;
איז דער ים ווי אַ קאַץ אויף געיעג,
ווען זי לויערט און קלאַפּט מיטן עק;
און אין שאָטן פון בוים זיך באַהאַלט
אַ וואַמפּיר ווי אַ גזלן אין וואַלד.
און איך שוידער פון קעלט און איך ברען.
איך דערוואַך, — ס׳איז אַ חלום געווען.

ביינאַכט

אַז ווייל איז צו אים, וואָס קאָן שלאָפֿן
אַזוי ווי אַ קינד אין זיין וויג
ביינאַכט, ווען עס לוגן אין קריג
די וועלף מיט די אויגן פֿון שרפֿים.
ווען ס׳ליגן די נעגל-חלפֿים
אין פֿוטערנע שיידן צוריק,
אַ זוניקער, מאָרגנט זיין בליק
ווי גאָרניט ביינאַכט וואָלט געטראָפֿן.

נאָר ווייַ איז צו מיר, וואָס איך האָרך
פֿון פֿרומען רוצח דעם שאָרך,
פֿון הייליקן קרבן דעם כאָרכל.
איך שוידער, און ס׳וואָגלט מיין שלאָף,
איך בין אי דער וואָלף, אי די שאָף —
איך שטעך זיך די נעגל אין גאָרגל.

אַ קללה

איך האָב פֿון שווערד זיך אויסגעשמידט אַן אַקער,
און דו פֿון אַקער האָסט געמאַכט אַ שווערד
און הייליק בלוט פֿון מענטש, פֿון גאָטס בן-יקיר
ווי אומריין וואַסער גיסטו אויף דער ערד.

און איצט, פֿאַרשאָלטן זאָלסטו, קין, ווערן
און זאָל פֿאַרפֿלוכט זיין אויך די ערד פֿון לאַנד
פֿאַרוואָס זי האָט איר מויל געעפֿנט גערן
דיין ברודערס בלוט צו טרינקען פֿון דיין האַנט.

און איצט, פֿאַרשאָלטן זאָלסטו, קין, ווערן
פֿאַרוואָס איך פֿלוך, פֿאַרוואָס מיין צאָרן ברענט;
פֿאַרוואָס איך וואַש די טמא שווערד אין טרערן
און נעם זי ווידער אין די ריינע הענט;

פֿאַרוואָס מיט דיר — אַ חיה מיט אַ חיה —
אויף טויט און לעבן שלאָג איך זיך אין שלאַכט;
פֿאַרוואָס מיין טרייסט, די בשורה פֿון ישעיה
איז נאָר אַ חלום אין אַ לאַנגער נאַכט.

אַ חיה וויל ער ווערן

פאַרפייניקט האָבן מענטשן זיינע ברידער,
ווי מענטשן קאָנען — פרום און ציכטיק:
די ווייסע האַנט האָט אָפּגעשניטן גלידער,
דאָס פּנים האָט געשמייכלט ליכטיק.

פאַרפייניקט האָבן מענטשן זיינע ברידער,
און וואַנזיניק די פייל פון רושם
פון זיין זכרון רייסט ער ווידער, ווידער,
און עפנט נאָר דעם ריס דעם גרויסן.

פאַרפייניקט האָבן מענטשן זיינע ברידער —
די ברידער־מענטשן זיינען שונאים.
דער גאַנצער מענטשן־מין איז אים דערווידער,
אים איבלט פון זיין אייגן פּנים.

פאַרפייניקט האָבן מענטשן זיינע ברידער —
שוין בעסער זיינען וועלף און בערן.
ער טוט אויף אַלע פיר אַ פאַל אַנידער,
אַ ווילדע חיה וויל ער ווערן.

פאַרפייניקט האָבן מענטשן זיינע ברידער —
ער זוכט אין דזשונגל ברידער נייע.
ביינאַכט אין נאָרע שלאָפט ער איין, אַ מידער,
אַן איינגעקנוילטער ווי אַ חיה.

פאַרפייניקט האָבן מענטשן זיינע ברידער —
די וואָר אין חלום לאָזט ניט שלאָפן.
די פייל פון רושם רייסט ער ווידער, ווידער,
און זי מיט בלוט נאָר ווערט פאַרלאָפן.

פאַרפייניגט האָבן מענטשן זיינע ברידער —
ער וויל מיט זייער שפּראַך ניט קלאָגן,
נאָר ווי אַ שטומער וואָלף פאַרצווייפלט, ביטער
ער וואָיעט ביז אַריין אין טאָגן.

אָב־הרחמים

ניט אין קברים, אין תכריכים און טליתים
רוען מיינע קדושים, צוגעדעקט מיט ערד.
בראַנדאָפּפערס געבראַכט האָט קין — זבחי־מתים,
און ס׳האָט גאָט פון זיי זיך גאָרניט אָפּגעקערט.

ניט אין אורענס איז דער אַש אַן אויפגעהיטער,
איבער פעלדער האָט מען אים צעשפּרייט ווי מיסט,
און די ערד — זי האָט געראָטן ברויט און פּיטער,
און ס׳האָט גאָט זי ניט פאַרשאָלטן, ניט פאַרוויסט.

גיי איך ניט אויף קבר־אבות, קדושים מיינע,
מאַכן „אָב־הרחמים" — ווו איז אייער שטויב ? —
נאָר צו דעם דערבאַרעמדיקן מיט אַ טענה
קום איך אומעטום : — פאַרוואָס האָסטו דערלויבט ? !

אויפן גאַניקל

„איך גיי אַרויס מיר אויפן גאַניקל." —
מיר קלינגט דאָס ליד אין האַרצן.
קומט צו פליען ניט קיין פייגעלע,
נאָר ס׳קומט אַ קראָ אַ שוואַרצע.

ניט אַזוי די קראָ די פינצטערע,
ווי דאָס געבראַכטע קוויטל ;
ווייניק נאָך דאָס וויסטע קוויטעלע,
קוקט די וועלט מיט ביטול.

לייען איך דאָס ערשטע שורהלע :
— אַן יידן איז דיין שטעטל.
לייען איך דאָס צווייטע שורהלע :
— זיי ברענען אין קאַצעטן.

וועמען רופן פון די פריינד מיינע
מיר צו העלפן וויינען ?
כ׳האָב מיט יעדן פאָלק געברידערט זיך,
און איך האָב ניט קיינעם.

חשבון הנפש

איך האָב אַמאָל געבענטשט דאָס לעבן,
אַצינדער שילט איך ניט אפילו.
איך האָב אַמאָל פאַר בייז פאַרגעבן,
נאָר רשעות בעט ניט קיין מחילה.

ווען איך, אַ יחיד, וואָלט געליטן,
פאַרגעבן וואָלט איך נאָך אַצינדער,
נאָר ס'האָט די רשעות גלייך פאַרשניטן
אי אַלטע לייט, אי קליינע קינדער.

די זון אפילו שיינט ווי נעכטן,
נאָר בעסער וואָלט זי זיך באַהאַלטן,
ווען בלאַנקע מעסערס שעכטן, שעכטן
אין מיטן טאָג אין אויסגעשטראַלטן.

די ערד איז אויך נאָך אַלץ אַ מאַמע,
אַ מאַמע אָבער אויך צו קין,
און איז ער זי מיט בלוט מטמא,
פאַרשלינגט זי ס'בלוט, עס זאָל ניט שרייען.

און וועט דער נייער מאָרגן קומען,
מיט אויפבלי בלענדן מיינע אויגן,
דערמאָנען וועלן מיר די בלומען
אין בלוט, וואָס האָט זיי אָנגעזויגן.

שאַ און שטיל

שניי איז פרידן אויף דער ערד,
טריפט אַרונטער בלוט פון שווערד.

שניי איז ווייס און בלוט איז רויט,
שרייט צו גאָט דער פלעק פון טויט.

גאָט אין הימל איז ניט בלינד,
אין די אויגן שטעכט די זינד.

שלאָפט ער ניט און רוט ער ניט,
ביז קיין צדק טוט ער ניט.

קומט זיין מלאך באַלד אַראָפּ
אינעם צלם פון אַ ראָב.

טוט דער ראָב זיין שליחות ווויל —
מיטן גאַנצן זשעדנעם מויל,

און דאָס בלוטיקע געשריי
פּיקט ער אויס פון שטילן שניי,

און אַ זאַטער, בענטשט ער פרום:
„גאָט פון פרידן, אין דיין רום

דרעמל, שלאָף דיר אומגעשטערט,
שאַ און שטיל איז אויף דער ערד".

בלומען אויפן קבר

לעבן, לעבן, דו ביסט גובר:
בלומען בליען אויפן קבר
און עס בלענדט די זון,
אַז פאַרגעסן זאָל דער אָבל
אין דעם אויסגעקריצטן טאָוול
מיט די „פּ" און „נ".

חרוב

ניט אַלע וועלן אונטערגיין.
אויף אַש דעם גאַנצן פאָלקס געביין
וועט דער פאַרברענער ניט צעררייבן,
דער נצח פון ישראל וועט באַשטיין,
נאָר וועלן מיר די זעלבע בלייבן?

האָט דען ניט אויך מיט זיי אין בראַנד,
מיט וועמעס אַש עס האָט אָן שאַנד
די פעלדער פעט געמאַכט דער טמא, —
האָט דען ניט אויך מיט זיי ביינאַנד
געברענט דעם איבערבלייבס נשמה?

צי זיינען מיר ניט אָפּגעברענט,
ווי מויערן מיט שטיינער־ווענט,
וואָס שטייען אויס דעם פלאַם פון דרויסן,
נאָר אינווייניק איז אַלץ פאַרלענדט,
בלויז שוואַרצע אימהדיקע בלויזן?

ווײ! וויסט און שוואַרץ איז אונדז נאָך מער
ווי מויערן פון שרפה לער, —
עס פילן אָן זיי די נשרפים
צוריק אין טאָג פון ווידערקער
מיט נייעם לעבן, נייעם האָפן.

נאָר אונדזער נשרף — ס'האַרץ אין ברוסט —
האָט פון קיין מקלט ניט געוווּסט
און אומגעקומען אין די פלאַמען.
מיר בלייבן חרוב, וויסט און פּוסט —
אַ וואַלד מיט אויסגעהוילטע שטאַמען.

זאַלץ פון טרערן

אין פענצטער קלאַפּט אַ גרייַפּלדיקער שניי.
אַ שטורעמווינט אין דרויסן בלאָזט.
איך שוידער אויף ביים הייסן גלעזל טיי,
איך שוידער אויף, נאָר ניט פון פראָסט. —

ניט שניי, נאָר זאַלץ פון טרערן אויסגעלאַכטע,
פאַרשטויסן, פאַלט פון הימלען צוגעמאַכטע.
דער פראָסט איז פון פאַראייזטע טויט-יסורים,
פון אויסגעהויכטע אָטעמס איז דער שטורעם.

אין שניי

דער שניי איז אַ ליכט אין די אויגן,
פון גנעדיקן הימל אַ גאָב,
נאָר איך בין מיט גרויל אָנגעזויגן
און שוואַרץ אינעם שניי ווי אַ ראָב.

דו שניי, ביסט אַ ציכטיקער שווינדלער —
דעקסט איבער די בלוטיקע קויט,
פאַרבלענדסט די פאַריתומטע קינדלער,
וואָס קינדלען קרבנות צום טויט.

צעגלעקל זיך, לעבן, אין שליטן,
צעטראָג זיך מיט שיכורן מוט
אויף שנייִישן גליטשיקן פרידן,
וואָס איבער די טייכן פון בלוט.

דער שניי איז אַ בלענד אין די אויגן
און איך אינעם שניי בין אַ ראָב.
איך האָב זיך מיט גרויל אָנגעזויגן,
און גרויל — דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב.

ווערדיק און פיינלעך

אבלים טרייסטן זיך און לעבן ווייטער,
אויב ניט מיט ווערדע, לעבן זיי מיט שאַנד —
דאָס פּנים פון אַ זונה אַ פאַרשייטער
פאַרבייט די טויטן־מאַסקע אויף דער וואַנט.

נאָר איך האָב גאַל אין זייער ווײַן געשפּיגן,
מיט מתים־אַש באַשאָטן זייער ברויט,
פאַריאָמערט זייער לאַכנדיקן ליגן,
געריסן זיי פון לעבעדיקן טויט:

— אבלים, טרייסט זיך ניט, זעט אויגנשיינלעך
די טויטן־מאַסקע, וואָס איר האָט געאַרבט.
צו לעבן איז צו לעבן ווערדיק, פיינלעך,
דער אומפאַרשעמטער נאָך ביים לעבן שטאַרבט.

מיט זייער בלוט געפאַרבטע

זיי האָבן לעבן ניט געקאָנט אין חרפּה
און אויסדערוויילט דעם שטאָלצן טויט אין שלאַכט,
און איר, מיט זייער הייליק בלוט געפאַרבטע,
האָט זיך אַ נייע פּורים־שפּיל געמאַכט.

דער שטאָלץ פון זייער דערנערקרוין איז אײַער,
נאָר זייער כבוד האָט איר ניט פאַרדינט, —
זיך ניט געלייטערט אין דעם בראַנד פון פייער
און ניט געוואַשן אינעם בלוט די זינד.

מיט קאַרגע פּרוטות האָט איר אויסגעלייזט זיך,
מיט קאַרגע טרערן אויסגעווײנט די פּיין,
זיך וואָלוול אויסגעקויפט און גרינג געטרייסט זיך,
צעלאָזן זייער הייליק בלוט אין ווײַן.

בלויז דעמאָלט וועט איר זייער כבוד אַרבן
און פאַלן וועט אויף אייך פון זייער שײַן,
ווען תשובה וועט איר טאָן ווי פאַרן שטאַרבן,
ווען הייליק ווי די קדושים וועט איר זיין.

דער גואל־הדם

1

מיין פריינד האָט געבראַכט פון מלחמה:
אַ האַנט אַ צעבראָכענע,
אַ ברוסט אַ געשטאָכענע,
נאָר אַ גאַנצע נשמה.

פון גרויליקער שלאַכט,
אַ טיף־דערשיטערטע,
האָט ער זי געבראַכט,
אַ ניט־פאַרביטערטע.

ווייל אַנגסטן וואָס מוטיקן
אים האָבן געטרייסט —
דאָס בלוט, וואָס פון בלוטיקן
די מענטשהייט דערלייזט —

און קעמפער פאַרברידערטע
אין טויטס אָנגעזיכט —
גזלנים דערווידערטע
פון מאָרד — זייער פליכט.

2

איך קוק אויף דעם גואל־הדם —
אָט דער האָט נקמה גענומען?
אַ גוטער, אַ שטילער — אַ לאַם,
איז ער פון מלחמה געקומען?

די אויגן די בלויע נאָך מילדער —
פון צוזען די גרויזאַמע בילדער?
דער האַרציקער שמייכל נאָך ווייכער —
פון היטן יסורים לזכר?

3

ער ווייזט מיר אַ מעסער אין פלעקן —
אַן אָנדענק פון קריג, ניט אָפּצומעקן —
און רעדט אַזוי פּראָסט ווי פון ברויט אין דער וואָכן
מיט ווערטער באַטראַכטע, באַשלאָסענע:
— דאָס דאָזיקע מעסער האָט מיך געשטאָכן,
די פלעקן — מיין בלוט דאָס פאַרגאָסענע.
איך היט אָט דעם עדות פון בלוטיקער טאַט,
ווייל ס'האָט אויף זיין שטערן דער דייטש ניט געהאַט
דעם צייכן פון קין, קיין קנייטש און קיין שאָטן.
אַ בלאָנדער, מיט אויגן מיט בלויע,
איז קין אין הבל געראָטן.
דו צווייפלסט, ביסט אפשר זיך טועה,
ס'באַנעמט ניט דער שכל —
אַ מערדער זאָל האָבן אַ ליכטיקן שמייכל?
אָט דאָ קומט מיין עדות, דאָס מעסער דערמאָנט דאָ:
„אַזוי איז די דייטשישע חיה די בלאָנדע,
דער איבערמענטש ניטשעס, די ציכטיקע טומאה,
אַזוי ווי אַ קאַץ אַ כלומרשטיק-פרומע".
יאָ, מעסער, ניט זשאַווער,
דערמאָן מיר, דערמאָן —
איך האָב נאָך אַ פּולע צו טאָן.
און דיר איז אַ חידוש, מיין חבר —
מיין גאַנצקייט, מיין רו.
דער ענטפער איז פשוט: איך טו.
אָט זאָל נאָר די האַנט ווידער מיר דינען,
צוריק וועט דער פיינד אין קריג מיך געפינען —
אַ רוט פון פאַרשניטענעם שטאַם,
אַ גואל-הדם.

צעבראָכענע ביימער

צעבראָכענע ביימער, פון שטורעם צעשפּליטערט,
מיט קנאָספּן פֿאַרקניפּטע אויף זאַפטיקע ריטער;
פֿאַרשניטענע ביימער אין אָנקום פון פרילינג —
צעשמעטערטע האָפענונג ערב דערפּילונג.

אומזיסט גאָר אַ ווינטער אָן מורמל געפרוירן,
געהיט אַלץ דאָס חיות פון ווידער-געבוירן, —
דער זאַפט רינט אַרויס פון די אָפענע ווונדן,
דער קנופּ אויף די קנאָספּן וועט בלייבן פֿאַרבונדן.

עס וועט ניט געפינען דעם בלעטערשן אויער
דער וואַרעמער פליסטער פון ווינטל-פֿאַרטרויער,
דערפֿאַר וועט אין ווונד פון ניט-אויסגעלעבט לעבן
דער וואָרעם געפינען אַ קוואַל אויסצושעפּן.

און ווען ס׳וועט דער גאָרטן אַזוי ווי אַ פּאַווע
די גאָלדענע גרינקייט צענעמען מיט גאווה,
אָן בלאַט און אָן בליט וועלן שטיין די פֿאַרוויסטע,
ניט גרינען, נאָר שימלען פון טויען אומזיסטע,
און חוזקן וועט זייער גאַליקער שימל
פון רעגן און זון — די מתנות פון הימל.

אין נעפל

די זון הייבט אָן אַ שפּאָגל-נייעם ציקל
בגנבה — אין אַ נעפל איינגעהילט
און ס'צאַפּלט ניט מיט שיין דער וואַסער-שפּיגל,
ווי ס'וואָלט נאָך אַלץ דעם ווינטערס קאַלטער זיגל
זיין פּייערל'עכן אָפּרוף אָפּגעקילט.

און ערטערווייז די ערד, ניט דרייסט צו גרינען,
בלויז געלבע גרעזלעך שפּראָצט אַרויס פון זיך,
און פייגל, וואָס פון ווינטערבראָך אַנטרינען,
צוריק געקערט זיך, קאָנען ניט געפינען
דעם קלאַנג פון שיר-השירים אַזוי גיך.

אַ פּיפּס, נאָר ס'קומען ניט פון האַלדז די טענער.
ווי קאָנען פייגל זינגען אין אַ וויסט? —
געקראַכטע צווייגן שפּאַלטן זיך אויף שפּענער,
אין קופּעס בלעטער וואַרטן אויפן ברענער,
צעשטערטע נעסטן פוילן אויפן מיסט.

טויט און לעבן

אָט לאַכט די זון, אָט וויינען ווינט און רעגן
און אָט אַ שניי שיט אויס מיט ווייסע קרעץ, —
עס האָבן טויט און לעבן זיך באַגעגנט
און פּאָרן זיך און יאָמערן ווי קעץ.

די שוואַרצע ערד אין ווייען פון געבערן
צערייסט אויף זיך דאָס ווייסע העמד פון שניי,
נאָר אין איר שוויים באַוויינט די ערד דעם „סטערן" —
די וואָרצלען פון פאַרשניטענעם פּאַרזיי.

די ביימער — פינקלדיקע קאַנדעלאַברעס —
דורך טרערן שמייכלען צו דער זונס אַ שטראַל,
נאָר אונטער זיי נאָך טאַנצן דאַנס-מאַקאַבר
די גייסטער פון דעם לעצטן בלעטערפאַל.

אָ טויט און לעבן — יאָמערדיקע קעץ,
ס'האָט אייך צונויפגעפּאָרט אַ בייזער לץ.

אַ בראַנדאָפּפער

דער גערטנער זאַמלט אײַן אין פייער־שייטער
געקראַכטע צווייגן פון די זאַווערוכעס —
אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט מיט זיינע רוחות,
וואָס ברענגען אום, אַז ער זאָל שאַפן ווייטער.

און ביימער דורכגעשווידערטע פון ווינטער
געשווינטע אָרעמס קעגן הימל שפרייטן
און בענטשן גומל, שטאַרקן זיך ווי פּליטים
אין אָנגעזיכט פון די פאַרברענטע קינדער.

אַ גערטנער, בלוטיקט ניט דיין האַרץ אויף ביידע:
אויף די געקראַכטע צווייגן אין די פלאַמען
און אויף די אַבלדיקע האַרטע שטאַמען
מיט ווונדן אָפענע פון דער אבידה?

ער שווייגט און ברענט, איז אפשר זיך משער —
די קאַלטע הימלען וואַרעמט אָן דער פייער.

יונה הנביא

איך לויף פון גאָטס וואָרט, איך גלייב ניט אין מענטשן,
זיי וועלן שוין בעסער ניט ווערן.
איך וויל זיי ניט שעלטן, און כ׳קאָן זיי ניט בענטשן, —
וואָס האָב איך זיי לאָזן צו הערן?
מיין ייִאוש איז שווער: ס׳וויל דער ים אים ניט טראָגן.
מען וואַרפט מיך פון שיף, מען דערטרינקט מיך.
ווי ביטער בין איך! — ס׳ברעכט מיך אויס פון זיין מאָגן
דער פיש, וואָס אין הונגער דערשלינגט מיך.
נאָר קוים איך אין וויסט אויסצוהויכן מיין אָטעם,
געשען מיר אַ נס — אַ נסיון:
וואַקסט אויס אין דער המימה אַ בוים מיט אַ שאָטן,
פאַרלענגערט פון לעבן די שעהען.
וואָס לאָזסטו ניט שטאַרבן, גאָט? ברענג ניט קיין ראיות,
אַז ווערט איז דיין וועלט כ׳זאָל זי בענטשן.
איך בענטש דיינע ביימער, און פייגל, און חיות,
איך בענטש אָבער ניט דיינע מענטשן.

נאָכן מבול

פון וואָלקן טרייסט דער רעגן-בויגן:
— אַנטרונענער, הייב אָן אויפסניי!
נאָר נח שטייט אין שולד געבויגן
פאַרוואָס דער טויט איז אים פאַרביי.

ער גראָבט די שוואַרצערד, שוואַרץ פון מבול —
די ערד איז נאָכן מבול פעט,
נאָר ווו ער זאָל ניט טאָן קיין גראָבל,
שטייט אויף אַ ביין פון אַ סקעלעט.

און נח יאָמערט: — ווי די מתים,
נאָר אויך די לעבעדיקע ווייַ,
וואָס מוזן פלאַנצן, ווען זיי ווייסן,
אַז אויף בית-עלמינס פלאַנצן זיי.

פאַרוואָר, מיר איז באַשטימט צו אַרבן
אַ נחלה, וואָס איז פעט פון גרויל —
די פרוכט, וואָס וואַקסט פון טויטן שאַרבן,
זאָל שפּייזן ס׳לעבעדיקע מויל.

פאַרגיב מיר, גאָט, ווען איך וועל פלאַנצן
אַ וויינגאָרטן און טרינקען וויין
און וועל זיך אָפּדעקן אין גאַנצן,
אין גאָר מיין שאַנד, דער שאַנד פון זיין.

ויצא יעקב

מיטן קלומעק ווי אַ הויקער
איז שוין יעקב ווידער עוקר,

לויפט אויף ס'ניי פון עשום צאָרן,
נאָר ווו איז דאָס לאַנד פון חרן

מיטן פעטער, וואָס פאַרטרייבט ניט,
זאָגט: „ביסט דען מיין ביין און לייב ניט?"

נאַכט און שטיינער. נאכט און גרוילן.
יעקבס זון האָט זיך פאַרהוילן.

יעקב נעכטיקט אויף די פעלדזן,
נאָר ער טרוימט ניט, קאָן ניט העלזען.

יעקבס לייטער פון בטחון
איז געפאַלן, איז צעבראָכן.

ניט מלאכים, נאָר מחבלים
סקריפּען אויף די וויסטע שטאַפּלען.

גאָט איז אויבן, יעקב — אונטן,
אָפּגעשניטן אַלע בונדן.

אַ פאַרלאָזטער, איינאַליינער,
בלוטיקט יעקב אויף די שטיינער

און ער גיסט אויף זיין צוקאָפּנס
ניט קיין אייל, נאָר טרערן-טראָפּנס.

לוטס ווייב

מיט די הענט צום דערשראָקענעם האַרצן געדריקטע,
איז געלאָפן לוטס ווייב, — מיט איר האַרץ אין די הענט,
נאָר די פיס, — ווי די אורשלאַנג, מיט גאָט אַ צעקריגטע,
וואָלט געוויקלט זיך האַרט אַרום זיי און געפּענט.

ס'האָט געמאָלן דער הימל אין צונטערן פיבער,
ס'האָט דערציילט אַ געשריי אין דעם רויכיקן ווינט,
אַז הינטער איר ברענט עס, די ערד קערט זיך איבער
מיט איר הויז, האָב און גוטס, מיט איר שטאַל, שאָף און רינד.

אַז אומזיסט איז געווען גאָר אַ נעסט זיך צו קלעפּן
ווי אין פרילינג די שוואַלב פון באַזונגענער ליים.
ווי אָן מושל דער שלאַמוואָרעם, ווי וועט זי לעבן,
אָפּגעריסן פון איר צוגעוואָקסענער היים?

„אויף אַהינטער ניט קוק!" האָט דער מלאך באַפוילן,
נאָר פאָרוים גליט דער באַרג פון דער שׂרפה אין טאָל.
ווער קאָן זאָגן צי ס'וועלן ווי גלייִקע קוילן
נאָך ניט פאַלן פון הימל די שטערן אַמאָל?

האָט אַ זין דען צו בויען אין אייביקער פּאַניק?
איז אַ לעבן אין טויטשרעק דער חסד פון גאָט?
צו געניסן פון שיידונג דעם ביטערן תענוג
האָט זי טראָציק געקוקט אויף צוריק, אויף איר שטאָט.

און פאַרשטאַרט איז געשטאַנען, מיט אויגן פאַרגלייזטע,
מיט פאַרשטיקטע, געשוואָלענע שלוכצן אין האַלדז,
מיט פאַרצווייפלונג אין פנים, וואָס וויל זיך ניט טרייסטן, —
ניט קיין פרוי, נאָר אַ ווייסטע סטאַטוע פון זאַלץ.

דער ערשטער חטא

און מענטש האָט דעם רייציקן ביסן
פון דעם עץ־הדעת צעקײַט
און ס'האָבן זיך אים אויפגעריסן
די אויגן פון גיריקייט.
און מענטש האָט אין גאָט פאַרגעסן
זינט ער איז געוואָרן קלוג
און וויפל ער האָט נישט באַזעסן,
איז אַלץ נישט געווען גענוג.
נאָך ווייניק די פּירות פון גאָרטן,
ער האָט נאָך אַ בויגן געשפּאַנט
צו טייטן די פייגל, צו מאָרדן
די חיות פון פרידלעכן לאַנד.
נאָך ווייניק דער באָדן צום פּלאַנצן,
ער האָט נאָך געזוכט אין דער ערד
דאָס זילבער און גאָלד, וואָס גלאַנצן,
און ס'אײַזן צו שמידן אַ שווערד.
און גײַציק צו ווערן גאָטס גלײַכן,
האָט מענטש באַצוווּנגען די פרײַ:
די וועלדער, די פעלדער, די טײַכן
מיט אַלע בעלי־חי.
און מענטש האָט קינדער געבוירן
מיט אויגן פון קנאה גרויס,
מיט הערצער, וואָס ווערן געווירן
פון שלעכטס נאָך אין מוטערס שויס.
און מענטש האָט זײַן זאָמען דערצויגן
צו ציען אַ שווערד פון דער שייד,
צו שלײַדערן פײַלן פון בויגן,
ביז — ברודער האָט ברודער געטייט.

און גאָט האָט געזאָגט פאַרטרויערט:
— פאַרוואָר, אין געשטאַלט פון אַ שלאַנג
אין דעם עץ־הדעת לויערט
דער טויט אויפן מענטש, זײַן פאַנג.
אומזיסט אים געוואָרנט: „וועסט שטאַרבן".
ווי צו זײַן מין איז איצט —
ס'וועט איינער אין צווייטנס שאַרבן
צעפּלעטן דעם מוח, וואָס בליצט.

ווען תחית־המתים איז ער אויפגעשטאַנען

„און די ערד האָט געציטערט, און די שטיינער האָבן
זיך געשפּאָלטן, און די קברים האָבן זיך געעפנט“.
מתיא, נייער טעסטאַמענט.

די ערד האָט געציטערט אין יענעם פרימאָרגן,
ווען תחית־המתים איז ער אויפגעשטאַנען.
די זון איז אַרוים און האָט באַלד זיך פאַרבאָרגן,
ווען זי האָט דערזען דעם געקרייציקטן שפּאַנען.
אַ זיגרייכער, האָט ער געשפּאַנט און געקוואָלן.
ווי גלאָקן צו אים האָבן קראַכן געקלונגען,
ווען ס'האָבן זיך בערג אָנגעשאָטן אין טאָלן
און ס'האָבן די טאָלן ישובים פאַרשלונגען.
צו אים אין זיין בוזעם מיט פּיס אויסגעלענקטע
דער ווייסינקער לאָם איז אויף שטיינער געהונקען,
און מיד פונעם שטורעם, נאָך רו אַ פאַרבענקטע,
די טויב צו זיין אַקסל אין פלי איז געזונקען.
און ער האָט געוויזן אויף זיין וווּנד מיטן פינגער:
„האָב איך אויפן צלם גערוט דען אין פרידן?
„האָט עמעצער מיר די יסורים פאַרגרינגערט?
„אַזוי זאָלט איר ליידן ווי איך האָב געלידן“.
דער לאָם האָט געשטויגט, און די טויב — ניט פאַרשטאַנען
ווי ס'האָט די נקמה דעם קריסט אָנגעצונדן,
ווי ער וואָלט פון טויט נאָר דערפאַר אויפגעשטאַנען
ס'זאָל זידן און זידן זיין בלוט אין די וווּנדן.
זיי האָבן געוויינט ווי יתומים אין טרויער,
פאַרלאָזט, אָן אַ גואל, געציטערט פון אימה
און שטיל האָט די שלאַנג זיי געצישעט אין אויער
אַ מעשה אַ שרעקלעכע און אַ געהיימע:
— ניטאָ מער דער גואל, דער רחום־וחנון.
די רויבער, די צוויי מיטגעקרייציקטע ישום,
פון טויט זיינען אויך אין זיין זכות אויפגעשטאַנען
און האָבן אים ווידער דערמאָרדעט מיט רשעות.
זיי האָבן צעקריגט זיך, איז איינער דערוואָרגן,
דעם צווייטן צו ווערן אַ גאָט איז געגאָלטן.

די ערד האָט געציטערט אין יענעם פרימאָרגן
און ס'האָבן פאַר פחד זיך שטיינער געשפּאָלטן.

בלעם

און בלעם גייט אַרויס אַנטקעגן שלאַנגען
פון זיי צו לערנען ווי צו שפּריצן סם,
ווייל פון מצרים איז אַרויסגעגאַנגען
אַ פאָלק אָן צאָל ווי זאַמד ביים ברעג פון ים.

און בלק בעט: „פאַרשעלט מיר אָט די אומה,
וועל איך דיר ווייזן מלכותדיקן גנאָד".
און ווי דער שטן זוכט אַ זינד ביי פרומע,
אַזוי שפּירט בלעם אוים דאָס פאָלק פון גאָט.

און אָט פון באַרגשפּיץ זעט ער יעקבס צעלטן
ווי בליענדיקעביימער ביי אַ טייך
און זעכציק מאָל צען טויזנט יונגע העלדן —
אַ וואַלד מיט צעדער־שטאַמען שלאַנק און גלייך.

און אָט די שבטים מיט די צוועלף פאָנען
ווי צווייגן, זעט ער, פון איין גרויסן בוים
און איבער זיי — דעם בלויען עמוד־ענן
ווי פון דעם בוים די הימלהויכע קרוין.

און אין דעם משכן, וואָס אין קרייז פון צעלטן,
ער זעט — פון פאָלק דעם וואָרצלדיקן שטאָם.
און נאָך ער זעט... נאָר ניט פאַרוואָס צו שעלטן
און ניט פאַרוואָס אויף אים צו שפּריצן סם.

און בלעם פאַלט אין טראַנס, גלאָצט אוים די אויגן
און בענטשט די ייִדן, מאַכט פון קיניג שפּאָט:
— דער חוזה קאָן דעם אמת ניט פאַרבייגן,
דער חוזה שעלט ניט, וואָס געבענטשט האָט גאָט.

משה שטראַלט

„ומשה לא ידע כי קרן עור פניו"

פייערלעך פון באַרג סיני נידערט
משה מיט די צען געבאָט, —
אין די אויערן נאָך ווידערט
ווי געזאַנג דאָס קול פון גאָט;

אויף די הייסע באַקן גליט נאָך
גאָטס אינטימער אָטעמצוג
און די זיוו־השכינה היט נאָך
משהס פינקלדיקער קוק;

ווי די זון, אַן אויפגעטאָגטער,
שטראַלט זיין שטערן מיט אַ בלענד,
און צום פאָלק די לוחות טראָגט ער
ווי אַ קינד אויף זיינע הענט.

שטייט ישׂראל, אַ פאַרבלענדטער,
און אין פאַרכט גענעענט ניט,
שטייט אויך אהרן, קומט ניט נענטער,
ווי צום באָדן צוגעשמידט.

וווּנדערט משהן וואָס מען ציטערט,
וואָס מען וואַגט ניט טאָן קיין טראָט
און ער רופט צום פאָלק דערשיטערט:
„ווער בין איך, — להבדיל, גאָט?

נאָר אַ שיקייִנגל פון אויבן,
נישטיק בין איך און ניט גרויס".
משה ווייסט ניט אַז, דערהויבן,
שטראַלט ער געטלעכקייט אַרויס.

אָדם רופט זיך אָפּ

„ווו ביסטו?״ רופט גאָט פון הימל,
נאָר אָדם ווי גאָרניט געהערט
פאַרטייעט אין דזשונגלוואַלד ווימלט
אַזוי ווי די שלאַנג אויף דער ערד.

דער הימישער נאַקן געבויגן,
געזונקען דער מאַלפּעשער קאָפּ, —
וויל אָדם ניט הייבן די אויגן,
ווען גרינגער איז קוקן אַראָפּ.

אַראָפּ אויף חוהן, וואָס שמידט אים
מיט גליַיקע גלוסטן צו זיך
און מוטיקט זיין בלוט און גיט אים
די קראַפט פון אַ גאָט אין זיין דיך.

איין קערפּער איז זיינער און חוהס
און איינס מיט דער ערד אונטער אים,
נאָר קורץ איז פון גוף די התלהבות,
פאַרטויבט ניט די הימלישע שטים.

און אָדם שטייט אויף, און אַ פרעמדקייט
דערפילט ער צו חוהן זיין ווייב
און פילט מיט אַמאָל אַ פאַרשעמטקייט
פאַר אייגענעם נאַקעטן לײַב.

און חוה שטייט אויף, און איר קערפּער
אין וואַלד פון די האָר הילט זי אײַן
און שטייט — אַ פאַרהוילענע ווערבע
און וויינט אין איר איינזאַמער פּיין.

און אָדם גלייכט אויס דעם נאַקן,
צום הימל דעם קאָפּ פאַררייסט,
און ס׳פלאַמען די ערלעכע באַקן
פון מענטשלעכער שאַנד, וואָס איז גײַסט.

דאָרשט צום קוואל

1952

דאָרשט צום קוואַל

1

דאָרשט צום קוואַל

איך בענק צו דיר נאָך איידער איך האָב דיך געפונען,
ווי ס׳דאָרשט אַ מענטש נאָך איידער ער געפינט אַ קוואַל.
איך וועל דיך זוכן אינעם וואָלקן און אין שטראַל,
און אין פיל ערטער, ווי דער גרעבער פון אַ ברונען.
איך דאָרשט צום קוואַל, פון וואַנען כ׳בין אַרויסגערונען —
איז גילטיק אויפן קוואַל, וואָס אויפן טראָפּ איז חל?
האָסט דו, וווּלקאַן, שוין אויסגעשמאָלצן דיין מעטאַל?
האָסט דו שוין, גאָט, אַרויסגעשטראַלט די זון פון זונען?

איך בענק צו דיר, ווייל איך פאַרנעם אין זיך דיין רוף,
נאָר ביסטו דען אַ שם־המפורש אין אַ גולמס גוף
און ביסטו אויך פאַראַן אין מיין נשמה־פּלאָנטער?
אַ בלינדער, דאַרף איך דיך נאָך זוכן אומעטום —
אין שטעקן און אין שטיין, אין דאָרן און אין בלום,
און אפשר האָב איך דיך געפונען, ניט־דערקאָנטער.

2

אין דיר געראָטן

מיין קאָפּ פאַרלייקנט דיך, מיין האַרץ — באַשטעטיקט,
איך בין מיט סתירות פול — אין דיר געראָטן:
דו ביסט אי לויטער ליכט, אי שוואַרצער שאָטן,
אי דער וואָס שטראָפט, אי יענער וואָס באַגנעדיקט.
די אויגן מיט דיין חושך אָנגעזעטיקט,
איך בין אַ בלינדער צו דיין זיוו־השכינה,
און פון דיין דונער טויב, דיין שטים די דינע
אין אויער מיינעם ציטערט אָפּ פאַרשפּעטיקט.

דעריבער זיינען קאָפּ און האַרץ צעריסן.
דאָך פון מיין קאָפּ וואָס לייקנט מיט זיין וויסן
און פון מיין האַרצן וואָס איז מודה מיט זיין אָנען,
ווי פון עלעקטריק־שטראָמען צוויי קאָפּוירע,
גייט אויף אין מיר — פון דיר אַ ניצוץ, בורא,
און כ׳צינד זיך אָן און ווער אַ הייסער מאמין.

3

אַן אור־באַקאַנטשאַפט

איך טראַכט דיך, גאָט, ניט אויס אַ יש־מאין —
איך בענק נאָך דיר, ווייל כ'האָב דיך שוין געקאָנט;
דאָס האָט מײַן בענקשאַפט זיך אין דיר דערמאָנט,
אַן אור־באַקאַנטשאַפט בענק איך צו באַנײַען.
איך קאָן זיך פון דער בענקשאַפט ניט באַפרייען —
דיך צו דערפילן ווי פאַרצײַטן נאָנט
מײַן האַרץ, וואָס היט דײַן זכר, בעט און מאָנט
און ס'איז מײַן קאָפּ באַזעסן מיט דעם רעיון.

נאָך איידער ס'האָט די מאַמע מיך געזויגן,
האָסט דו שוין לאַנג געהאַט מיך אויפגעצויגן.
איך האָב פאַרגעסן — זינט דעם מלאכם שנעל,
נאָר זיכער בין איך אויף דײַן שוים געזעסן
און פון דײַן האַנט געטרונקען און געגעסן,
ווייל, טאַטע זיסער, ס'בענקט צו דיר מײַן זעל.

4

י ר ו ש ה

מײַן נאָמען איז אין אָנדענק פון מײַן זײדן,
מײַן צווייטן זיידנס נאָמען ווייס איך ניט,
נאָר אין געדעכעניש פון מײַן געבליט
פאַרגעסן האָב איך גאָרנישט ניט פון ביידן.
כ'בין אָפּטמאָל אין דערפאַרונגען געניט,
וואָס איך האָב ניט דערוואָרבן מיט קיין ליידן.
מײַן גאָרטן, אָדם, איז ניט קיין גן־עדן,
נאָר כ'דאַנק דיר, זיידע, פאַרן זאָט פון שניט.

דער נאָכטעם אָבער פון דער פרייד פון פריידן,
וואָס כ'שפּיר אין מײַנע טיפסטע אינגעווײדן,
איז איידער כ'האָב געירשנט מײַן געבליט.
ס'איז ריינער גײַסט, פון בלוט צו אונטערשיידן.
אָט די ירושה איז ניט פון קיין זיידן,
אָט די ירושה איז פון גאָטס געמיט.

5

איוב

דיין רוט זאָל קושן דער, וואָס טוט זיך שרעקן;
די טמא האַנט צו בייסן — איך בין דרייַסט:
ניט היל זיך, גאָט, אין שטן, ווען דו שמייסט,
כדי דיין טאָפּלט פּנים צו פֿאַרדעקן.
און זאָל דער חונף לויבן דיינע פּלעקן,
נאָר איך וועל קראַצן די צרעת וואָס ווייזט:
אָט זע אין וואָס ס׳פֿאַרוואַנדלט זיך דיין גייַסט —
עס טוט אין שחין דיין שכינה זיך אַנטפּלעקן.

און זאָל אויף שכר דער רעכטפֿאַרטיקער האָפֿן.
ס׳האָט מיך דיין עונש ניט פֿאַר זינד געטראָפֿן,
מיין האַרץ איז אָבער אַלץ דיין פֿרייער קנעכט.
איך רוף דיך צו אַ משפּט ,פֿאָדער יושר
און שלימות פֿאָדער איך, ניט זייַ זיך סותר.
גיב צו, באַשעפֿער, אַז איך בין גערעכט.

6

חרטה

מיט איין האַנט, גאָט, פֿאַרצערטלסטו די בלומען
און שטאַרקסט די דערנער מיט דער צווייטער האַנט.
די וועגן דיינע זיינען אומבאַקאַנט,
דאָך איין וועג דיינעם ווייס איך ווויל — דעם קרומען.
נאָר כ׳האָב דיין אומצופֿרידנקייט באַנומען
פֿון פֿאַלנדיקן שטערן, ווען ער מאַכט
אַ קריעה־רים אין תכלת פֿון דיין טראַכט,
און — פֿון דער ערד, ווען אירע קראַמפֿן קומען.

דאָס שטעכט דיך, גאָט, דער דאָרן אין דיין פֿאַלד —
דו זאָגסט כי־טוב, און ברענגסט אַ מבול באַלד,
פֿאַרקרימסט אין צער דיין בענטשנדיקן שמייכל,
דו האָסט חרטה, אפֿשר פֿילסטו שאַנד. —
אויב ס׳איז פֿאַר דיר קיין מאָס ניט מיין פֿאַרשטאַנד,
געדענק, אַז ס׳האָט באַשאַפֿן אים דיין שכל.

7

אומפאַרענדיקט

האָסט, בורא, מיך באַשאַפן אומפאַרענדיקט,
אין זיך געראָטן האָסטו מיך געמאַכט. —
אַ גאָט, ביסט אַלץ נאָך אַ געדאַנק וואָס טראַכט,
וואָס האָט מיט זיך אַליין זיך ניט פאַרשטענדיקט;
ביסט אַלץ נאָך אַ נשמה אָן אַ תיקון
און אין גילגולים זוכסטו דיין געשטאַלט, —
דערפאַר האָט משה אויפן בארג אין שפּאַלט
דיין אָנגעזיכט נאָך ניט געקאָנט דערבליקן.

האָסט, בורא, אומפאַרענדיקט מיך באַשאַפן,
ניט מיטן ציל אַ גולם צו פאַרשקלאַפן—
דו האָסט פון דיינע מידות מיר געשענקט,
אַז איך — אַ גילגול פון מיין בוראס ציקלען —
זאָל זיך דערשאַפן — דיין געדאַנק אַנטוויקלען,
דערדענקען, גאָט, וואָס דו האָסט ניט דערדענקט.

8

לשמה

אַ גאָט, פאַרוואָס זאָל איך דיך האָבן ליב?
אַז ווען איך רוף צו דיר פון טיפסטן דנאָ,
איז אומעטום דיין מקום, אויסער דאָ.
ווּ ביסטו, ווען איך ביים ביז בלוט די ליפּ?
ביסט דעמאָלט מיט דער מילב, טוסט איר צוליב,
באַוויליקסט אויך דער מילב אַ חיי־שעה.
ביי דיר איז קיין להבדיל דאָך ניטאָ,
אי גריץ, אי זעמלמעל זיפּט דורך דיין זיפּ.

פאַרוואָס זשע, בורא, האָב איך פאַרט דיך ליב?
איך בעט אפילו זיך ביי דיר: פאַרגיב,
אויב כ׳שעלט אַמאָל מיין מזל וי אַ קראָ.
נעם צו ביי מיר אַ האַנט, אַ פוס, אַ ריפּ,
לאָז איבער נאָר איין לונג צו טאָן אַ זשיפּ
און איך וועל אַלץ דיך האָבן ליב — לשמה.

9

איך אָן דיר בין קליין

דו ביסט ניט בעסער פון אַ געץ אַ טויבן,
דיך רירן מיינע תּפילות ווי אַ שטיין.
איך בייס ביז בלוט די ליפּן מיט די ציין,
נאָר ס׳הערט מיין האַרץ ניט אויף אין דיר צו גלייבן.
ניט דו דאַרפסט מיינע תּפילות, מיינע לויבן,
ביסט אָן מיר גרויס, נאָר איך אָן דיר בין קליין.
איך הייליק דיך און הייליק זיך אַליין,
איך רים דיין נאָמען און איך ווער דערהויבן.

אַ גייסט, דו אומבאַשרענקטער, ניט־פאַרמענטשטער,
די ברכות מיינע דאַרפסטו ניט, געבענטשטער,
און אויף מיין ליבשאַפט קוקסטו זיך ניט אום,
נאָר דער, וואָס טרייבט פון האַרץ — צו דיר די בענקשאַפט,
פילט אוים די ליידיקייט מיט ווילסטער קרענקשאַפט,
גיסט אוים דעם האָניק, פילט אָן מיט סם די בלום.

10

און אפשר

און אפשר מיט אַ כיוון, טאַטע זיסער,
פאַרשטויסטו מיינע תּפילות פון דיין טויער —
ווען ס׳ברענט, ווילסט דו ניט זיין מיין פעסטער מויער,
און ניט מיין פעלדז, ווען ס׳שטורעמט אַ געוויסער —
איך זאָל דערפאַר ניט פאָלגן בלינד דיין איסור,
ניט לאָזן קנעכטיש שטעכן זיך אָן אויער,
נאָר בעסער זוכן שוץ אין פרייען טרויער
און זיין מיין ווילנס אייגענער באַשליסער.

עס זאָל דיין קינד, וואָס איז אין דיר געראָטן
(וואָס אָטעמט מיט דיין אומרויִקן אָטעם),
אַליין געפינען זיך, אַזוי ווי דו.
אַ וויפל כאַאָס האָסטו אויסגעשטורעמט,
ביז דו האָסט, גאָט, אַ סדר אויסגעפורעמט,
און אפשר האָסטו אַלץ נאָך ניט קיין רו?

11

דו

דיין מקום איז אַ וויסטער און אַ קאַלטער,
דיין וואַסער וואַרעמסטו מיט ווינט פון דאַרשט
און אין דער פינצטער לייטערסטו און קלאַרסט
די אויגן פאַר אַ זעונג אַ צעשטראַלטער.
דו זעסט אין איר ניט זיך, דו קליין־זיך־האַלטער,
און ווי גאַר קיינמאָל ניט דיין הארץ געפאַרשט,
אין אַלע זעונגען, וואָס דו פאַרוואַרסט,
באַווייזסטו זיך ניט ווי אַ זעלבסט־געשטאַלטער.

אין זעלבסט־פאַרניינונג אַנאָנים צו בלייבן,
דיין נאָמען טוסטו אויף דיין ווערק ניט שרייבן,
כאָטש אויף זיין פנים איז פאַראַן דיין שטריך.
מיט שטאַלץ און גײַיץ, אַראָפּ פון פעלדזן הויכע,
האָט ניט דיין שטים געדונערט עס „אָנוכי",
דאָס האָט דער מענטש געהערט זיין אייגן „איך".

12

קאָסמאָלאָגיע

„אין אָנהייב איז געווען אַ גייסטיק ליכט,
„עס האָט געחלומט און גענומען דענקען,
„מיט לאָגישע געזעצן זיך באַשרענקען,
„געוואָרן ווי אַ צימצומדיק געדיכט
„און האָט אין אומרויִקן גלייכגעוויכט
„גענומען דרייען זיך און זוכן, בענקען
„נאָך אויסדרוק, פאָרעם, אַ באַשטימט געזיכט,
„נאָך אָטעם, ליבע — זיך אַוועקצושענקען.

„און ס'האָט זיך אָפּגעזעצט אין חומר, פאָרעם
„און איז געוואָרן ערד און מענטש און וואָרעם".
איך ווער דאָס פון אַ פילאָזאָף געוויר.
אַ שיינע מעשה. פילאָזאָף, ניט בעבע.
אונדז לערנט לאַנג שוין משה אונדזער רבי
דעם בוראס ערשטע מימרא „יהי אור".

13

צום מקור

אין אָנהייב, גאָט, האָב איך דיין ליכט געזויגן
און כ׳וועל צום סוף נאָך טרינקען פון דיין ליכט.
די פינצטערניש פון לעבן איז געווען געדיכט,
נאָר כ׳האָב ניט אויסגעשטאָכן זיך די אויגן.
אין צער, ווי שפּיגלען האָב איך זיי פאַרצויגן,
ווען ס׳האָט דער מבול בלוט פאַרדעקט דער ערדס געזיכט,
נאָר כ׳האָב זיי אָפּגעהיט, ווי איך וואָלט זיך געריכט
אויף דיין געשפּאַנטער בריק — דעם רעגן־בויגן.

איך בין אין לעבנס חושך ניט קיין פלעדערמויז,
וואָס היפּערט שיינענדיקע פענצטער פון אַ הויז,
נאָר כ׳בין אַ נאַכטמאָטיל, אַ ליכט־פאַרבלענדטער —
איך פלאַטער, שטויס זיך אין דער העלער שויב
און פון די בענקענדיקע פליגל פאַלט דער שטויב —
אַ לאָז מיך צו, גאָט, צו דיין ליכטקוואַל נענטער!

14

פאַרברען

ניט פעסט פאַרגרונטעוועט אין פינצטערניש פון באָדן,
כ׳בין ווי אַ בוים אין שפּאַלט פון שטיין וואָס אויף אַ באַרג.
איך וויל זיך גאָרניט טיף פאַרוואָרצלען, ווערן שטאַרק,
בלויז ציען זיך צום הימל און אין ליכט זיך באָדן —
ביז ס׳וועט מיך אויספּליקן דער ווינט, צו קיינעמס שאָדן,
אָט ווי מען רייסט אַרויס אַ טויטן בוים פון פּאַרק, —
איך בין אַן איבעריקער דלפן אויף אַ מאַרק,
כ׳באַזיץ אַפילו ניט מיין גוף — ס׳איז גאָטס פּקדון.

באַשעפער, נעם צוריק וואָס דו האָסט מיר געטרויט,
נאָר כ׳בעט דיך: לאָז ניט איך זאָל פוילן נאָכן טויט,
און אין דער פינצטערניש פון קבר ניט באַהאַלט מיך,
נאָר טרעף מיך מיט דיין בליץ און ווי אַ בוים פאַרברען,
אַז איך זאָל ווערן ווידער וואָס איך בין געווען,
פאַרוואַנדלען זיך אין ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט מיך.

דער סקולפּטאָר

בן־אָדמען דאַרף אָפּשיקן דער טויט אַהיים
צו ברענגען אים מיט מאַמע־ערד צוזאַמען.
דער סקולפּטאָר איז ניט מורד אין זיין מאַמען,
ער איז ביים לעבן נאָך מקיים כיבוד־אם.
ער צערטלט איר געשטיין און גלעט די רודעס ליים
און אַרץ, דעם ניט־געלייטערטן אין פלאַמען,
און כאָטש די ערד איז שטום — אַ תם ווי אַלע תמען,
ער טרעפט שוין וואָס די מאַמע ווינטשט געהיים.

ער קלעפּט, באַלעבט איר ליים, וואָס וויל געליימט ניט זיין;
ער האַקט און שלאָגט איר שטיין, אַז שטיין זאָל פילן פּיין,
און וועקט פון טויטשלאָף איר מעטאַל מיט פייער.
און דאָס, וואָס ערד איז, לעבט — ניט פון דער העלער הויט:
פאַרשעמט פון אירע קינדער, איז די מאַמע טויט,
נאָר ס'לעבט די טויטע, ווען מען האַלט זי טייער.

דער נביא פון דומם

אַ סקולפּטאָר האָט אַ טויטן שטיין געשלאָגן
מיט דלאָט און האַמער: — גיב אַ לאַך, אַ וויין.
און ס'האָט געלאַכט און ס'האָט געוויינט דער שטיין,
ווי פרייד און לייד עס וואָלט אין האַרץ געטראָגן.
ס'האָט זיך געדאַכט, מען הערט אים קייכן, קלאָגן
און אַז ער לאַכט און וויינט פון זיך אַליין
און מאַכט דעם סקולפּטאָר זיך צו פילן קליין:
— וואָס שלאָגסטו, ווען עס איז גענוג צו זאָגן?

דער סקולפּטאָר האָט געזען אַ פענאָמען
און האָט געוויזן אַלע זאָלן זען:
— אָט איז אַ שטיין. קוקט אָן און ווערט נשתומם —
עס לאַכט און וויינט. איך טייטל מיט דער דלאָט:
אין שטיין האָט אויך אַריינגעאָטעמט גאָט.
איך בין דער נביא פון באַזעלטן דומם.

טויט און פאַרוואַנדלונג

צום טאַקט פון רגעם קלאַפּט אין ברוסט פּאַטעטיש
אַ זייגער, וואָס אַן ווייזערס איז געמאַכט, —
ער שלאָפט ניט קיינמאָל, דו שלאָפסט איַין, ער וואַכט
און קלאַפּט, כאָטש וויסן ווייסט ער ניט ווי שפּעט איז.
דאָך ווייסט דאָס האַרץ (די טויטשרעק איז פּראָפּעטיש),
אַז ווען ס'וועט טאָן אַ קלאַפּ: „אַ גוטע נאַכט!",
וועט פינקטלעך זיין — ניט זיבן און ניט אַכט,
נאָר צוועלף אַזייגער, ווי מען זאָגט פּאָעטיש.

ניט שרעק זיך, האַרץ, — די וויסנשאַפט באַווייזט,
אַז גאָרניט גייט פאַרלוירן — שטאָף צי גייסט,
נאָר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ נייער פאָרעם.
וואָס דו וועסט ווערן? — האַרץ, ניט האָב זיך האָלד.
ביי דער נאַטור איז בלאָטע גלייך מיט גאָלד,
און אפשר וועסטו ווערן גאָר אַ וואָרעם.

די מאַמע־ערד

נאָך פריש איז דער קבר, און גראָז מיט אַן אימפּעט
שוין שפּאַרט זיך און ברעכט זיך אַרויס פון דער ערד.
די אייביקע מאַמע ליגט תמיד אין קינפּעט,
איין קינד שלינגט זי איַין און אַ צווייטן געבערט.

איר בויך, וואָס איז תמיד אויף טראָגן פאַרנומען,
איז פעט פון דעם טויטן פאַרשלונגענעם קינד.
צוריק גייען אַלע, פון וואַנען זיי קומען,
די מאַמע עסט אויף אירע קינדער פון זינד —

צו זינדיקן ווידער אָן זאָרג פאַר די קינדער,
נאָר זיך צו פאַרזאָרגן מיט ברויט פון איר לײַב.
דאָס גלייביקע לעבן — איר מאַן — איז אַ בלינדער,
ער זעט ניט ווי ס'נאַרט אים די סוטה — זיין ווייב.

און שטוינט ער: — ווי שטאַרבן עס קינדער פון לעבן?
דערציילט ניט די ערד מיטן קבר, נאָך פריש,
ווי זי האָט איר ליבע צוביידן געגעבן:
צום טויט ווי צום לעבן, — די זאָמען געמישט.

קודש און חול

א

אין חול אויף קודש האָב געדולד צו וואַרטן.
גאָטס דינע שטים רעדט זעלטן און ניט לאַנג,
נאָר הייזעריק פון ריידן איז די שלאַנג,
וואָס צישעט מיט אַ קול — אַ כלומרשט-צאַרטן.
זי צויבערט מיט איר בליק דעם איינגעשפּאַרטן
און שטרעקט איר צונג, צענומען ווי אַ צוואַנג,
צו איבערשמידן דיין געדולד אויף דראַנג
צו דער גן־עדן-פּרוכט — פון דעם געגנאַרטן.

און האָסטו מיט דער נאַרונג זיך געזעטיקט,
וועט גאָט דיך דאַרפן וועקן, ווי פאַרשפּעטיקט,
נאָר ס'וועט דערשרעקן דיך זיין היימיש קול,
און אַ פאַרשעמטער, וועסטו זיך פאַרהוילן —
אין קודש וועסטו זיך דערזען אַ הוילן,
ווייל ניט געגורט ביסטו געווען אין חול.

ב

ניט ראוי אין דיין שאַנד גאָטס וואָרט צו הערן,
פון קדושה אויסגעטאָן, נאָר ניט פון שאַנד,
צווישן גאָט און נחש אויפן ראַנד, —
וואָלסט דו געוואָלט אַ שלאַנג אין גאַנצן ווערן.
דער זון אַנטקעגן מיטן פלאַכן שטערן
און מיטן בויך אויף דר'ערד — אויף זיין באַשטאַנד,
וואָלסט דו געגליט דעם תאוותדיקן בראַנד,
דעם זאָמען פון דער טומאה צו פאַרמערן.

נאָר ניט אומזיסט איז בושה דיר געגעבן. —
די שעמעוודיקע שאַנד ניט צו פאַרגרעבן,
האָט גאָט פאַר אָדמען געמאַכט אַ העמד
און אים פאַרשיקט אין וויסט צו האָרעפּאַשען —
מיט שוויים זיין חרפּת-פּנים אָפּצוּוואַשן
און אויף גאָטס גרוס צו וואַרטן אין דער פרעמד.

דער טרוימער און דער טוער

— איך בין אַ קינד וואָס טרוימט, און אין מיין חלום
איז פּעסט דער לופטשלאָס וואָס איך שטעל זיך פֿאָר.
איך הענג ניט אין דער לופטן ביי די האָר,
פֿאַרפּלאָנטערט אין די צווייגן ווי אַבשלום.
איך בין אַ קינד און וויל ניט זיין קיין גרויסער,
אַ קינדס חלומות זיינען ריין און קלאָר;
אַ בייזער חלום אָבער איז די וואָר,
אַ בייזער חלום, וואָס באַדאַרף אַ פּותר.

די וואָר פֿון מעשים איז אַ שפּין — אַ מאָנסטער
און נעצן פּלאָנטערט זי, וואָס דו דערקאָנסט שווער;
ביז דו דערקאָנסט, שוין הענגסטו אויף אַ בוים.
גיב דעמאָלט צו, אַז ס׳איז הבל־הבלים,
און אויף דער תּליה פֿון דעם בייזן חלום
פֿאַרוויג זיך צו דער רו פֿון כולו־טרוים. —

— דער מקור פֿון מיין לעבן איז דער טרוים,
נאָר ס׳איז די טאַט, וואָס מאַכט דעם קוואַל צו שלאָגן.
צום לעבעדיקן וואַסער ווער קאָן זאָגן:
„ניט שלאָג, ס׳איז ניט כּדאי — צוליב דעם שוים״?
און ניט צוליב די קווייטן בליט דער בוים,
נאָר אַז ער זאָל אויף זיינע אָרעמס טראָגן
די פּירות, וואָס ניט ער וועט זיי פֿאַרמאָגן,
דאָך קלייבן נחת פֿון זיין באַר צי פֿלוים.

וואַקס אויס פֿון קינדשאַפֿט, טרוימער תּמיד־יונגער.
אויף קעסט ביים לעבן איז דיין דאָרשט און הונגער,
פֿיל אָן דעם שפּייכלער, ליידיק איז ניט אויס.
ניט חלום בלויז, פֿאַרוואָר עס — ניט צום שאָדן,
פֿאַרמער און ניט פֿאַראייגן גאָטס פּקדון,
ווי זאַמד פֿון הויפֿן רינט דיין רויב אַרויס.

אין די בערג

1

אַ נסתר

בערג און שטערן אָן אַ סוף.
בערג מיט שפּיצן ווייזן —
דאָס איז נאָר אַן אָדערויף
אויף גאָטס גרויסע מעשים.
רוישן סאָסנעס אין די בערג,
רוישן אין באַרוישטקייט
פון באַשעפערס גרויסע ווערק —
עדות פון זיין גרויסקייט.
מיט הכנעה ביז צום תהום
פאַלן וואַסערפאַלן
און צעברויזט, מיט יעדן שטראָם
רימען גאָט און שאַלן.
אין אַ באַרגשפּאַלט ווי צעדריקט,
שפּל פאַר גאָטס גרויסקייט,
אָן איך דעם אין-סוף און שטיק
מיין געפיל פון אויסקייט.
און געפּלעפט פון ניט-פאַרשטיין,
זאָג איך מיט אַ פליסטער:
„גאָט, ס'איז גוט וואָס איך בין קליין,
פון דיין אויג אַ נסתר.
גרעסער פון די גרעסטע בערג
איז דיין קלענסטער שטערן.
מיין התפּעלות ניט באַמערק, —
דו וועסט קלענער ווערן.
ס'איז צו גרויס דיין אוניווערז
און צו קליין — מיין וועלטל.
זינג איך שעמעוודיק מיין פערז
ווי אַ גריל אין שפּעלטל".

2

מיט ריינע — ליידיקע הענט

צום בורא ניט נענטער גענענט,
ניט העכער צו אים זיך דערהויבן, —
איך נידער פון באַרג אַן אַ גלויבן
מיט ריינע, מיט ליידיקע הענט.

איך ווייז ניט פאַר גאָט מיין געזיכט,
כ׳באַהאַלט זיך ווי אין אַ מאַלינע
און רוף ניט די בלענדיקע שכינה
צו ווערן מיין חלבן ליכט.

ווער בין איך צו הערן גאָטס שטים?
איך הער נאָר די שטים פון מיין האַרצן.
גאָטס פּנים וועל איך ניט פאַרשוואַרצן,
איך בין ניט קיין אָפּבילד פון אים.

זיין איך איבער מיינע געבאָטן
וועל איך ניט פאַרקריצן אין שטיין.
איך בין אַזוי נישטיק און קליין,
אַ נסתר פון גאָט — אין זיין שאָטן.

3

אָדם — אַ מענטש

צו גרויס איז גאָטס וועלט אינעם רוים,
אַ מענטש איז ניט פרייַ אַן אַ צוים,
ער לויפט פון אין־סוף אין די ווענט
צו פילן די לענג פון די הענט.

גאָטס ליכט פאַרן מענטש איז צו פיל,
ער קוקט דורך אַ טונקעלער בריל;
ווערט טונקל דאָס בלענדיקע ליכט,
צעשטראַלט זיך דעם מענטשנס געזיכט.

און גאָט איז צו ווייַט און געהיים,
אַ מענטש דאַרף אַ גאָט אין דער היים,
אַ גאָט, וואָס איז אייגן, אינטים
צו אויסטאָן זיך נאַקעט פאַר אים.

4

גרויסער גאָט

גרויסער גאָט פון בערג און תהומען,
פון דער ערד און פון די שטערן, —
ניט צו זען דיך, ניט צו הערן,
ניט צו רופן דיך ביים נאָמען.

גיס איך עגלס — אויף צעשטויסן,
קריץ איך לוחות — אויף צעברעכן.
כ׳בין צו שוואַך דיך צו פאַרשוועכן
און צו קליין, איך זאָל דיך גרייסן.

ניט קיין דימענט אין דיין כתר,
ניט די קרוין פון דיין יצירה, —
כ׳בין פון פייגעלע ניט בעסער
און פון גריל, וואָס זינגט דיר שירה.

ניט דיין שער־הכבוד בוי איך,
ווען איך שווער צו טאָן און הערן, —
אויף דיין רצון הענגען שטערן
און דערציילן פון דיין כוח.

גאָט, צו גרויסער פאַר מיין שיפלות,
איך וועל אייביק אין ניט־וויסן
געצן האַמערן און גיסן
און וועל דינען דיך אין תיפלות.

5

אַ שטיפגאַט

תקיעת־כּף זיך געגעבן,
פאַרשניטן אַ בונד — ניט אויף טויט, נאָר אויף לעבן —
און הימל און ערד זיך גענומען פאַר עדות, —
צוזאַמען מיט גאָט האָבן שפּאַצירט מיינע זיידעס,
ווי חסידים ביינאַנד מיטן רבין.

דער פאָטער אין הימל איז טאַטע געווען אויף דער ערד,
אַ טאַטע פון גלייביקע קינדער מיט בערד,
און האָבן ביי זיי זיך פאַרוואָלקנט די אויגן,
האָט ער זיי פאַרשפּילט מיט אַ פאַרביקן בויגן.

און איך — נאָר אַ דרויבעלע שטויב אויף דער ערד,
וואָס איז צווישן שטערן אַ דרויבעלע שטויב, —
ווי קאָן איך זיך איינריידן: „גלייב —
דער בורא־עולמות פאַרשטערט
זיין שבת, באַדויערט זיין מי,
קערט איבער דעם סדר־העולם, — וואָסי?
אַ מענטשעלע וויינט אויף די קני?"
איך לויב אים און וויים, אַז ער דאַרף ניט מיין לויב;
כ'טו תפילה און וויים, אַז צו מיר איז ער טויב,
נאָר תפילה טאָן מוז איך. —
עס האָט מיך אויף הפקר אַ שטיפגאַט באַשאַפן.
כ'וואָלט ווערן אַ מורד, נאָר כ'האָב ניט קיין וואָפן.
מיין צער וויין איך אויס און באַרו זיך.

אַ קאָראַלן־אינדזל

א

אין שטורעמדיקן מוטנעם פעלקער־ים,
וואָס האָט פון גיפט זיך אַלץ נאָך ניט גערייניקט,
אַן אינדזל פון קאָראַלן אויסגעשטייניקט
איז די ירושה פון מיין אַלטן שטאַם.
עס זיינען דורות ניט געשטאָרבן סתם,
נאָר מיט די אָבות זיך אין טויט פאַראייניקט,
פאַר אייניקלעך אַן אינדזל אויסגעבייניקט,
אַ דאַמבע קעגן כוואַליענדיקן סם.

ברויז אויס דיין שטורעם, ים, לאָד אויס דיין גאַל,
אַזויפיל גיפט נאָך האָסטו אויסצולאָדן!
איך בין אויף מיין ירושהס פעסטן באָדן
ווי אויף אַ זיכער אינדזל פון קאָראַל.
פאַרפלייץ מיך, ים, אין אָפגרונט דיינעם טויף,
נאָר ווידער אויף מיין אינדזל טויך איך אויף.

ב

איך טויך אַרויף פון אָפּגרונטיקן סם
און ס׳רינט דער גיפט פון נאָז-און-אויער-לעכער,
נאָר זע — מיין אינדזלס ברעגן זיינען העכער
פון אַלע כוואַליעס אין דעם פעלקער-ים.
נאָך שפּייט די נידעריקע כוואַליע — חם,
דער ווינט קערט אום דעם גאַוואַר צו דער פרעכער,
און יפת שוימט, ווי אַלע כוואַליעס-ברעכער,
מיט שוים באַפּערלט ער זיין כוואַליעס קאַם.

נאָר ניט קיין כוואַליע און קיין וואַסערזייל,
פאַרשרויפט אין שטורעם-וואָלקן אויף אַ ווייל,
און ניט קיין רעגן-בויגנדיקע אַרקע
איז שם. ער איז אַן אינדזל אינעם ים,
אין שטורעם וואַרט ער אויס עד יעבור זעם,
ווייל זיינע ברעגן זיינען נצח-שטאַרקע.

ג

— וואָס רודערן די פעלקער-כוואַליעס? — פרעגסטו,
מיט לויטערקייט באַוואָפנט — נשקו בר.
דו ווייסט שוין, אינדזל, אַז דאָס איז דערפאַר,
ווייל שטרענגע ברעגן פון פאַרבאָטן שטרעקסטו
און ווי אַ ביין אין האַלדז פון אָפּגרונט שטעקסטו.
עס שטייען אויף די כוואַליעס אין געפאַר,
צוזאַמען מורמלען זיי ווי איין בונטאַר.
דעם טעם פון זייער אחדות גרינג אַנטדעקסטו. —

צוזאַמען מורמלען זיי, זיך האַלטן עצות
ווי לויז צו ווערן — פערד אָן צוים און לייצעס, —
זיי קאָנען זיין צוזאַמען — ניט אויף גוטס.
דו ווייסט עס, אינדזל, ווי עס וויסן פאַליעס,
וואָס זיינען ציילברעטער פאַרווילדע כוואַליעס, —
דו ווייסט עס און דאָס וויסן איז דיין שוץ.

ד

אין קעסלגרוב, דעם תוהודיקן ברויזער,
דאָרט ווו קיין דין און דיין איז ניטאָ,
דער ערשטער צעלטן־זיצער אויפן דנאָ
באַשווירן האָט זיין ווילן: „איך בין גוזר —
ווי ים־וואַסער ניט זײַ קיין סטיכיש־לויזער;
ווי פיש — קיין צאַפּלער נאָך אַ חיי־שעה;
קיין יעגער — ווי דער שאַרק, די חיה־רעה
און ווי דער שווערדפיש מיט זיין שווערד דער בלויזער".

און אין אַ שטרענגער דאַמבע זיינע קינדער
האָט צעמענטירט דער בית־קאָראַלן־גרינדער,
געגעבן רו אין סדר, שוץ אין צאַם.
אַז ווויל דיר, זעער, וואָס דו ביסט אַ שטרענגער,
און ווויל דיר, זעונג, אין אַ ראַם אַן ענגער,
נאָר ווייי דיר, בילד, וואָס וואַקלט זיך אין ראַם.

ה

איך בין באַנײַט מיט דער התגלות־נײַקייט
און כ'בעט: — זײַ מוחל, אינדזל פון מיין שטאַם, —
אין נצחם פעלדז, אַ וואַקלפלאַנץ אין צאַם,
האָב איך באַגערט די כוואַליע פון פאַרבייקייט.
נאָר אָפּגעטובלט אין איר הפקר־פרייקייט,
איז דיין געצאַמטקייט מיר אַזוי געראַם,
און פון דער כוואַליעס גיפט פאַרזוכט דעם טעם,
דיין יורש איז אַ פרייער אין געטרייקייט.

אויף דיר, קאָראַלן־אינדזל פון מיין אַרב,
אָן מורא לעב איך און אָן מורא שטאַרב;
ווען כ'שטאַרב אפילו, ווער איך ניט פאַרשניטן —
צו אָבות איינגעזאַמלט — ביין צו ביין,
מיט יורשים — ריף צו ריף, וועל איך באַשטיין,
פון יידע זייטן וועלן זיי מיך היטן.

פון וואנען איז א ייד

(סאָנעטן־קראַנץ)

1

מיין זיידע איז געווען אין פּריבאָרסק אַ מאַגנאַט.
איך טראָג זיין נאָמען ניט מיט דאַנקבאַרקייט פאַרדינטער,
ווייל ביי זיין שנור, מיין מאַמען, ניט קיין חן געפינט ער,
און זי דערציילט פון אים אַזאַ טשיקאַווען פּרט:
— דיין זיידע איז געווען אַ ציטעריקער בלאַט
פון אַ וואַזאָגע — אין דער וואַרעם אַ צעגרינטער,
וואַטאָווע פּלודערן האָט ער געטראָגן ווינטער,
וואָס האָבן דרייצן פונט געוואויגן — אַקוראַט.

די מאַמע גיט אַ שמייכל, נאָר זי איז צעשרויפט:
— די קרעטשמע מיט די הייזער האָט דער שווער פאַרקויפט
(אין איינעם וווינט איצט פייגל, אינעם צווייטן — זלאַטע).
אַ ספר־תורה האָט דער ליבער שווער געשריבן,
געגעבן צדקה, גאָרנישט איז פאַר אונדז געבליבן.
ער האָט געלאָזט אונדז זיינע פּלודערן מיט וואַטע.

2

— ער האָט געלאָזט אונדז זיינע פלודערן מיט וואַטע, —
אַזוי מיט יאַשטשערקעס די מאַמע האָט געלאַכט:
פון וועגן אונדזער ווילזיין האָט ער זיך געמאַכט,
נאָך ביים וואַטאָווען לעבן זיינעם — קילעוואַטע.
אין שטאָט צווישן יידן האָט ער זיך פאַרבראַכט
און אונדז געלאָזט אין דאָרף, אין פויערישער כאַטע
צו הערן ווי די שקצים שרייען „זשיד פּאַרכאַטי"
און ציטערן ביים סדר און אין זייער לאַנגער נאַכט.

אַליין געגעסן פיש און פלייש ביים רבינס טיש,
און אונדז אויף שבת האָט געפעלט אפילו פיש,
פון מלבוש רעדט מען ניט — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. —
דעם טאַטן האָט פאַרדראָסן אויף דער מאַמעס רייד:
— בטחון. גאָט וועט גיבן פיש און פלייש און קלייד. —
אַ ייִד אַ בעל־בטחון איז געווען מיין טאַטע.

3

אַ ייִד אַ בעל־בטחון איז געווען מיין טאַטע,
געוווּנקען האָט צו אים דאָס אויג פון גאָט וואָס היט:
— ניט פאַרכט, מיין קנעכט, זיי זיכער אַז כ׳פאַרלאָז דיך ניט,
אפילו ווען ס׳זעט אויס, דו ביסט פאַרלאָזט לעת־עתה. —
מיין טאַטע איז געווען אַביסל תמעוואַטע,
צו מסחר ניט געטויגט, כאָטש ער האָט זיך באַמיט
צו גיין אויף אומוועגן מיט זיינע גלייכע טריט
און האַנדלען מיט די ענטן, וואָס זיינען ניט קיין בלאַטע.

ער האָט זיך ניט געשעמט צו זיין אַ מוכר־סמאָלע,
נאָר ס׳איז דער סוס געפאַלן אים אין דער עגלה —
בטחון האָט די קליאַטשע ניט געשפּייזט צו זאַט.
און ס׳איז געווען דער טאַטע: חזן, בעל־תוקע,
מלמד. נאָר נאָך די פּרנסות אַלערלייע,
די גאַנצע זאָרג פון הויז די מאַמע האָט געהאַט.

4

די גאַנצע זאָרג פֿון הויז די מאַמע האָט געהאַט:
פֿון שפּייזן (איר קאָמפּאָט וואָלט גאָט געמעגט פֿאַרזוכן) —
פֿון שפּייזן זיבן מיילער, און פֿון קליידן, שוכן,
און פֿון שכר-לימוד צאָלן, ווען ס'האָט איר מאַן דער „כוואַט״
געקנעלט אין שטאָט און ניט פֿאַרדינט אויף ברויט צו זאַט.
און צום פֿאַרקויף האָט זי געבאַקן בייגל, קוכן,
צו דעם פֿאַרדינסט פֿון מאַן געמוזט פּרנסה זוכן,
ווייל ס'האָט געקלעקט איר ווי אַ מצה אַ סאָלדאַט.

און ווען עס קומט אַהיים דער טאַטע אויף יום-טובים,
דאַרף לענגער זיך די מאַמע פּאָרען ביי דעם אויוון
און אויפֿראַמען דאָס הויז, אַריינברענגען אַ לאַד,
אַן אָרט צו מאַכן פֿאַרן יום-טוב אין דער ענגשאַפֿט.
אַ נייע זאָרג פֿאַר איר, אַ שפּאָגל-נייע קרענקשאַפֿט —
דאָס הויז, מישטיינס געזאָגט, געווען איז אַ קוואַדראַט.

5

דאָס הויז, מישטיינס געזאָגט, געווען איז אַ קוואַדראַט,
ניט ווייל דער בויער האָט געהאַט אַ חוש פֿאַר גלייכקייט,
נאָר ווייל אַזוי איז גרינגער בויען קעגן פֿייכטקייט
און קעלט אַ שוץ — אַבי דאָס ווייב און קינד באַשטאַט.
אין אָט דעם פּירעק האָט די מאַמע מיך געהאַט,
אין אָט דער אָרעמקייט האָב איך אַנטדעקט אַ רייכקייט,
ווען כ'האָב געפּויזעט ווי אַ יאַשטשערקע מיט לייכטקייט
און ווען איך האָב געקלעטערט ווי אַן אַקראָבאַט.

די דלות-גריל האָט וווּנדערלעך אַזוי געפּייפֿט;
די הון ווי אין אַ טלית איז געווען געשטרייפֿט
און אירע הינדעלעך פֿון גאָלד — ווי סאַמעט גלאַטע.
אַזוי דער קאָטער, וואָס האָט זיי געטשאַטעט גיריק.
אָט דאָס און נאָך האָב איך אַנטדעקט אין פֿראָסטן פּירעק —
פֿיר גלייכע, גרויע ווענטלעך פֿון אַן ענגער כאַטע.

6

פיר גלייכע, גרויע ווענטלעך פון אַן ענגער כאַטע. —
כ'האָב אויסגעפונען שפּעטער, אַז ס'איז נאָך פאַראַן
אַ בוידעם און אַ דאַך, געדעקט האַלב שטרוי, האַלב דראַן,
און איבער אים אַ בוים מיט באַרעלעך פוזאַטע,
וואָס זיינען אויפן דאַך געפאַלן זיך ווי מן.
פאַר זיי האָט מיט דער יאַרמעלקע אַמאָל דער טאַטע
געשמיסן מיך — מיט שמיצלעך סאַמעטענע, גלאַטע —
פאַר קלייבן זיי פון דאַך אום שבת ווי איוואַן.

כ'האָב מיט מיין קריכן אויפן דאַך זיך אויסגעפיינט,
געוואָרפן באַרעלעך אַראָפּ צו מיינע פריינד,
וואָס האָבן זיי געכאַפּט ווי פייגל אין אַ טשאַטע.
איך האָב געמיינט, דער טאַטע נאָכן קוגל רוט
און אַז מען קאָן פון שטוב ניט זען וואָס חברה טוט —
אַ פענצטער אָן אַ שויב פאַרשטעקט איז מיט אַ שמאַטע.

7

אַ פענצטער אָן אַ שויב פאַרשטעקט איז מיט אַ שמאַטע,
פאַרקייטלט אַלע פענצטער און פאַרהאַקט די טיר —
איך האָב דעם קאָקליוש און מען ציטערט איבער מיר,
פאַרוויקלט איז מיין האַלדז מיט מאַרליע און מיט וואַטע.
איך קוק אַרויס אין דרויסן גלייך ווי דורך אַ גראַטע.
די ראָסע אינעם גאָרטן גיט אַ שימעריר.
איך זע די קרויט, די אוגערקעס, נאָר איך פאַרליר
די קוויקנדיקע ריחות פון אוקראָפּ און מיאַטע.

אַ פלאַטערל פליט אום דאָרט פראַנק און פריי. און איך?
מען לאָזט מיך ניט אַרויס. ווען כ'וואָלט געהאַט כאָטש שיך...
איך גיב אַ הוסט, ווי ס'וואָלט געשאָסן אַ האַרמאַט.
לויפט צו די מאַמע, נעמט באַטאַפּן מיר אַ מאַנדל,
און באַלד איז שוין מיין מויל פאַרשטעקט מיט צוקער־קאַנדל,
ווי ס'איז פאַרשטעקט דאָס מויל פון איצלען דעם פּיסקליאַט.

8

ווי ס׳איז פאַרשטעקט דאָס מויל פון איצלען דעם פיסקליאַט,
באַדאַרף איך אייך דערציילן, אַז איר אויך זאָלט לאַכן.
ער קאָן ניט ריידן נאָך, נאָר מיט די ליפּן מאַכן —
ס׳הייסט עסן — קאָן ער זייער ווויל, דער קליינער יאַט.
און רק ער ווײנט, ווייל ער איז קיינמאָל דיר ניט זאַט;
אַ געמבע האָט ער, ווי עס וואָלט אַ דונער קראַכן.
עס מוז די מאַמע איבערלאָזן אַלע זאַכן
און גיבן אים צו זייגן תיכף-ומיד.

דערזען וואָס פאַר אַ פרעסער איר מעזיניק איז,
פאַרשטעקט די מאַמע שוין דאָס גרויסע מויל פון ריז,
וואָס הענגט אין וויגעלע אַרונטער פון דער בעלקע,
מיט שפּייז צעקייטער אין אַ שמאַטקע. לאַך איך הויך,
נאָר ס׳לאַכט פון מיר מיין שוועסטער, האַלט זיך ביי דעם בויך:
כ׳בין אַ פיסקליאַט געווען אַליין, — אַזוי זאָגט עלקע.

9

כ׳בין אַ פיסקליאַט געווען אַליין — אַזוי זאָגט עלקע —
און מיט אַ שמאַטקע האָט מען אויך מיין מויל פאַרשטעקט.
איך האָב געזויגן זי, געטשמאָקעט, זיך באַלעקט,
ווי כ׳וואָלט געגעסן אַ צוקערקע, אַ קאַרמעלקע.
מיין וויגל איז געהאַנגען אויף דער זעלבער בעלקע,
און כ׳האָב געוויינט ווי נאָר איך האָב זיך אויפגעוועקט,
און איך האָב דעמאָלט, שמייכלט עלקע, ניט געשמעקט,
אַזוי ווי אויפן פעלד אַ בליענדיקע נעלקע.

און זי אַליין פלעגט אָן אַ סיבה וויינען אויך,
ווייל וויינען, זאָגט זי, האָט זיך איר געגלוסט אין בויך,
נאָר זע, זי איז ניט מער קיין זויערע שטשאַוועלקע.
אַזוי וועט איצעלע אויך אויסוואַקסן אַ לייט,
און איך בין אַלט פינף יאָר און פון אַ גרויסן ווייט.
זי מיינט, איך זאָל ניט זיין ביי זיך קיין גאַנצע שמעלקע.

10

זי מיינט, איך זאָל ניט זיין ביי זיך קיין גאַנצע שמעלקע,
נאָר ס׳פריידט זי וואָס עס וואַקסט איר באָרוועסער בראַטאָק
אין מייטקעס מיט אַ שפּאַלט און מיט אַ „וואָרעטשאָק״
(ווען אויפן בוים איך קלעטער נאָך אַ באַרעלע אַ ספּעלקע,
זעט אויס דער עק פון העמד — אַ ווײַדל פון אַ בעלקע).
אָט פירט זי מיך אין חדר אין אַן אָסיענטאָג
און איבער קאַליוזשעס, געבויגן פון מיין וואָג,
„באַראַנצע״ טראָגט זי מיך, כאָטש ס׳איז דאָס וואַסער מעלקע.

אין חדר פירט מיך עלקע און איז אומצופרידן
פאַרוואָס מען לערנט ניט קיין מיידלעך אויך ביי ייִדן.
דער מאַנסביל גרייסט זיך מיט זיין וויסן וואָס ער ווייס,
נאָר וואַרט נאָר, וואַרט, זי וועט נאָך זיין אַ סאַמאָוטשקע
און וועט ניט זיצן ווי די ראַבע הון אין קוטשקע.
נחמה לאַכט: אַ הענדל גרייסט זיך — ניט קיין בייז.

11

נחמה לאַכט: אַ הענדל גרייסט זיך — ניט קיין בייז.
אַז ער זאָל גרייסן זיך האָט גאָט אַזוי באַשאַפן.
עס דאַרפן מיידלעך גאָרניט נאָכמאַכן ווי אַפן
די מאַנסבלען, ציען זיך צו גרייכן זייער גרייס.
סע שאַט ניט אַז אַ מיידל קאָן דעם אלף-בית,
נאָר וואָס זשע טוט מען אַז מיר זיינען ניט קיין גראַפן?
סיי־ווי איז נאָך דער חתונה אַ ווייבלס וואַפן
די קענטעניש פון אָפּקאָכן אַ ראָסלפלייש.

אַזוי אין האַרצן טראַכט נחמה ביים געניי.
איך לייען איצטער איר געדאַנק, ווייל איך פאַרשטיי,
כ׳בין דעמאָלט נאָך געווען אַ קליינער בלינדער וואָרעם.
עס נייט נחמה פאַר אַ פויערטע אַ העמד —
ס׳איז אַלץ נאָך בעסער ווי צו דינען אין דער פרעמד.
ביים טיש זיצט יאַנקל מיטן טאַטן איבער ספרים.

12

ביים טיש זיצט יאַנקל מיטן טאַטן איבער ספרים.
ער איז דעם טאַטנס תכשיט און דער מאַמעס קרוין
און פאַר איר האָרעוואַניע דער באַצאָלטער לוין,
דער ענטפער אויף די תפילות אירע און נדרים.
ער איז די שלימות — אינהאַלט אין אַ שיינער פאָרעם,
אַ וווילער קענער און אַ שיינער — אַ פאַרשוין,
און פידל שפילט ער אויך, אַ בחור איינמאָל שוין,
אַ זון אַזאַ וואָלט זיך געווונטשן רייך און אָרעם.

ער זיצט ביים טיש און מאַכט זאַדאַטשעס אַלגעבראַישע
און קוקט אַריין אין ביכער רוסישע, העבראַישע.
און אין דער גמרא איז דער טאַטע עוקר־הרים,
און מיט זיין ניגון זינגט דער הייסער סאַמאָוואַר,
און מיט זיין פייער דורך די לעכלעך גליט דער זשאַר.
די מאַמע קנעט דאָס שוואַרצברויט מיט איר ווייסן אָרעם.

13

די מאַמע קנעט דאָס שוואַרצברויט מיט איר ווייסן אָרעם.
מיין מאַמע איז געווען אַ שיינע — זאָגן לייט.
אַ שיינע פרוי ביי גויִים טוט זיך אָן פאַרשייט,
איר שיינקייט שטעלט זי אויס, עס זאָלן זען די זכרים, —
מיין מאַמע האָט פאַרדעקט איר לייב בחדרי־חדרים.
זי האָט די האָר געשערט, קיין אויער ניט באַפרייט.
נאָר סיווויסיי האָט זי פאַרוויאַנעט פאַר דער צייט,
ווען ס'איז געשטאַנען נאָך איר הויכע זון אין דרום.

אַ ליגן איז די שיינקייט ווי אַ פאַלש קאַרעל,
אָן אשת־חיל איז נאָך זעלטענער פון פערל,
נאָר ווי די מאַמע בין איך אויף איר דאָליע בייז,
ווען ביי דער באַקדייזשע זי שטייט מיר פאַר די אויגן
און זינקט אין טייג איר האַנט ביז צו דעם עלנבויגן
און מיט דער פרייער האַנט פון שטערן ווישט דעם שוויים.

14

און מיט דער פרייער האַנט פון שטערן ווישט דעם שוויס
די מאַמע, און די האַנט — אין פאַרטעך דעם פאַרמעלטן,
און ס'ליגט איר ניט אין זינען נחתדיק אַ קוועל טאָן
פון זון אירן וואָס קאָן און פון איר מאַן וואָס וויים,
ווען ס'צאַנקט דאָס נאַסע האָלץ, דער אויוון ווערט ניט הייס.
באַק אויס איר ברויט אָן אַ זאַקאַלעץ, האָר פון ווערטן,
און גיב ס'זאָל זיין מיט וואָס מאַטווייעכען פאַרגעלטן
פאַרן באָרגן מעל — אָן דער באַוויליקונג מאַטוויס.

מאַטווייעכאַ, דער מאַמעס גויִישע פריינדינע,
ווען כ'בין געקומען פון דער גאָלדענער מדינה
אויף קבר־אָבות — אין אַ זיידענעם קראַוואַט,
האָסט דו געפריידט זיך: — „מערלין סין... אַמעריקאַנעץ..."
אַ רייכער ווי זיין „דיד" איז שוין דער „אַבאָדראַנעץ". —
מיין זיידע איז געווען אין פריבאָרסק אַ מאַגנאַט.

15

מיין זיידע איז געווען אין פריבאָרסק אַ מאַגנאַט,
ער האָט געלאָזט אונדז זיינע פלודערן מיט וואַטע.
אַ ייִד אַ בעל־בטחון איז געווען מיין טאַטע,
די גאַנצע זאָרג פון הויז די מאַמע האָט געהאַט.
דאָס הויז, מישטיינס געזאָגט, געווען איז אַ קוואַדראַט —
פיר גלייכע גרויע ווענטלעך פון אַן ענגער כאַטע.
אַ פענצטער אָן אַ שויב פאַרשטעקט איז מיט אַ שמאַטע,
ווי ס'איז פאַרשטעקט דאָס מויל פון איצלען דעם פּיסקליאַט.

כ'בין אַ פּיסקליאַט געווען אַליין — אַזוי זאָגט עלקע.
זי מיינט איך זאָל ניט זיין ביי זיך קיין גאַנצע שמעלקע,
נחמה לאַכט: אַ הענדל גרייסט זיך, — ניט קיין בייז.
ביים טיש זיצט יאַנקל מיטן טאַטן איבער ספרים.
די מאַמע קנעט דאָס שוואַרצברויט מיט איר ווייסן אָרעם
און מיט דער פרייער האַנט פון שטערן ווישט דעם שוויס.

שטאַרק מיך, טאַטע

טאַטע, פריִד צו דיר אויף יענער־וועלט —
פאַר די פריִדלעכע איז דער גן־עדן —
שטאַרק מיך מיט בטחון וואָס מיר פעלט,
דיין בטחון איז גענוג פאַרביידן.

ביסט אויף דער־וועלט דעם גן־עדן־גאַנג
גלייך געגאַנגען צו דער פולער דבקות.
איך גיי קרום — איך דריי זיך ווי אַ שלאַנג —
צו דעם בוים פון וויסן און פון ספקות.

ביטער אָבער איז די פרוכט אין מויל. —
טאַטע, וויסן איז דעם טויטס כלי־זיין.
און דיין זון איז, מיט זיין וויסן, הויל,
ניט פאַרפאַנצערט קעגן שטיין פון קין.

שטאַרק איז קין מיט פאַרגיסן בלוט,
נאָר קיין לעבן קאָן דיין זון ניט רויבן.
פון דיין שטאַם אַ צווייגל, ניט קיין רוט
בין איך, טאַטע, — שטאַרק מיך מיט דיין גלויבן —

אַז דער ייִד, וואָס לעבט ניט פון דער שווערד,
איז פון שלויען וויסן דער פאַרגיינער —
מיט זיין בלוט, וואָס שרייט אַלץ פון דער ערד
און וואָס שרייבט „לא תרצח" אויף די שטיינער.

זיי מוחל, מאַמע

ווייגעשריגן, מאַמע, האָסטו זיך געריכט,
אַז עס זאָל זיך אָפּזאָגן דיין זאָמען
אָפּצוהיטן קדיש, צינדן יאָרצייט-ליכט
און צו מזכיר זיין פאַר גאָט דיין נאָמען?

מאַמע, איך דערמאָן דיך, הייליק דיר אַ ליד —
ס'איז מיין יזכור, יאָרצייט-ליכט און קדיש.
זייַ מיר מוחל, כ'בין אַ „פרייער, נייער ייִד",
פרעג ניט, מאַמע, וואָס איך בין מחדש.

ניט מחדש בין איך, גאָרנישט גיב איך צו,
כ'נעם אַראָפּ נאָך פון געאַרבטן אוצר, —
מורד בין איך אין דעם אַלטן גאָט ברוך-הוא,
נאָר צו וועמען רוף איך מן-המצר?

און דאָס מאַמע-לשון, וואָס כ'האָב מיט דיין מילך
איינגעזויגן און ניט אויסגעשפּיגן,
איז פאַר דיינע אייניקלעך אַ טויבער הילך —
אָן דיין טייטש-חומש און תחינה-ניגון.

כ'בין אַ יורש פון אַן אַלט און הייליק הויז,
שטויב איך אָפּ און רייניק מיין ירושה,
אָבער מיטן שטויב אין איינעם פליט אַרויס
פון מיין אַלט און הייליק הויז — די קדושה.

טרויער און טרייסט

איך זע

איך בין ניט קיין בלינדער — איך זע
דעם געטלעכן וווּנדער,
דעם פלאַמיקן סנה.
נאָר צי איך אַרונטער
די שיך פון די פיס,
טוט באַלד מיך אַ ביס
אין באַרוועסן טראַט
אַן עקדיש פון גאָט.

איך בין ניט קיין בלינדער — איך זע
די פלאַמען פון אויטאָ-דע-פע
און כ׳האָב ניט פאַרזען
מיט וואָס פאַר אַ ווילן,
מיט וואָס פאַר אַ ברען,
אַזוי ווי אין פייער מאַטילן,
די גלייביקע גייען
מיט „שמע״-אויסגעשרייען
אויף קידוש-השם.

איך בין ניט קיין בלינדער — איך זע,
נאָר בלינד איז דער גלויבן.
עס פירט דעם פאַרגלייבטן אַ בת-קול פון אויבן —
גאָט רעדט ניט מיט אים פה-אל-פה,
דער פאָטער אין הימל פאַרשטויסט: ניט גענען!
דער בת-קול באַפעלט: — זיי מיר מקריב דיין קינד
און פרעג ניט פאַרוואָס און פאַרוווּען.
און ס׳פאָלגט דער פאַרגלייבטער בטחונדיק-בלינד —
אַ טאַטע אַ טאָטן
וועט דאָך ניט פאַרראָטן.

נאָר איך בין ניט בלינד, — ווי, איך זע
דאָס פייער, דאָס האָלץ און די שה.
דאָס לעמעלע ווײנט פאַרן טאַטן פון טאַטעס:
— פאַרוואָס איז דער תמים אַ קרבן פון חטאת?
און איך, אַן אַנטרונענער פון דער עקדה
ווי יצחק מיין זיידע
(נאָר גאָט האָט פאַר מיר ניט גענומען קיין ווידער,
גענומען האָט ער מיינע שוועסטער און ברידער) —
איך אויך ווי דאָס לעמל האָב טענות צו גאָט:
— פאַרוואָס איז דיין שם זיך מקדש
אין בלוט פון די הייליקע סטאָדעס?
פאַרוואָס בייסט אין טראָט
דיין שליח, דער עקדיש,
ווען איך צי אַרונטער
די שיך פאַר דיין וווּנדער
און צווייפל ניט, פרעג נישט?

אין דיינע בלוטן

איך האָב געשריגן מיט דיין קול דעם טויבן,
האָסט דו, מיין פאָלק, דיין קול דערקענט
און צו די הימלען האָסטו מיך געהויבן
אויף דיינע ליידן ווי אויף הענט.

איך האָב די פעדער אין דיין וווּנד געטונקען,
געשריבן רויט אויף שוואַרצן קרעפּ.
דו האָסט אין דיינע בלוטן זיך געטרונקען,
און איך אין דיינע בלוטן לעב.

געשטאָרבן, באַגראָבן

געשטאָרבן, באַגראָבן, באַהאַלטן.
ווי לאַנג איז אַ טויטן צו האַלטן?
צו לאַנג האַלט די ערד אים ניט אויך —
נאָר ביז עס פאַרדייעט איר בויך.

און ווער ס׳האָט די האָר זיך געריסן,
ער טונקט שוין אין אַש ניט זיין ביסן,
און ס׳גייט דער געבויגענער גלייך —
אַ שטיין האָט צעבראָכן אַ טייך.

אַ טייך ווי אַ מענטש איז ניט ברעכלעך —
אַזוי זעט עס אויס אויבערפלעכלעך,
נאָר אויף דעם פאַרהוילענעם גרונט
דער שטיין איז אַ קויל אין אַ וווּנד.

אויף קבר־אָבות

נאָך שבעה און שלושים, נאָך יאָרצייט שוין אויך —
דערציילט מיר דער שטיינערנער טאָוול.
אַ וועמען דערציילט ער! איך ווייז שוין ניט הויך,
כאָטש כ׳בין נאָך דער זעלביקער אָבל.

אַז ווער זאָל מיך טרייסטן? — די בלוטיקע שווערד?
די ערד וואָס דאָס בלוט האָט געזויפן?
צי אפשר דער הימל וואָס איבער דער ערד,
וואָס זעט אַלץ און לאַכט אין די הויפן?

דאָך ווער זאָגט מיר אונטער: אַליין בין איך ניט,
ווען איך בין דער איינזאַמסטער ווינער?
ווער אָטעמט אַריין מיר אַ לעבנס געמיט,
ווען כ׳שטיי ביי די טרוקענע ביינער?

ווער שטאַרקט מיינע קני? — אָט דער ביין פון מיין ביין,
וואָס ווייסט שוין ניט מער פון קיין וואַקל?
זאָל זיין, אַז דער מת איז מנחם אַליין
דעם אָבל — אין לעצטן סך־הכל?

דער אָבל

ווײנט דער אָבל אויפן דיל
אויפן קול און אין דער שטיל
און דאָס טרייסטוואָרט איז אַ קנײַפּ
אין אַ וווּנדיק בראַנדיק לײַב.

ווײנט דער אָבל און ווערט שוואַך.
מיד פון ווײנען אויף דער וואַך,
שלאָפט ער אײַן און ווײנט אין שלאָף,
שווידערט ווי אין גרויל אַ שאָף.

אים צו חלום קומט די וואָר,
אַז עס שטעלן זיך די האָר, —
שמעקט אַ פייל אין ברוסט ביי אים,
און ער שרייט מיט ניט זיין שטים.

שמעקט אַ פייל, איז גאָט באַשיץ —
שמעכט זי מיטן קרומען שפּיץ,
אָבער אַז מען שלעפט זי נאָך ,
איז דער שלעפּ אַ נייער שטאָך.

און מען שלעפּט, און ווער עס וויל.
האָט דער אָבל דאָס געפיל,
אַז מען רייסט אַרויס זיין האַרץ,
אַז די זון ווערט פּלוצעם שוואַרץ.

שלעפּן הענט און ווערן מיד,
נאָר די פייל ווי צוגעשמידט,
אַ פאַרהוקטע, זיצט אין ווונד
ווי אַן אַנקער אויפן גרונט.

זאָגט דער אָבל : — איצט איז גוט,
איך וועל שטאַרבן אין מיין בלוט.
באַלד אין פרידן קום איך אָן
צו מיין שטילן בר־מנן.

ווי ער זאָגט עס, — פון זיין הויך
לעשט זיך, צאַנקט אַ ליכט אין רויך
און דער מת — אָט רויך, אָט ליכט —
שטייט און שטראָפט אים אומגעריכט:

— אויב דו ביסט מיין יורש, — אַרב!
ווילסטו מיך ניט אַרבן, — שטאַרב!
מיין נשמה־ליכט וועט אויך
אויסגיין מיט דיין לעצטן הויך.

און ער טוט די פּייל אַ שלעפּ:
— אין די בלוטן דיינע לעב.
זע, די פּייל איז שוין אַרויס.
אַרב מיך, לעב, ניט לעש מיך אויס.

און דער אָבל כאַפּט זיך אויף,
און ער ציט די שיך אַרויף,
און ער טרייסט זיך: — טרינק און עס —
לעבט דער אָבל, לעבט דער מת.

גאָט פון אברהם

אַ גאָט פון אַברהם, ווען דו האָסט זיין זאָמען
צעשטויבט — שטאָט ווי זאַמד אויפן ים־ברעג צו מערן,
האָב איך אין פאַרצווייפלונג געלעסטערט דיין נאָמען,
נאָר ניט איבער דעם גים איך שולדיקע טרערן
אויף באַקן פאַרשעמטע, אָ גאָט פון אַברהם.

ווען איצטער דו זאַמלסט דאָס רעשט פון זיין זאָמען
און ס׳לאַנד אויף דיין בונד מיט אַברהם זאָגט עדות,
מיר פלאַמען די באַקן ווי גיפטיקע שוואָמען, —
ניט אָפּגעהיט האָב איך אין צייט פון עקדות
אברהמס בטחון, אָ גאָט פון אברהם.

נאָר דו האָסט דיין צאָרן מיט חסד פאַרענטפערט,
דיין בונד מיט אַברהם באַנייַט מיט זיין זאָמען.
געוועז בין איך אָפּגעפרעמדט, האָסטו דערנענטערט,
איך האָב דיך געלעסטערט, איצט לויב איך דיין נאָמען:
— אָ גאָט פון אברהם, אָ גאָט פון אברהם.

אין זכות פון די קדושים

אַ דריטל פון פאָלק איז אַוועק מיטן רויך.
מיר האָבן געקויפט פאַר אַ פּרייז, וואָס איז הויך,
אַ לאַנד, וואָס זיין מילך און זיין האָניק פאַרזיסט
דאָס בלוט, וואָס איז ביטער, ווייל ס׳גיסט זיך אומזיסט.

מען זאָגט: ניט אומזיסט איז געפלאָסן דאָס בלוט —
דאָס האָט זיך גאָטס פינגער פאַרשטעלט פאַר אַ רוט,
איין דריטל דערשלאָגן, צוויי דריטל דערלייזט...
אַ פּאַרכטיקער פינגער! אַ גרויזאַמע טרייסט!

און דאָך האָט אונדז גאָט מיט אַ נס איבערראַשט —
דאָס דריטל פון פאָלק ניט אומזיסט איז צעאַשט —
דער אַש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ערד,
דער בראַנד האָט געשמידט פאַר קנאים אַ שווערד.

געפעסטיקט די ערד האָט פון גלייבער דער שטויב,
און אַז אין איר שפּאַלט פון דעם פעלדז זאָל די טויב
ניט זיין צווישן אָדלער און שלאַנג אין אַ קלעם,
די שווערד איז געשטאָלט מיט על-קידוש-השם.

אַ לאַנד פון ישראל מיט דער אייגענער פאָן,
פאַרגעס ניט דעם אָנדענק פון זעקס מיליאָן,
געדענק, אַז דיך האָבן די מתים דערלייזט
און האָבן מיט דיר די אבלים געטרייסט.

לאַנד פונעם חומש

אַ לאַנד פונעם חומש, דו מוטערלאַנד מיינע,
כאָטש כ׳בין אַ געבוירטיקער גאָר פון אוקראַינע,
נאָר איך האָב דיין מילך און דיין האָניק געזויגן.
מיין ערשטער פאַרגאַף פון די קינדישע אויגן
געווען איז אויף דיר — אויפן שטויב פון דיין באָדן,
וואָס האָט זיך אין טוי פון גאָטס משל געבאָדן.
און איך האָב באַקוקט דיינע אַלע פיר זייטן,
אַזוי ווי אברהם אבינו פאַרצייטן,
און ס׳האָט מיר אין קינדישן אויער געקלונגען
גאָטס בשורה, וואָס האָט אין דער שטילקייט געזונגען:
— דיין זאָמען, אברהם, ווי שטויב וועל איך מערן,
דאָס דאָזיקע לאַנד וועט דיין זאָמען געהערן. —
און איך בין ווי ער גר־ותושב געוואָרן,
אין הייל פון מכפלה באַערדיקט זיין שׂרהן,
געפירט אין נסיון זיין זון קיין מוריה
און ווען עס האָט יצחק פאַרלוירן די ראיה,
כ׳בין דעמאָלט מיט רבקהן געווען זיינע אויגן —
עס זאָל אים ניט אַרבן דער זון מיטן בויגן.
נאָר יענער, וואָס פאַשעט די כשרע לעמער,
און זיצט אין די פרומע געצעלטן די שם׳ער,
פאַרקויפט ניט פאַר לינדזן די בכורה ווי עשו.
און איך האָב באַגלייט אין זיין גלות דעם תושב,
געשלאָפן אויף שטיינער, די ביינער צעבראָכן,
נאָר איך האָב געזען אויף אַ לייטער מלאכים.
אַ לאַנד פונעם חומש, דו מוטערלאַנד מיינע,
כאָטש כ׳בין אַ געבוירטיקער גאָר פון אוקריינע,
נאָר זי איז מיין שטיפמוטער, דו ביסט מיין מאַמע, —
מיט יעקבן בין איך פון לבן־הארמי
שוין איינמאָל געגאַנגען אהיים, און אַצינדער
אַליין וועל איך טרעפן, אפילו אַ בלינדער.

צו דעם קינדערלאַנד פון חומש

צו דעם קינדערלאַנד פון חומש,
ווידער צו די חומש־יאָרן
פאָרן ייִדן אויף די שיפן:
„אַלטע בענקשאַפט" און „זכרון".

פאָרן זיי צוריק אין היימלאַנד,
אין תנ"כישער מדינה, —
צו דעם לאַנד דעם צוגעזאָגטן
לאַנג, נאָך צו אברהם אָבינו, —

דאָרט צו פּאַשן שאָף ווי יעקב
אויף די לאָנקעס וואָס זיי אַרבן
און אין צייט פון שניט צו בינדן —
ניט אין חלום — יוספס גאַרבן.

און צו אָנטרינקען דעם מדבר —
ייִדן ווייסן אַז זיי קאָנען, —
ווי פון שטיין ס'ציט משה וואַסער,
דאַרפן זיי זיך נאָר דערמאָנען.

חומש־ייִדן קאָנען אַלץ טאָן,
וואָס אין חומש שטייט געשריבן, —
פון די מעשיות זיינען מעשים
און דערפאַרונגען געבליבן.

ווער מען מוזן, ווען ייִדן
אויך זיך שלאָגן ווי די אומות
צו באַשיצן פון די פלישתים
זייער קינדערלאַנד פון חומש.

ירושלים ביינאַכט

ירושלים חלומט אונטער הימלען אויסגעשטערנטע,
ווי אירע הימלען איז איר חלום אַ געלייטערט-קלאָרער —
נאָך פון אברהמס גאָט-דערקענטעניש אַ וואויל-געלערנטע,
זי לערנט ווידער, אַז דער בורא-עולם איז אַ וואָרער.

אַ גאָט ניט קיין געזעענער, נאָר אַ באַוויזענער —
די שטערן די אומצייליקע דערציילן פון זיין כבוד.
ווי וואויל זי ווייסט דאָס, נאָר מיט אויגן אויפגעריסענע
און תהילימדיקע ליפּן גאָפּט נאָך אַלץ די שטאָט פון דוד.

און ס׳זעט ירושלים: ערד און הימל אָנגעהערן זיך —
דער מילכוועג דאָרט ווי טוי און דאָ דער טוי ווי שטערנליכט,
און ס׳גריסט ירושלים מיט די לויכטנדיקע שויבן
די שטערן-פענצטער פון ירושלים, וואָס איז אויבן.

צ פ ת

אין צפת די שטערן זיינען גרעסער.
ס׳איז שויבנשיין פון בלויע שלעסער,
ווו ס׳וואַכט און בענקט די כלה שבת.

און צפת פון אַלע שטעט איז העכער —
אַ באַרג מיט דעכער איבער דעכער,
ווי שטיגן צו דער כלה שבת.

ניטאָ אין צפת קיין אין דער וואָכן.
פאַראַן אַ פלאַטערן, אַ פאָכען,
זעקס טעג אין צפת איז ערב שבת.

אָט נאָך אַ מאָרגן, נאָך אַן אָוונט
און די באַגעגעניש איז נאָענט —
אַנטקעגן גיי דער כלה שבת.

די בענטשליכט ברענען ווי די שטערן
און פייערלעך די צפתער ווערן,
ווען ס׳קומט צו גאַסט די כלה שבת.

איר שטעט פון גאָר דער וועלט פאַריאָכטער,
היט אָפּ ווי צפת דעם הימלס טאָכטער,
און ס׳בלייבט אויף דר׳ערד די כלה שבת.

אין דזשונגל

א

די צוויי־פּנימדיקע ערד

די דזשונגל־ערד איז צוויי־געזיכטיק:
איין פּנים — אָפן, כאָטש ניט ליכטיק,
נאָר צו דער זון געריכט;
דאָס צווייטע פּנים איז פאַרמאַכט,
באַהאַלט זיך פון די שטערן אין דער נאַכט.

דאָס אָפענע געזיכט
פון דער בראשיתדיקער ערד
באַוואָקסן איז געדיכט,
געראָטן אין דעם לייב מיט באַקנבערד,
דעם זאַטן לייב, וואָס וועט ניט טייטן:
קיין זעברע, דאָס געשטרייפטע פערד;
קיין הירשעלע, באַשפּרינקלט ווי מיט קווייטן,
וואָס זיינע עלטערן באַגלייטן,
און קיין באַבון פון צווישן זיינע ברידער,
וואָס האָט פון בוים אַראָפּגענידערט
צו אָפּקילן ביים קוואַל דעם הייסן גומען.
דער לייב, אַ זאַטער, שווייגט,
נאָר זאָל ער זיך צעברומען —
און מיטן מויל פון דעם באַבון, וואָס שטייגט
אַרויף דעם בוים צוריק,
וועט אין איין אויגנבליק
אין אַקאָרשט־שטילן וואַלד
די טויטשרעק שרייען גוואַלד
און טראַמפּלען מיט די פיס פון הירש און פערד
דעם פרידן אויף דער ערד.

פון דעסטוועגן אפילו
אין שטילשטאַנד פון דער שלאַכט
קאָן איך — אַ בן־גאָרילע, —
אַ זון פון דער גאָרילע, וועמעס טראַכט
האָט אויסגעטראָגן אַ ישעיה, —

איך קאָן אין וואָפן־שטילשטאַנד האָפן
אויף פולן פרידן אין דעם סוף פון טעג,
ווען אויסטאָן אירע נעגל וועט די חיה,
ווי וואַרפן וועט זיין וואָפן
דער מענטש, וואָס ווייזט דעם וועג.

נאָר אויף דער ערדס געזיכט,
וואָס איז פאַרהוילן,
איז פינצטער מיר ביים שייטערס ליכט
און קאַלט איז ביי די הייסע קוילן,
פון וואַנען ס׳איז די חיה אָפּגעטראָטן
און זוכט קרבנות אַנדערע אין שאָטן.
איז דאָס געגוג צו קאָנען רויִק שלאָפן?
זיך טרוימען ווייטער,
ווען ס׳ברענען אויפן שייטער
מיין גלויבן און מיין האָפן?
איך וואַך און האָרך
דעם דינסטן קלאַנג,
דעם מינדסטן שאָרך —
אַט שלייכט זיך דער רוצח ווי אַ שלאַנג,
אַט פויקן הערצער ווי טאַם־טאַמען
(ניט יעדער הערט ווי ס׳קלאַפּט אַ האַרץ פאַרקלעמט,
נאָר ווער ס׳פילט־מיט, — פאַרנעמט),
אַט, אַט און בלוט וועט שטראָמען;
און ווען די גרויל
שרייט פאַרן טויט באַנומען,
איז ווי דאָס וואָלט געקומען
פון מיין צעקרימטן מויל.

בלויז אין פרימאָרגן־בראַנד,
ווען כ׳זע אויף דער צוויי־פּנימדיקער ערד
אַ גלי אַ רויטן ווי פון שאַנד
און טראָפּנס טוי ווי אויסגעטרערט, —
מיר דאַכט זיך דעמאָלט אוים, אַז ס׳איז אַזוי —
דער גלי איז שאַנד און טרערן איז דער טוי.
עס איז נאָך ניט דער סוף פון אַלע סופן. —
און כ׳ווער אַנטשלאָפן.

ב

אויגן און שטערן

אין דזשונגל גליען אויגן — פעך און שוועבל,
נאָר גאָט פון הימל ווינקט מיט מילדע שטערן:
אַזוי וועט מילד אַמאָל די ערד נאָך ווערן.
איך נעם אַרויס פון טאָרבע ברויט אַ לעבל,
צעברעך דאָס ברויט אויף העלפט, דערנאָך אַן עפּל
און כ׳שליס אַ בונד — אויף אייביק צו געווערן —
מיט גאָט, וואָס וועט אַמאָל דער ערד באַשערן
דעם פריד פון מילכיק-ווייסן שטערן-נעפּל.

און כ׳צינד אַ שייטער אָן פון סאָסנע-צווייגן.
די פלאַמען שפּרינגען און די פונקען שטייגן.
— שטייגט, פונקען, הויך און לאָזט די שטערן גריסן.
די חיות גליען נאָך מיט שוועבל-אויגן.
מיין פייער שרעקט זיי מער ווי פייל און בויגן.
אַמאָל וועט זיי שוין שרעקן דער געוויסן.

ג

מעטעאָרן

פון קומענדיקן פרידן זיינען שטערן ווונקען,
צום קומענדיקן פרידן בין איך שוין זיך מכוין,
נאָר ס׳פאַלט אַ מעטעאָר, בליצט אויס אַן אויסשריי-צייכן
און ווי אַ ליכט אין שאַכטגאַז, אויסגיין איז געצווונגען
אין אויסהויך פון דער ערד, וואָס איז פון בלוט באַטרונקען.
איך ריים די האָר וואָס שטייען, ברעך די הענט וואָס בלייכן:
פאַרצערן ניט אַזוי די שטערן אין די הייכן
די מעטעאָרן, וואָס זיי לעשן אויס ווי פונקען?

איך צווייפל, גאָט, אין פרידן אויך פון דיינע שטערן.
אַ צייכן גיב מיר אויף דער ערד פון בלוט און טרערן,
אַז פרידן איז דער ציל פון אַלע דיינע צילן.
אַ דינעם קול פאַרנעמט מיין פרידלעך האַרץ וואָס בלוטיקט,
און יעדער אַדער ווידערט — איז אַ קול וואָס מוטיקט:
— דו ביסט אַליין דער צייכן פון מיין גוטן ווילן.

ד

דער צייכן

איך בין דער צייכן פון זיין גוטן ווילן,
מיין פרידלעך האַרץ איז פון זיין גנאָד אַ שטריך,
כאָטש ניט אַליין אין יאָמערטאָל האָב איך
פאַרנומען מיין באַשעפערס קול דעם שטילן
(פאַר בלוט פאַרגאָסענעם אַן אימה פילן
אַפילו שטומע חושימדיקע פיך),
נאָר איך מיט זיבן-מיילנדיקע שיך
שפּרייז קעגן גאָט זיין ענדציל צו דערפילן.

איך גלייב אין גנאָד פון גאָט, ווייל כ׳גלייב אין זיך —
איך בין געקומען פון אַ מאַלפּעס דיך
און דורכגעציקלט ביז אַ גאָט אַ האַלבן
(כ׳בין שיעור פון גאָט ניט מינער). הימלען, הערט:
דאָס מלכות-השמים אויף דער ערד
וועל איך נאָך ברענגען און מיין בורא זאַלבן.

ה

גאָט אַנטקעגן

איך וועל מיין בורא זאַלבן אויף דער דזשונגלערד,
דאָס מלכות-השמים וועט שוין דאָ זיין דעמאָלט —
גאָטס ווייסן וועט געראָטן פּרוכפּערדיק-צעשוועמלט
נאָך אַלע רעגנס בלוט דורך נעגל, ציין און שווערד.
דערנערט מיט גראָז, ביים טיגער ווי ביים זעברע-פערד
ניט שווענבלען וועט קיין אויג, פון נאַכטרויב אויפגעפלעמלט.
דער לייב אין פריד, ניט נאָר ווען ער איז זאַט און דרעמלט,
וועט לאָזן קינדער צופּן זיינע באָקנבערד.

איך וועל אַ וועג אין דזשונגל פאַר מיין בורא ראַמען
און וועל אים גיין אַנטקעגן, ווען ער וועט זיך זאַמען —
מתקן זיין די פּגמען, וואָס ער האָט פאַרפעלט.
איך פלי שוין גאָט אַנטקעגן מיט אַטאָמען-כוח
און וווּנדער וועט מיין האַרץ נאָך אויפטאָן ווי דער מוח —
כ׳וועל אָנשטעקן מיט גוטס דאָס שלעכטס וואָס אויף גאָטס וועלט.

בעלי־חיים

תפילות פון קליינע ברואימס וועגן

פון אַ פישלס וועגן

העלף די הילפלאָזע וואָס גלייבן,
בורא, זיי ניט קיין אַנטוישער.
ביסטו פון דיין קנעכט דען ערגער? —
איך בין זייער מליץ־יושר.

ס׳פאַרכט אַ פישעלע אין וואַסער,
בענטשט דעם שאָטן פון הושענא;
היט זיין נפש, גאָט פון רחמים,
ווי עס היט די מצוות דיינע. —

ס׳דאַוונט שטום, די ליפּן שאָקלט
און די פרומע אויגן גלאָצן.
ביסטו, גאָט, קול־דממה־דקה,
טוט דאָס פישעלע דיין רצון.

ביסטו שטורעם, שוימט עס בלעזלעך
אין זיין אַנגסט ממעמקים.
היט עס, גאָט, פון העכט און מעווע
און פון מענטשנס נעץ און האָקן.

פון אַ לעמעלס וועגן

גאָט,דאָס לעמל איז דיין חסיד.
זע, ס׳איז פאַהלעך אין גאַנצן.
אין זיין חסידישער התלהבות
אויף דער לאָנקע זע עס טאַנצן.

ניט מיט עצבות, נאָר מיט שמחה
דינען דיך די אמת־פרומע.

ס׳קאָן דאָס לעמעלע בלויז מעקען,
אָבער דו פאַרשטייסט די שטומע.

ניט קיין למדן, אָבער ערלעך —
ס׳ווייסט בחוש אַז בלוט איז טרפות,
עסט עס גראָז, פאַרטרינקט מיט וואַסער,
זיך געזעטיקט, און וואָס דאַרף עס?

— בלויז די פולע פרייד פון דבקות,
ניט די אַנגסטן — די מחיצות.
היט עס, גאָט, פון חיהס נעגל
און פון שוחטס חלף שיץ עס.

פון אַ נאַכטיגאַלס וועגן

האָרך דיין נאַכטיגאַל, באַשעפער,
שירה זינגט ער צו דיין כבוד.
היט אים פון דער סאָוועס שנאָבל
ווי פון שאולס שפיז — דיין דוד.

צו דיין סדר וואָס אין מילכוועג,
צו דיין פרייד אין שטערן־נעפל
זינגט ער שירה, און די סאָווע
ברענט מיט אויגן — פעך און שוועבל

און זיין לעבן מיט דיין אָטעם,
דיין מתנה וויל זי רויבן,
און דיין קול פון דממה־דקה
הפקר מיט איר גרילץ פאַרטויבן.

שלאָף ניט, גאָט, ווי איך שלאָף אויך ניט
מיטן אומרעכט אין געוויסן,
ווי איך וואָלט אַליין געווען
איינער פון די נאַכט־משחיתים.

מאָטילן

ווּ אַ לעמפּל,
דאָרט אַ טעמפּל
פֿאַר די מאָטעלעך די פֿרומע,
די מתפּללים די שטומע,
די געבוירענע אין שאָטן.

שטום, נאָר פֿלאַמיק דאַוונען מאָטן
אַרום ליכטיקער געהיימניש,
אַרום סודותפֿולער שלימות.

אין געווימל, אין געשוויבל
ווי חסידים אין אַ שטיבל
אַרום פֿייער קאַראַהאָדן
טאַנצן מאָטן, אויסצובאָדן, —
אויסצובאָדן, אָנצוזייגן
די פֿאַרהויכטע בלינדע אויגן
מיט דעם ליכט פֿון זיוו־השכינה.

טרינקען מאָטן — פֿייער־דינער
פֿון דעם ליכטקוואַל וואָס איז געטלעך, —
טרינקען דאָרשטיק, אומדערזעטלעך,
ווי להבדיל לעכערדיקע לייקעס,
און אין דאָרשט נאָך פֿולער דביקות
מיט דער געטלעכקייט, דעם צענטער,
אַרום פֿייער נענטער, נענטער
טאַנצן מאָטעלעך פֿאַרחושטע
און זיי שטאַרבן גאָט־געקושטע.

אין שטאַל

ס׳איז הייס. איך נעכטיק אויפֿן הייבוידעם אין שטאַל.
די קילע רעדנע איז מיין לײלעך און מיין ציך.
מיין זון־פֿאַרשיכורט בלוט ווערט ניט אַנטשלאָפֿן גיך —
אין נאַכטעם ערשט באַרוישט מיך יעדער שטראַל
באַזונדער, און צוזאַמען — ווי אַ וואַסערפֿאַל.
דאָס טשאַמקען פֿון דער קו שטערט אויך מיין שלאָף, נאָר איך
בין טאָלעראַנט און שליידער ניט אויף איר קיין שיך,
כאָטש ס׳דענערווירט איר גרילצנדיקער פּאַסטאָראַל.

נאָר פּלוצעם דורך אַ שפּאַרע גיט אַ וואַרף אַ שיין
אויף דער בהמה די לבנה, און איך גאַף —
פֿאַרחושט, פֿאַרזשמורעט, אין זיך קוקט די קו אַריין
און וואָס זי האָט געגעסן אין גערייל, אויף טראַף,
דאָס קייט זי איבער, פֿילט ערשט איצט דעם טעם דערפֿון,
ווי איך ביינאַכט ערשט מאַך אַ ברכה אויף דער זון.

צו אַ שוואַרצן טיגער

די נאַכט האָט דיך געצערטלט און געמאַמעט,
אַ שד פֿון גיהנום האָט דיך אויפֿגעצויגן, —
דערפֿאַר דיין שוואַרצע ווייכע פֿעל פֿון סאַמעט
און דיינע העליש־פֿייערדיקע אויגן.
אַ פּראַכט, מיין קאָפּ, וואָס איז פֿאַר דיר געבויגן,
קיין זכות אויף בלוטדאָרשט איז נאָך ניט מלמד, —
דו שטשירעסט אוים די ציין, וואָלסט אויסגעזויגן
מיין האַרץ, ווען ס׳וואָלט די שטייג דיך ניט געהאַמעט —

און דיינע טמא ציינער בלאַנקען זויבער
און ס׳לייכטן דיינע אויגן פֿון אַ רויבער,
ווי גלימער־שטיינער, איינגעפּאַסט אין שוואַרצן.
איך שטיי פֿאַר דיר, בייזווונדער, אַ פֿאַרגאַפּטער,
און כ׳טענה, פֿרעג ביי גאָט: פֿאַרוואָס באַשאַפֿט ער
אַ שיינע שטאַלט מיט רשעות אין איר האַרצן?

אַ שוואַן

ווינטלט אומרו אין טומאַן,
שווימט אַ שטילער ווייסער שוואַן —
שלאַנקער האַלדז — אַ פראַגע-צייכן:
— אומרו, וואָס ווערסט דו דערגרייכן —
בלאָזן שטורעם? בלעזלען שוים?
אָבער ס'ווייסן שוין די שוואַנען
ווי דעם שטורעם איינצושפּאַנען
אַן אַ בייטש און אַן אַ צוים.

און ווי זעגלען אין טומאַן,
קעגן גרויען ווינט און פייכטן
שטעלט די פליגלען אַן דער שוואַן
מיט די פעדערן וואָס לייכטן,
און דער תוהודיקער ווינט
פירט אים אונטער זיינע פאַכוועס
אויף דער כוואַליענדיקער רחבות,
ווי אַ פאָטער פירט אַ קינד.

אַ קאַטשקע

גרינט אַ קאַטשקע אויפן וואַסער,
גרינט אַ קאַטשקע ווי דער פרילינג,
איז דער וואַסערפלאַך אַ שפּיגל
און די קאַטשקע איז אַ צווילינג.

ס'גרינט אין שפּיגל נאָך אַ קאַטשקע
אַזאַ גרינע ווי דער פרילינג,
אַזאַ גרינע ווי איר שוועסטער:
גרינע ביידע ווי אַ צווילינג.

נייגט זיך איינע פאַר דער צווייטער,
זיי באַגריסן זיך: „גוט-פרילינג".
און אַ קאַטשקע קושט אַ קאַטשקע,
ווען פון וואַסער טרינקט איר צווילינג.

אַ פלאַטערל

די זון גייט אָפּ מיט בלוט
און שרייט מיט אַלע פאַרבן.
אַ פלאַטערל באַרוט
זוכט אוים אַן אָרט צו שטאַרבן.

דער קרייז פון שאָטנס ווערט
אַרום דעם גוסט ענגער;
זיין טאָג האָט ניט געווערט,
די נאַכט וועט ציען לענגער.

און גיט דער טויט אַ רוף,
באַלד ציט ער אוים די פליגל.
דער ווערעמדיקער גוף
פאַררונדיקט האָט זיין ציקל.

דעם גוף וואָס איז ניט שיין
וועט באַלד דער טויט פאַרלענדן,
נאָר ס'וועלן טעג פאַרגיין,
די פליגל וועלן בלענדן.

אַ הירש

אין אָסיען, אין אַ טאָג אַ פראָסטן,
אין פעלד פאַרגרויטן און פאַרלאָזטן,
ווי אין אַ וויסט אַ טויטער,
האָב איך געזען אַ הירש מיט הערנער
ווי צווייגלעך דערנער
און מיט אַ פעל אַ רויטער,
וואָס האָט געבלאַנקט,
געפלאַקערט ווי אַ פלאַם
אין אָפּשיין פון דער זון וואָס האָט געצאַנקט.
איך בין געשטאַנען ווי אַ תם,
געגלאָצט די אויגן: זע נאָר, זע —
אַ ברענענדיקער סנה.

אַן אינד

דורך וועלדער — שיטער און געדיכט,
אין שאָטן קופּער, גאָלד אין ליכט,
מיט שווינדלענדיקע פיס ווי טראָפּנס רעגן
אַנטלויפט אַן אינד אין גרויל
פון פאַר דער חיה מיט איר הונגעריקן מויל
און פאַר דעם מענטש מיט זיין פאַרשײַטער קויל,
וואָס שיסט פון שיסן וועגן.

און דאַרשט זי, לויפט די אינד ניט גלייך
פון וואַלד אַרויס צום טייך.
אין שאָטן זיך באַהאַלטן,
מיט אויגן מילדע, נאָר אַן רו
זי קוקט צי לויערט ניט אַוווּ
דער טויט וואָס האָט אַ סך געשטאַלטן.
זי שפּרייט די נאָזפּליגלען צו שנאַפּן
די ריחות פון אַרום,
שטעלט אַן די אויערן צו כאַפּן
דעם שטילסטן רויש און זשום,
און אויף איר פעל לויפט אום
ווי אויף אַ וואַסערפלאַך
דער ציטער אויף דער וואַך,
און גרייט צו גיבן זיך פון אָרט אַ ריס,
אַליין פון באַדן הייבן זיך די פיס.

די קלאַנגען, ריחות אויסגעפאַרשט,
לעשט אָפּ די אינד אין טייך איר דאַרשט
און קושט איר שאָטן מויל צו מויל.
די פעל אין שפּיגל גיט אַ ציטער.
איז, אינד, דאָס וואַסער דיר ניט ביטער,
ווען דיינע אויגן טרינקען גרויל?

על־פּי טבע

אין אַ פּאַנצערל פון שופּן,
מיט אַ ווערעמל אַ הוילן
האַלט אַ פישעלע מלחמה,
ווי דאָס לעבן האָט באַפוילן.
ס׳האַלט מלחמה מיט אַ וואָרעם,
ווייל דער וואָרעם איז אַן ביינער,
אָבער פאַר דעם העכט אַנטלויפט עס
און באַהאַלט זיך צווישן שטיינער.
און ס׳פּאַרטייעט זיך און ציטערט
פאַרן שאָטן פון אַ מעווע, —
וואָס איז העלדיש און פחדניש
ווייסט עס גאָרניט על־פּי טבע.
על־פּי טבע ווייסט דאָס פישל
ווען צו קעמפן, ווען צו לויפן, —
על־פּי טבע וויל עס לעבן,
לעבן וויל עס בכל־אופן.

דער זאַמדראַק

אין אויסזען פון אַ גרויסער שפּין,
מיט פיס וואָס לויפן הער און הין,
דער זאַמדראַק קריכט ניט ווי אַ ראַק.
אַפילו אָבער אַן דעם פּגם
איז ער קיין שיינדל ניט ביים ים,
דערפאַר — אַן עניו אַן אַ בראַק.
ווי זאַמד אַ גרויער, פון דעם זאַמד
ער וויל זיך גאָרניט אונטערשיידן.
די נאָרע זיינע אויפגעראַמט,
ער ליגט זיך אויפן ראַנד באַשיידן,
אַהין אַ גרייטער צו אַנטרינען,
אויב ס׳וועט אַן אויג אים אויסגעפינען.
און ניט אין מדבר איז זיין היים
צו לעבן דאָרטן אין געהיים;
דער למד־וואָווניק האָט קוראַזש
ביים ים צו וווינען אויפן פּליאַזש —
אין קאַך פון לעבן אַפּצושטאַרבן,
צו גרויען אין געבלענד פון פאַרבן.

אַ גאָנדז

איר שנאָבל אין אַ פליגל,
שטייט אויף איין פוס אַ גאַנדז,
פאַרגליווערט, ווי דער טייך איז,
באַטריבט ווי ס׳איז אַן גלאַנץ.

אַ פעדער אויפן פליגל
בלויז ציטערט פון איר הויך
און קוים-קוים וואָס עס וויגט זיך
דער פאַלד וואָס הענגט פון בויך.

דער מוטערפאַלד פון טראָגן
פאַרשעמט איז ווי אַ מום, —
דער מענטש וואָס רויבט גאָטס ברכה
און מאַכט אַ ברכה פרום,

רויבט ביי דער גאַנדז די קינדער
און שטאָפט זיי שפייז אין האַלדז
און אונטער הייסע פאַכוועס
באַטאַפט די גוליע שמאַלץ.

זיי איינגעקרעמפט די פליגל,
די פיס געבונדן פעסט,
ער ברענגט זיי צו דעם שוחט:
— באַצאָלט, גענדז, פאַר די קעסט...

פון גרויען כמורנעם הימל
נעמט נידערן אַ שניי.
עס טוט די גאַנדז אַ שוידער
און פליט מיט אַ געשריי.

וואָס האָט זי זיך דערשראָקן?
האָט זי אין שניי דערבליקט
דעם פוך פון אירע קינדער,
וואָס מענטש האָט אָפגעפליקט?

דאָס ניט־געניטע הינדעלע

ווען ס׳האָט דאָס הינדעלע זיך אויסגעפּיקט פון איי
און פאַר גרויס פרייד געגעבן אַ געשריי,
געקוואָקעט האָט די מאַמע אירע: — ניטע!
דו ניט־געניטע!
די קאַץ וועט נאָך דערהערן,
מיין פייגעלע פאַרצערן.

ווען שפּעטער האָט דאָס הינדעלע פון גאָלד
באַקענען זיך מיט ראַבטשיקן געוואָלט,
געקוואָקעט האָט די מאַמע אירע: — ניטע!
דו ניט־געניטע!
דער הונט האָט שאַרפע ציין,
ער פרעסט דיך אויף מיט דיין געביין.

ווען ס׳איז דאָס הינדעלע אין הויף אַליין געלאָפן
(געמיינט די מאַמע איז געשלאָפן),
געקוואָקעט האָט די מאַמע אירע: — ניטע!
דו ניט־געניטע!
דיין לעבן איז אין קאָן,
קוים פליט אַ שפּאַרבער אָן.

ווען ס׳איז דאָס הינדעלע אַוועק פון מאַמעס פליגל
און האָט פאַרקוקט זיך אין אַ וואַסער־שפּיגל,
געקוואָקעט האָט די מאַמע אירע: — ניטע!
דו ניט־געניטע!
אַ הינדל צו אַן ענטל איז ניט גלייך,
דו וועסט דערטרינקען זיך אין טייך.

און אַז עס האָט דאָס הינדעלע געקלאָגט
פאַרוואָס ס׳איז אַלץ פאַרבאָטן און פאַרזאָגט,
געקוואָקעט ווידער האָט די מאַמע אירע: — ניטע!
דו ניט־געניטע!
עס איז ניט גוט צו קלאָגן,
מיט פראַגעס נאַרישע זיך פּלאָגן.

דער מאַן מיט די טויבן

טויבן אויפֿן גוטן מאַן —
אויף די אַקסלען, אויפֿן קאָפּ,
ווי די שטראָמען פֿון פֿאָנטאַן —
טויב אַרויף און טויב אַראָפּ.

טויבן שטראָמען מיט אַ רויש
און זיי וואָרקען אַ געזאַנג
צו דעם מענטש, וואָס איז אַרויס
ניט צו פֿאַנגען קיין געפֿאַנג.

ניט אַרויס איז ער אויף רויב,
לויפֿן טויבן ניט פֿון אים.
זינגט ער פֿרידלעך ווי אַ טויב
מיט אַ וואָרקענדיקער שטים.

יעדע טויב איז אים באַקאַנט
און אים קאָנען אַלע וויל,
עסן טויבן פֿון זיין האַנט
און זיי טרינקען פֿון זיין מויל.

טויבן אויפֿן גוטן מאַן —
אויף די אַקסלען, אויפֿן קאָפּ.
איז אַ גוטער מענטש פֿאַראַן,
טרעטן זיי פֿון אים ניט אָפּ.

ביבליש

די מוטער לאה

צו דער לעצטער פון די אמהות:

מוטער לאה, לעצטע פון די פיר אמהות,
כאָטש די דריטע ביסטו פון די פיר, —
יעקב האָט פאַרזען דיך און דעם זעלבן טעות
מאַכט דאָס פאָלק ישראל וועגן דיר.

מוטער פרוכטבאַרע פון האַלבן טוצן שבטים,
נאַרן יעקבן האָסט דו געמוזט —
קומען ווי א גנב, זיין דיין שוועסטערס שאָטן,
דיך אַליין האָט יעקב ניט געגלוסט.

מוטער פון מלכים, כוהנים און לוויים,
קאָן מיט פירות זיך פאַרגלייכן צוויט?
דאָך האָט יעקב פאַר דיין שוועסטערס בליען
פערצן יאָר דיין טאַטנס שאָף געהיט.

און געוועזן ביסט דו ניט פון געבוירן מיאוס, —
האָסט געהערט — וועסט ווערן עשום ווייב,
האָסטו אָנגעוויינט זיך יאַטערדיקע וויעס.
ניט צום רשע האָט געגלוסט דיין לײַב.

אָבער ווען צו יעקבן האָט דיך געצויגן,
ווי עס ציט אַ שטראַל צום ריינעם שניי,
האָט געזען דער צדיק דיינע קראַנקע אויגן,
דיין נשמה ניט געזען אין זיי.

נאָר דו וויינסט ניט, מוטער לאה, אויפן טעות,
ביסט געוועזן באַשיידן אַלעמאָל,
שמייכלסט גאָר: — די לעצטע פון די פיר אמהות
איז די מוטער פון דאָס רוב־ישראל.

די מוטער לאה

לאה קוקט אין שפּיגל אָן
אירע קראַנקע אויגן:
— עט, דורך טרערן זע איך אַלץ
אין אַ רעגן־בויגן. —

און זי קוקט אויף אירע הענט:
— הענט איר מיינע פּראָסטע,
שיין וואָלט אויסגעזען אַ היים
אָן אַ באַלעבאָסטע. —

און פּידבאָקעס שטעלט זי זיך:
— היפּטן מיינע ברייטע —
טויערן פון מוטערשאַפט,
אויפצופּראַלן גרייטע. —

און די קינדער ציילט זי שטאַלץ:
— קינדער מיינע זיבן,
מאַלע וואָס דער פיינשמעקער
האָט רחלען אויסגעקליבן. —

און זי זאָגט איר מאַן: — דו זעסט
מיינע קראַנקע אויגן;
איך דורך טרערן זע דיך אַלץ
אין אַ רעגן־בויגן. —

לאה צו יעקבן:

יעקב, רחל איז דיין חלום,
מיר איז גוט דיין וואָר צו זיין, —
זיין דייך טעגלעך ברויט און וואַסער
און דער שאָטן פון דיין שיין.

יעקב, רחל איז דיין הימל,
איך וועל ווי די ערד זיין פעסט.
פלי דיר ווי אַ פרייער פויגל,
איך וועל וואַרטן אין מיין נעסט.

פלי דיר, יעקב, ווי אַ פויגל,
בלויע הימלען ווערן שוואַרץ.
יאָ, קאַפּריזנע איז דער הימל
ווי דיין שיינער רחלס האַרץ.

מיד פון שטורעם, ועסטו זוכן
רו אין מיינע טרייע ווענט
און באַגעגענען מיין שמייכל
און די פלאַטערדיקע הענט.

און דערפרייטע וועלן פליען
דיר אַנטקעגן צו דער טיר
מיינע קינדער ווי די פייגל,
די געראָטענע אין דיר.

דודאים

קומט פון פעלד ראובן לאהם מיט דודאים:
— זע, וואָס כ׳האָב געפונען, ווען כ׳האָב ווייץ געשניטן.
נעם עס, מאַמע; כ׳האָב געהערט, ס׳איז גוט פאַר פרויען. —
— יאָ, ס׳איז גוט, — זאָגט לאה: פאַר די פוסטאַצוויטן —

— די קאַפּריזנע שיינע ווייבער, די עקרות —
די וואַזאָנעס מיט די שטעכעדיקע רויזן.
אָבער איך, דער פרוכטבוים, דאַרף עס אויף כפרות.
יאָ, אַ פרוכטבוים, בין איך און איך שטיי אין דרויסן...

קוקסט אויף מיר, מיין זון, מיט טרויער אין די אויגן, —
טרויערט עס אין זיי דיין מאַמעס אַלטע טענה?
אונטער פירות, זון, איז גוט זיך איינצובייגן.
לאָמיר לאכן, ראובן, ערשטע פרי מיינע. —

רחל האָט פון מיר דיין טאַטן אָפּגעשלאָגן,
וועט זי פאַר דודאים איצט מיין שדכן ווערן.
צי זיי וועלן העלפן איר, איז שווער צו זאָגן,
איך וועל זיכער נאָך אַ ברודער דיר געבערן. —

מרים די נביאה

מרים האָט אין פּויק געשלאָגן
און געזאָגט אַזוי צו זאָגן:
— פערד און רייטער זינקט אין ים...
מיין נבואה איז ניט סתם.
מרים האָט זיך ניט פאַרלאָרן
אין די ביטער-שווערע יאָרן,
ווען מיר זיינען קנעכט געווען,
ווייל זי האָט פאָרויסגעזען.

איצטער זינגט מיין ברודער משה
און זיין שירה איז אַ גרויסע,
אָבער קורץ איז מיין געזאַנג,
ווייל איך זינג אים שוין פון לאַנג.
איידער משה איז געבוירן,
האָב איך שוין ביי גאָט געשווירן:
„מאַמע, טרערן מאַכן בלינד.
„ס'וועט באַפרייען אונדז דיין קינד".

ווייסן קינדער אין די וויגן,
אַז כ'האָב ניט געזאָגט קיין ליגן,
אָבער ווער האָט מיר געגלייבט,
און די מאַמע איבערהויפּט,
ווען אין קעסטל ווי אין אָרון
האָט זי משהן מיט איר אָרעם
פון דעם ברעג געטאָן אַ שטופּ —
אפשר צו זיין נאַסער גרוב.

ס'האָט זיך גאָט געשפּילט מיט פּרעהן —
דורך זיין טאָכטער אים צו נאַרן,
אַז אין פּרעהס הויזגעזינד
זאָל זיך האָדעווען דאָס קינד,
ביז ס'וועט משה מיט זיין שטעקן
זיין געשטאַרקטן אָרעם שטרעקן
און די שפּיל פון „גלייב און האָף"
ברענגען צו אַ גוטן סוף.

אַ נסים־שיפעלע

שווימט אַן זעגלען און אָן מאַסטן
אַ קליין שיפעלע — אַ קאַסטן, —
ייִדיש שיפעלע פון נסים
מיט אַ ייִנגעלע אַ זיסן.

וויפיל פון אברהמס זאָמען
ס׳וואַרפט ניט פרעה אין די תהומען,
און דער גואל פון די ייִדן
שווימט זיך אויפן טייך אין פרידן.

ס׳וואַסער מאַכט אַ כישוף־עיגול,
וויגט דעם קאַסטן ווי אַ וויגל
און די קראָקאָדילן שטאַרן
בלינד, געגליכענע צו פרעהן.

גאַפן ראָזשטעקלעך און רוישן —
מיט אַ מלאך שפּילט זיך משה,
וואַרפט די פיסלעך, ציט די הענטלעך,
שטראַלט דער קאַסטן מיט די ווענטלעך.

אין משהס שיך

ס׳איז ניט געווען קיין נביא גלייך צו משהן,
אפֿילו ניט קיין נביאס זון בין איך,
נאָר מיך אויף אים וועט קיינער ניט פֿאַרטוישן,
ווען כ׳וועל אין דמיון אָנטאָן משהס שיך.

ניט אומעטום, וווּ משה האָט געטראָטן,
אין זיינע שיך אַפֿילו קומט מען אָן, —
זיי קומען צו אַ גבול, וואָס איז פֿאַרבאָטן,
אַ גרענעץ, וווּ ער האָט זיי אויסגעטאָן.

אַ באָרוועסער, צו גאָט האָט ער געקלעטערט,
פֿאַר שלאַנג און עקדיש ניט באַשיצט זיין טראָט;
אַראָפּ פֿון באַרג, האָט ער די פֿיס באַלעדערט, —
דער וועג צום פֿאָלק מיט מער סכנות דראָט.

כ׳טו אָן אויף מיינע פֿיס די שיך פֿון משהן
און לאָז פֿון זיי זיך פֿירן אין זיין סליאַד.
דער שקלאַף פֿון נעכטן, זיך פֿאַרבענקט נאָך גושן,
פֿון היינטן מורמלט אויף זיין נע־ונד.

נאָר איבער דערנער, שטיינער, זאַמדבערג, גריבער
די שיך פֿון משהן ציען אין זיין טראָט,
אַ ים מיט וואַסער שפּאַנען זיי אַריבער
און שפּרייזן איבער בלוט, אין קריג פֿאַר גאָט.

זיי טרעטן אָן געוואַקל, שטייף פֿאַרבונדן,
אויף שאַרפֿע לוחות־שפּליטער... שיך, בלייבט שטיין!
איך טו זיי אויס, באַטראַכט די פֿיס אין וווּנדן,
צעשניטן דורכן לעדער ביזן ביין.

און משהס ליכט בלענדט אויף, און משהס ליַידן
אין שטראַלנדיקן פּנים גיט אַ גלאַנץ —
ער טראָגט די צווייטע לוחות, נאָר עס שניידן
די ערשטע, — וואָס צעבראָכן, ווערט ניט גאַנץ.

יוסף, דער בעל־חלומות

ברידער, מיין זיידן העמד פון לייב ניט רייסט —
אויך אַ העמד אַ זיידנס ווי אַ האַריקס בייסט,
ווען איר וויקלט אוים פון חלום דעם באַשייד,
ווי דעם זיידוואָרעם פון זיין געשפינטער שייד,
בלויז צו זען אין שיינקייט
ווערעמדיקע קליינקייט.

ברידער, אין דער גרוב ניט פאַנגט מיך מיט מיין טרוים —
פאַר דעם בעל־חלומות איז ניטאָ קיין צוים.
זיינע גרויע ברידער פאַשען גרויע שאָף,
ער מיט אויגן צוגעמאַכטע זעט אין שלאָף
ווי די ווענט צערוקן זיך
און די שטערן בוקן זיך.

ברידער, אין קיין פרעמדן לאַנד פאַרקויפט מיך ניט —
איך בין אין דער פרעמד אויך דאָ, אין אייער מיט.
וווּ איז ניט דער בעל־חלומות אין דער פרעמד?
אויך פון ליבע וועל איך לויפן אין איין העמד,
ווייל ניטאָ איז אויף דער וואָר,
וואָס מיין דמיון שטעלט זיך פאָר.

אַ מאַמע פֿון זיבן זין

זיבן זין האָב איך געבוירן
און פֿאַר ייִדן זיי דערצויגן —
צו קיין געץ זיך ניט צו בוקן,
הייבן נאָר צו גאָט די אויגן.

ווי און ווינד, ס׳איז מיר געלונגען —
ס׳זיינען זעקס פֿאַר גאָט געשטאָרבן
און דער זיבעטער, דער לעצטער
גייט צום טויט, אַ פֿרייער קרבן.

ייִנגעלע, מעזיניק מיינער,
כ׳וואָלט פֿאַר פֿרייד באַדאַרפֿט דיך קושן
פֿאַר ניט אויפֿהייבן דאָס רינגל,
ווייל עס ליגט ביים געץ צופֿוסן, —

ווייל עס מיינט צום געץ זיך בוקן,
בוקן זיך פֿאַרשטעלט, באַהאַלטן.
מוחל דיר דיין חסד, קיניג,
בעסער שטאַרבן אויסגעהאַלטן.

אָבער ווי איז צו דעם נחת,
ווען צום טויט גייט מאַמעס ליבלינג.
— קיניג, קיניג, טייט מיך פֿריער,
פֿאַר דעם לעצטן פֿון מיין זיבלינג.

נאָר דער רשע וויל ניט הערן,
וויל מיר ניט די פּיין פֿאַרמיידן:
— האָסט דערצויגן זיבן ייִדן,
זיבנפֿאַכיק וועסטו ליידן.

שייד איך זיך מיט מיין מעזיניק:
— האָב אַ ליכטיקן גן־עדן.
ווייסטו זען אברהם אָבינו,
זאָג אַזוי דעם עלטער־זיידן:

— שווער איז דיר געווען צו פירן
בלויז איין זון צו דער עקדה;
זיבן זין געבראַכט האָט חנה
פאַר קרבנות, עלטער־זיידע.

דו ביסט בלויז געפּרווט געוואָרן,
לעבן איז דיין זון געבליבן;
אָבער חנה האָט פאַרלאָרן
אַלע אירע קינדער זיבן.

ווער ס׳וועט משפּטן איר שוואַכקייט,
אויף איר אָרט זיין — וועט ער דאַרפן.
זייַ פאַר איר אַ גוטער בעטער,
ווען זי וועט פון דאַך זיך וואַרפן.

אלערליי

ווילדער קנאָבל

פריער פון דער גראָז דער פריסטער,
פריער פון דער קווייט דער זיסטער
שפּראָצט אַרויס דער ווילדער קנאָבל
אויפן שטויב פון טויטן שטאָפּל, —
צוגעקניפּט צום טויט ווי מיט אַ נאָפּל.

מיטן שטויב אויף זיך ווי מיט אַש באַשאָטן,
ביטער ווי דער צער איז ביטער,
קומט ער פרי — פון שכחה אַ פאַרהיטער —
און ער טונקלט ווי אַ שאָטן
מיט זיין טיפער גרינקייט,
און זיין וואַכע יונגע דינקייט
ציטערט מיט אַ ניט־געטרייסטן ציטער.

ווען די גראָז שמעקט זיס ווי ליקער
און דער לאַנדיש מיט די כוסות רופט,
ניכטערט אויס דער ביטערער די לופט,
וואָס איז פון די ריחות שיכור,
ווי געמוסרט מיט אַ הארבער שפּראַך
וואָלט אַזוי אַ נביא אויף דער וואַך:

— וואָס דער הארבסט האָט ניט פאַרשניטן,
האָט דער ווינטער ניט געמיטן, —
די גאַנצע ערד איז אַש פון זיין מזבח,
און אין פרילינג נאָכן בראַך —
וויי און אַך! —
ווי דער ווייַנגאָרטן פון נח
בליט דער זאָמען
אויפן אַש וואָס אָן אַ נאָמען.

אַז אין ניסן פאַלט אַ שניי

אַז אין ניסן פאַלט אַ שניי,
זאָל דיר דאַכטן עלעהיי
פרילינג קומט צו רייטן
ווי משיח אויף אַ ווייסן פערד,
און די איילבירט־צווייגל וועט פאַרבייטן
די נאָך ניט־צעשמעלצטע שווערד.
מעג די שווערד נאָך פאָכען מיט אַ ווינט,
האַקן ביי דער זון די שטראַלן,
נאָר מען ווייסט שוין אַז זי דינט
צו אַ קרוין וואָס איז געפאַלן.
גוטע אָנזאָגער מיט מיילער פולע,
לויפן וואַסערן דורך וואַלד און פעלד
און פאַרכלינען זיך מיט דער גאולה
און דעם גרוס, אַז ווייסט איז ניט די וועלט.
מעגן ביימער מיט געקאַרבטער הויט —
פון דער לאַנגער קאַלטער נויט —
שטאַרן נאַקעט און פאַרטעמפּט,
ווי ביים רויבן זייער העמד
וואָלט מען זייער בושה אויך אַראָפּגעצויגן,
אָבער גלייבט ניט די פאַרבלענדטע אויגן, —
ביימער שפּירן אַז עס קומט אַ נייער מאָרגן
און זיי שפּאָרן קניפּעלעך פאַרבאָרגן.
און די ערד, די מאַמע די געליטענע, —
דאַכט זיך אוים אַז די פּאַסיווע
וועט ניט אויפשטיין שוין פון שבעה
נאָך די קינדער די פאַרשניטענע, —
אָבער זע: אין שניי און ווינט,
טראָציק, שקאָציק, אונטער ווינטערס נאָז
ווידער גייט די ערד צו קינד,
שטעקט אַרוים אַ צינגל — גראָז.

קוסטן און ביימער

אויף ניסן ענדלעך זיך דערוואַרט,
די קוסטן בליען פרי אין פולן שוווּנג
און וואַרפן צווית־קאָנפעטי מיט אַזאַרט
צום ווינט וואָס איז נאָך קאַלט,
ווי ס׳וואָלט מיט אַ באַרווישטער צונג
די פרייד פון זיי אַרויסגעשאַלט:
— מען איז נאָר איינמאָל יונג!

די ביימער אָבער, איינגעפּאַנצערטע אין קאָרע,
נאָך צאַמען זייער יצר־הרע,
ווי ס׳וואָלט געווען אַ קליפּה דאָס געבלי,
און בליען נאָך צו פרי —
אַוודאי אומפאַרגיבלעך, —
די ביימער צאַמען זיך באַרעכנט, קאַרג,
צעבינדן ניט די קניפּלעך —
די קנאָספּן מיטן פרילינגוואַרג,
ווי ס׳וואָלטן זיי געוואָרנט
די יאָרן:
— מען דאַרף זיך שפּאָרן.

ג ע וו ע ב ן

מיט זיין פאָדעם צווישן פעדעם וועבט דער שפּול פון לעבן
אויף דער ערד ווי אויף אַ וועבשטול — דלילהשע געוועבן.

פליען — בלויז אַראָפּצופאַלן — שפּרינגער צווישן גראָזן;
שפּרינגען ניט די שרעק אַריבער צווישן קוסטן האָזן;

ווערן פעט אין גרינער וואַלדשטייג — צווישן ביימער — בערן;
צווישן צווייגן — הינטער גראַטעס — זינגען פייגל גערן.

מיר, פאַרקלעמטע, איינגעוועבטע אין געוואַנט פון לעבן,
אויפגעוואַכט פון שלאָף ווי שמשון, רייסן די געוועבן.

און אַ קליין יינגל וועט זיי פירן

דער העכסטער בוים איז ניט דער ערשטער וואָס דערזעט, —
דער העכסטער בוים באַגעגנט פרילינג שפּעט.

דאָס נידעריקע גרעזל,
מיט ערד נאָך צוגעדעקט,
דערשמעקט
דעם ערשטן פרילינג-ווינטל
און שטעקט אַרויס אַ שאַרף און לענגלעך נעזל
און ציט נאָך זיך זיין גרין געזינדל:
— קומט, קינדערלעך, באַגריסן
דעם פעטער ניסן.

און באַלד
פון אַלע ביימער אינעם וואַלד,
וואָס שטייען פרעמדלעך,
דאָס קוסטל, וואָס איז אויך
ניט הויך,
צעוויקלט בלעטעלעך ווי פענדלעך,
באַגעגנט פרילינג פאָכענדיק אַזוי
און טרינקט צו אים לחיים — טוי
פון בלימלס בעכער.

און אויך די ווערבע, וואָס איז העכער,
נאָר איז געבויגן
און בלינד פון וויינען אין געפאַלנקייט,
דערזעט מיט סגי-נהור-אויגן
דעם פרילינג אין דער גרויער קוואַליקייט
פון טייך פאַרשלייערטן אין נעפּלדיקע טרוימען
און נעמט אים אויף מיט פרייד
אין פראַסטן גרינעם ציצנקלייד,
מיט שפּיצן אָבער ביי די זוימען.

נאָר ניט אַזוי דער דעמב —
ער שטייט נאָך נאַקעט ווי געשטאַנען.
דער מעכטיקער איז טעמפּ,
די שוואַכע און די קליינע שפּירן.
ווי וויל דער נביא האָט פאַרשטאַנען —
„און אַ קליין יינגל וועט זיי פירן".

ווי גוט איז צו גרינען

איך זיץ אין פּאַרק, באַגריס דעם פרילינג.
דערפרייידטע מיט דער שמחה פון דערפילונג,
די ביימער גרינען מיט אַ ציטער,
ווי איך אַמאָל, אַן אָרעם קינד,
פלעג שפּרינגען ווי אַן אינד,
ווען איך האָב זיך דערוואַרט אויף אַ גאַרניטער.
און דאָרשטיק נאָך דעם רעגנס דוש
און נאָך דער זונס אַ קוש,
די בלעטער צאַפּלען זיך ווי פישלעך,
בשעת אין וואַסער וואַרפט מען קרישלעך.
און נייע בלעטער גרינלעך-געלבע
און ווייכינקע ווי ענטעלעך אין פּליוש
פאַר דיינע אויגן פון זיך זעלבע
פון קנאָספּן פּיקן זיך אַרויס
און וואַקסן ווי אויף הייוון אויס.

און ס'קומט מיר אויפן זינען:
— ווי גוט עס איז צו גרינען!
נאָר איך דערמאָן זיך מיט באַדויער —
ווי קורץ עס איז דעם זומערס דויער.

און מיט די אויגן, פול מיט קנאה,
די סאָסנע זוך איך אָפּ —
אָט זי איז אַלעמאָל אַ גרינע!
איך קוק זי אָן און שאָקל מיטן קאָפּ —
איר גרינקייט איז איינטאָניק,
פאַרשטויבט און שטעכיק,
און ס'איז איר זאַטקייט פּעכיק —
עס קאַפּעט ניט פון איר קיין האָניק.

גאָלד

„דאָס ערשטע גרין איז גאָלד.
„גאָלד בלייבט ניט ווי געמאָלט.
„דער ערשטער בלאַט איז צוויט,
„וואָס נאָר אַ ווײַלע בליט.
„אין בלאַט גייט בלעטעל איַין.
„אַזוי אין פּיַין אַריַין
„דער עדן איז אַרונטער.
„אַזוי דעם אויפגאַנגס וווּנדער
„פֿאַרגייט אין טאָג פֿון טעג.
„גאָלד היט ניט זיַין פֿאַרמעג".

אַזוי זאָגט ראָבערט פֿראָסט.
דאָס גאָלד מיט גרינעם ראָסט
זאָל ווערן גינגאָלד ווידער,
זאָג איך, דער איבערשמידער:

— דאָס ערשטע גרין איז גאָלד.
מיט גאָלד צוריק באַצאָלט
אין האַרבסט דער בלאַט, די זאַנג.
עס ווידערט אין פֿאַרגאַנג
דער גאָלדענער באַגינען.
קאָן זיַין, אַזוי געפֿינען
צום סוף פֿון טעג, צוריק
וועט אָדם נאָך זיַין גליק.

גאָלד און בליי

די כוואַליעס ברויזן ברודיק,
מיט דאַמף דער נעפּל פּאַכט,
דער ים איז גרוי און זודיק —
אַ טיגל בליי וואָס קאָכט.

אַ טיגל בליי? — ניט אמת.
עס טוט די זון אַ שטראַל
און גינגאָלד ווערט אַלכעמיש
דער בלייענער מעטאַל.

איך פּרוּוו ניט זיין ראַיעלקייט,
ס'אַן אוצר סיוויסיי, —
אויב ס'גאָלד איז בלויז אַ העלקייט,
איז בלויז אַ שאָטן ס'בליי.

אַן ריווח און אַן שאָדן,
דער קרן אַלץ איז דאָ —
דער ים אין ליכט צי שאָטן
מיט פּערל אויפן דנאָ.

דער מאַן פון גייסט

(ה. רויזנבלאַט)

די קורצע יאָרן גייען גיך,
נאָר גיכער פון די יאָרן שפּרייזט
מיט זיבן-מײלנדיקע שיך
דער מאַן פון דמיון-רייכן גייסט —

דער אָפּגרונט גיט זיך אַ צעשפּאַלט,
די ווייט גענעענט מיט אַ שפּרונג. —
ער איז פאַרפרי פון חכמה אַלט
און אויף דער עלטער איז ער יונג.

ער שפּאַנט אַריבער אָרט און צייט,
ווי איבער דרענגלעך פון אַ פּלויט,
און אויפן וועג צו אייביקייט
ער שפּאַנט אַריבער אויך דעם טויט.

מתן־בסתר

— תתחדש דיר, בוים, איך באַגרייף,
דו ביסט אין קיין קלייד נים געבוירן —
דיין הויט איז צעקאַרטשעט און שטייף,
די קעלט האָט אין איר זיך פאַרפרוירן.

תתחדש דיר, בוים, ביסט אַ פּראַנט
אין בגד פון בלעטער און בלומען, —
מיט וועמעס באַהילפיקער האַנט?
זאָג, ווער איז דער מלביש־ערומים?

דערצייל. זאָל אַ מויל צו אַ מויל
זיין שם ווי אַ בשורה צעקלינגען,
אַז דער, וואָס איז נאַקעט און הויל,
צו אים זאָל בטחונדיק זינגען. —

דער בוים גיט אַ שטאַמל — אַ שאָרך,
ער שטאַמלט און טאַמלט — וואָס וויים ער?
נאָר איך אין זיין שטאַמלעניש האָרך:
— נים פרעג, ס'איז אַ מתן־בסתר. —

— יאָ, אמתער גנאָד אין געהיים.
מען קאָן דעם בעל־צדקה נים כאַפּן;
מען ווייסט נים זיין נאָמען, זיין היים,
זיין טיר, ווו אַ נצרך זאָל קלאַפּן.

אַ גנאָד, וואָס פון פליכטן אַנטרינט,
אַ סתירה, דעריבער בסתר. —
דער בוים נעמט זיך וואַקלען אין ווינט,
זיך וואַקלען און מורמלען, — צי ווייס ער?

דער הונגעריקער שפּייזער

אַ מענטש האָט אין פּאַרק געבראָכן ברויט
מיט פינגער געפרוירענע בלויע,
איז צוגעפלויגן אַ ברודער אין נויט —
אַ שפּערל מיט פעדערלעך גרויע.

צוויי גרויע נפשות, מיט איין אונטערשייד: —
דעם מענטשן, דעם אָרעמען קערל
געוואָרעמט האָט ניט דאָס לייכטע קלייד
ווי די לייכטע פעדערן — דעם שפּערל.

דער מענטש האָט געצוקט, געקייט און געצוקט,
דער פראָסט האָט גענעפּלט זיין אָטעם;
דער שפּערל האָט אים אין מויל געקוקט,
איז ניט אָפּ פון אים אַזוי ווי זיין שאָטן.

עס האָט זיך געקרישלט דאָס ברויט דאָס פאַרדאַרטס,
ס׳איז עפּעס געפאַלן צום באָדן,
האָט אונטערגעלעגט זיך אויף דאָס האַרץ
דער שפּערל — מיט די ברעקלעך שאָדן.

דערוואָרעמט פון שפּייז, האָט דער מענטש אַליין
דעם שפּערל געוואָרפן שיריים;
זיין מויל האָט געשמייכלט צו עפּעס אַ מיין,
אין בליק האָט געפינקלט אַ רעיון.

— אַ לויב דעם דלפן, אַ שאַנד דעם גביר, —
געזאָגט האָט דער מענטש וואָס איז אָרעם:
אַ גביר אַז ער עסט, פאַרהאַקט ער די טיר,
באַהאַלט זיך בחדרי־חדרים.

ניט קלאַפּט אין זיין טיר, דער נגיד איז קאַרג,
ער טיילט ניט זיין סעודה מיט קיינעם.
אָבער אַ שלעפּער עסט אין אַ פּאַרק,
עסט אויך אַ פויגל אין איינעם.

די אַרויסגעשטעקטע צונג

צווישן תּליות און תּליות — אַ וואַלד,
האָט אַ מענטש, שטאָט צו וויינען און שרייען,
גאָר מיט שפּאָט זיך געשטעלט קעגן גוואַלד:
— קאָנסט מיך הענגען, נאָר כ׳לאַך פון דיר, קין.

האָט דער קאַט נאָך אַ תּליה געמאַכט:
— אַ געהאַנגענער וועסטו ניט לאַכן.
נאָר דער מענטש האָט פון תּליון געלאַכט:
— טויטערהייט וועל איך שפּאָט פון דיר מאַכן.

האָט דער מערדער דעם שלייף אויפן האַלדז
פון האַרטנעקיקן מורד פאַרצויגן,
אָבער שפּעטן ניט אויפגעהערט אַלץ
האָבן יענעמס לצנישע אויגן.

און בשעת פון דער ערד מיט אַ שווונג
האָט די שטריק אַ ריס אָפּ אים געגעבן,
אַרויסגעשטעקט האָט ער די צונג,
זיך גערייצט טויטערהייט ווי ביים לעבן.

און געזען האָט דער קאַט ווי ער שפּעט
און פון שפּאָט ניט געקאָנט זיך באַפרייען,
און געהערט ביי זיין טיש און אין בעט:
— קאָנסט מיך הענגען, נאָר כ׳לאַך פון דיר, קין.

אין שפּיגל

איך קוק אויף מיין אַלטן פּאָרטרעט
און קוק אויף מיין פּנים אין שפּיגל, —
די צייט האָט אַן אָנגעגליט זיגל
און בראַנדמאַרקט אַזוי אַז מען זעט.

פאַרוואָר, ס'וועט דאָס אויג ניט פאַרבייטן, —
דער יונג אויפן בילד איז ניט איך,
כאָטש עפּעס דערמאָנט ער אַ שטריך
פון מיינעם אַ קרוב אַ ווייטן.

דאָס בילד איז געמאַכט צום געדענקען.
כ'געדענק ניט וואָס איך האָב געפילט
ביים נעמען דאָס דאָזיקע בילד
מיין „אייביקער" ליבסטער צו שענקען.

ווו ביסטו, פאַרליבטער? — ניטאָ.
און איך בין פאַראַן. איז דאָס מעגלעך?
מיר דאַכט, אַז מיר שטאַרבן טאָג-טעגלעך
און אַרבן זיך זעלבסט יעדע שעה.

מיר אַרבן זיך זעלבסט — אונדזער זכר,
דער זכר געדענקט זיך ניט לאַנג.
מיר בייטן די הויט ווי אַ שלאַנג,
נאָר ווערן נאָך האַרטער, ניט ווייכער.

אַ מענטש איז אַ פאָלק

אַ מענטש צו אַ פאָלק איז געגליכן,
אַן אומה פון דורות און דורות, —
פון וויפיל געשטאָרבענע „איכן"
דער היינטיקער „איך" איז אַ יורש?

מיר שטאַרבן און אַרבן זיך שטענדיק,
דער יורש איז עלטער פון טויטן.
נשמה־ליכט ברענען ניט בלענדיק
און אויסגעברענט ווערן די קנויטן.

די יורשים פאַרגעסן די מתים,
זיי קאָנען זיך גאַרניט דערמאָנען
ווי האָבן זיי דאָרטן געהייסן,
ווי אויסגעזען האָט זייער פנים.

אַ דור נאָך אַ דור אויף אַ ווײַלע,
דער עיקר איז קיום־האומה.
אַ דור, ער זאָל זיין אין דער מעלה,
דאַרף מאַכן אַ גרויסע מהומה.

נאָר תמיד געדענקט דער זכרון
מיט אַכפּערונג און מיט קדושה
די אָבות — די קינדערשע יאָרן,
די אַלעמאַל־נייע ירושה.

צו טוביהס בר־מצוה

ווי לאַנג צוריק אַז דו האָסט זיך געשפּילט אין זעמדלעך
און זיך צו מיר געלאַשטשעט ווי צום ברעג דער טייך
און אַט, בר־מצוה־בחור, ביסטו באַלד שוין גלייך
מיט מיר אין וווּקס און האַלטסט זיך מעשה־גרויסער פרעמדלעך.
כאַטש נעם און אירץ דיך. זאָג איך: אַ געזונט אין אייך,
זענט איר דאָס קינד אין הייזקעס מיט די אַקסל־בענדלעך?
צו מעסטן אייך מיט גאָלד און וועגן אייך מיט רענדלעך,
ווי ציונס קינדער, בין איך ניט אַזויפיל רייך.

נאָר וואָס מיט גאָלד איז גלייך, דאָס וועל איך אויך ניט מעסטן
מיט פּראָסטן קופּער, נאָר מיט דעם וואָס כ׳שמעלץ צום בעסטן —
דאָס גינגאָלד פונעם וואָרט, געלייטערט אין אַ ליד.
איך מעסט מיט דרייצן סטראָפעס דיינע יאָרן, ליבער,
און כ׳גיב אַ סטראָפּע צו, ווייל ס׳גייט מיין פרייד אַריבער,
וואָס דו ביסט ערנצט — אַן אחריותדיקער ייִד.

ווי גייער אויף בערג

ווי גייער אויף בערג, מיט אַ שטריק צוגעקניפּטע,
אַזוי צוגענאָפּלט מיר זיינען, געליבטע,
אַזוי צוגעבונדן, אין שרעק פאַרן אָפּבונד,
מיר הענגען און וויגן זיך איבער אַן אָפּגרונט.

מיר וויגן זיך, וועגן זיך ווי אויף משקולות,
און דער, וואָס וועגט איבער אין ליבע, וויל שרייען, —
וואָס טיפער די ליבע, אַלץ גרעסער דער גרויל איז,
דער צווייטער, חלילה, זאָל זיך ניט באַפרייען.

ניט ציטער, געליבטע, ניט פּרוּוו דעם געפּרוּווטן —
ווי שטאַרק ס׳איז מיין ליבע, ווי זיכער — מיין טרייהייט.
געבונדן, — איך הענג אויף אַ שטריק אין דער לופטן,
נאָר אַז איך צעריים זי, איז אומקום מיין פרייהייט.

צער פון וויסן

דו האָסט מיך ליב, נאָר ווי די אויגן
פון זען די זיקנה אויסגעצויגן
אויף דיין געזיכט וואָס איז צעקנייטשט.
דיין ליבע רייצט ניט, נאָר צערייצט.

אַזוי נאָר טראַכט איך, זאָג ניט אָפן —
פאַר ליבשאַפט קאָן איך ניט באַשטראָפן,
נאָר אָסור, אויב מיר וואָלט געשאַט,
ווען דו וואָלסט מיך גאָר פיינט געהאַט.

וואָלסט מיר פאַרשפּאָרט דעם צער פון וויסן,
אַז מיר פאַראַכטן און פאַרמיאוסן
דאָס האַרץ, וואָס אויף דער עלטער גלוסט,
פיל מער ווי די צעקנייטשטע ברוסט.

יואָלסט מיר פאַרשפּאָרט דעם צער פון וויסן,
אַז ניט געקושט און ניט געביסן,
איז מער פאַרקלעמט דאָס אַלטע לײַב
ווי יונגלײַב — פון אַן אכזרס קנײַפּ.

וואָלסט מיר פאַרשפּאָרט דעם צער פון וויסן,
אַז ליבשאַפט קומט ניט פון געוויסן,
אַז ריין פון תאווהדיקן חוש,
פאַרגוואַלטיקט זיך דער ריינסטער קוש.

קעציש

ווי ס׳וואָלט זיך אָנגעלענט
אַ קעצל מיטן רוקן,
אַזוי האָסטו געגענט,
איך זאָל דיך ניט פאַרקוקן.

איך טו אויף דיר אַ קוק —
דיין מויל קרימט אויס אַ שמייכל
און יאָמערט אויס אַ מיוק:
— פאַרדאָן, מאָסיע, זייט מוחל.

— אַ קעצל מיט טאַלאַנט,
ס׳קלינגט אויפריכטיק דיין יאָמער.
איז אפשר דיר באַקאַנט
דער עלנט פון אַ תמר?

צו וואָס זשע דער פאַרדאָן?
כ׳בין זכות אויף דיר מלמד.
און כ׳נעם דיין לאַפּקע אָן —
דיין קליינע האַנט פון סאַמעט.

זי לאַסטשעט זיך מיט חן,
אוי, מיר פאַר אירע ביינדלעך!
דאָס איז אַ קאַץ אַליין
מיט אַלע קאַצן־הנדלעך:

דאָס פינגערל שטרעקט אויס
אַ „העלדזועלע״, ווען כ׳גלעט עס.
דעם קאַטיק פעלט נאָך בלויז
אַז מורקען זאָל ער קעציש.

די דלאָניע מאַכט זיך אויף,
גיט איבער זיך צום צערטל,
ווי מיטן בויך אַרויף,
אַ קאַץ די פיס צעפערטלט.

איך צערטל, און אַ לץ
מיר לאַכט אין פּנים לציש:
— פון שפּילן זיך מיט קעץ
איז דיין זכרון קעציש.

איך קיצל: — קיץ-קיץ-קאַץ,
און זיך אין נחת פרעגל.
און ער: — געדענק דעם קראַץ
פון איינגעהילטע נעגל.

איך גלעט מיין קעצל אַלץ,
דעם לץ וואָלט איך דערוואָרגן —
ער וועט נאָך שיטן זאַלץ
אויף מיינע וווּנדן — מאָרגן.

תמוז אין אָדר

די זון אין אָדר ווי אין תמוז פלאַקערט.
אַ פּאַרק מיטביימער און איך זוך אַ שאָטן —
די צווייגן זיינען נאָך סקעלעטיש-נאַקעט,
ווי אָן אַן איבערצייג אַ שירעמס דראָטן.

און איך אין מיינע וואַרעמע בגדים
(ווער האָט געקאָנט זיך ריכטן שוין אויף היצן?),
ווי אין די קליידער וואָלט איך זיך געבאָדן,
אַזוי בין איך פּיטש-נאַס פון בלויזן שוויצן.

גוט-זומער, וועוועריקלעך אין פולן פוטער!
אויך איר האָט ניט געטוישט נאָך די מלבושים.
אַ שפּיצל אָפּגעטאָן האָט אַ ניט-גוטער,
צעמישט דעם לוח מיר, און אייך — די חושים.

מיין גאנג

זיידוואָרעם, חבר

אַ זיידוואָרעם, חבר,
איך פּויזע און גאַווער
פון איבל וואָס כ׳קריך,
נאָר כ׳צי מיט אמונה
אַ זיידענע סטרונע
פון שליימיקן „איך".

ווערט זיסע נגינה
פון איבל און סלינע
און גאַליקן שוים;
די טענער פאַרוועבן
מיין ווערעמדיק לעבן
אין זיידענעם טרוים.

געוויקלט אין ניגון,
אין ניגון ניט־היגן,
דערפיל איך אַ ברי
און כ׳פּאַכע מיט פליגל.
ביסט, ניגון, מיין שפּיגל,
וואָס ווייזט אַז איך פלי.

געוויקלט אין ניגון,
די וואָר אין אַ ליגן,
דער טרוים איז די וואָר.
דעם טרוים וועלן וויקלען
אין זיידענע ציקלען
אַ דור נאָך אַ דור.

מיין גאַנג

דעם רייצטאַנץ פון די זיבן שלייערן
קאַקעטיש טאַנצט ניט מיין געזאַנג
און ניט ווי אויף אַ שטריק אַ גייערין
איז מיין אוממיטלבאַרער גאַנג.

אַ ליריש ליד מיינס, לאָז דערפילן זיך,
זינג אָפנהאַרציק, פרעמד ניט בלייב,
ווי ס'ווייסט ניט ווענום פון פאַרהילן זיך
און ס'רוט אַ צניעות אויף איר לײַב.

אַ דאַנק מיין מום

מיין טאַטע האָט בריוו געגראַמט אין אַ טאָג אַ שיינעם ;
אין בייזער שעה, מיט זאָרג אַ פולע ווי דער ים,
מיין גוטע מאַמע האָט געשאָלטן זיך צום גראַם,
און איך האָב פרי, נאָך מיט אַ ווערטערשאַץ אַ קליינעם,
אויף זויגלינג-לשון שוין געגראַמלט „מאַם" מיט „האַם".
און צוויי יאָר אַלט, אַן אָפּגעבריטער ביים אַנטוויינען,
האָב איך דעם פעפער מיט אַ נייעם גראַם אין איינעם
אַראָפּגעשפּיגן פון מיין ביטער צינגל: — סם !

נאָר ניט דערפאַר בין איך געוואָרן אַ פּאָעט.
ווען איך האָב פּראָזע גלייך ווי אַלע שוין גערעדט,
האָב איך געשטאַמלט, כ'פלעג פאַרהאַקן זיך אין מיטן.
נאָר מאָדנע — ווען איך האָב געזונגען, האָט דער ריטעם
באַפרייט דאָס וואָרט פון צונג. איך שטאַמל איצט שוין ניט,
נאָר ס'איז מיר אַלץ נאָך גרינגער אויסזינגען אַ ליד.

אַן אויוון אָן אַ הויז

מיר דאַכט זיך אוים אַמאָל,
ווען כ׳הער ניט פון מײַן ליד קײן ווידערקול,
דאָך זינג איך ווײַטער אין אַ בלויז, —
מיר דאַכט זיך דעמאָלט אוים,
אַז כ׳בין אַן אויוון אָן אַ הויז.

ס׳איז פלוצעם מיטן רויך
אַוועק דער דאָך, די ווענט,
נאָר זע — עס ברענט
אין אויוון איצטער אויך.
דער אויוון היט
די וואַרעמקייט אין זײַנע ציגל,
כאָטש ס׳דאַרף זי ניט
דער אַש פון בעט און וויגל.

אין חלל

מיט אונדזער גאַט פון ליכט אַ בונד פאַרשניטן,
מיר זוניקן, נאָר האָבן מיר פּלאַנעטן?
פון זײערע פאַרהילטע סילועטן
צו אונדזער האָרץ דעם פײַערלעך־צעגליטן
קײן אָפּשײַן קומט ניט אים גוט־יום־טוב ביטן.
זײ ציִען זיך צו אַנדערע מאַגנעטן...
זאָל מעגלעך זײַן, אַז פאָר אַ בלינדער געטין
איז דער נר־תמיד, וואָס אַזוי מיר היטן?

נאָר ס׳דרעמלט ניט דער היטער פון די היטער,
אַז ניט פאַרגײַן זאָל אויף זײַן וועג דעם ווײַטן
דאָס ליכט — אַפילו פון אַ טויטן שטערן.
נאָך אויפגײַן וועט אין שפּיגל פון געמיטער
אויף אונדזער שײַן מיט שימער מיט באַנײַטן —
אַפילו ס׳זאָל יאָרהונדערטער געוווערן.

אַ זינגער און אַ זאָגער

איך בין אַ זינגער און אַ זאָגער,
איך האָב צו זינגען פיל,
נאָר שפּילפויגל איז בלויז מיין שוואָגער,
מיין שטיפשוועסטער — די שפּיל.

איך בין אַ זאָגער און אַ זינגער —
אין אָנהויב איז דער זאָג.
מיך דיריגירט גאָטס פייער־פינגער —
דער שטראַל פון ערשטן טאָג.

איך בין אַ זאָגער — כ׳זאָג בקיצור,
קיין רעדנער בין איך ניט, —
געציילטע ווערטער שרייבט דער קריצער,
נאָר ס׳בלייבט שוין אין גראַניט.

איך בין אַ לאַכער און אַ קלאָגער —
איך לאַך פון זיך אַליין
אַזוי ווי שרה, נאָר מיט הגר
אין איינעם כ׳לייד און וויין.

און ווען מיין אומה מאָרדעט קין,
איך בין דעם בלוטס געשריי.
זאָל גרילצן דיר, עסטעט, מיין שרייען,
ווי מיר — דער ווינד און ווייי.

קראַנק

אויף פּערל קרענקט דער פּערל-אויסטער,
כ׳בין אויסטערליש אויף שיינקייט קראַנק.
נאָר ס׳איז די שיינקייט אָן געדאַנק,
ווי גײַסט, וואָס ניט מיט שיינקייט הויזט ער.

מיין קרענק אויף שיינקייט צו פאַרדאַנקען
איך מוז נאָך ווערן גײַסטיק-קראַנק
צו פאָרן שיינקייט מיט געדאַנק.
נאָר ווויל איז מיר דעם טאָפּלט-קראַנקען.

אָ זאָל נאָר גאָט מיר כוחות שענקען
און שענקען שיינקייט און געדאַנק,
אַז איך זאָל זיין אויף ביידע קראַנק,
און כ׳בין אויף אייביק גרייט צו קרענקען.

דער פּערל-טויכער

דער טויכער באַצאָלט פאַר די פּערל אַ סך —
מיט בלוט פון די נאָזפליגלען וואַשט זיך דער טויכער.
צו שפּרייזן אין תהום, מיטן קאָפּ אויף דער פלאַך,
איז קיינער פון מענטשן נאָך ניט אַזאַ הויכער.

אין תהום אַריין טויכט מען אַראָפּ מיטן קאָפּ,
מיט לונגען אָן אָטעם, מיט זאַלץ אין די אויגן,
מיט פּעך אויפן לײַב, ווען דער מאָנסטער אָקטאָפּ
צו אים נעמט זיך קלעפּן, דאָס חיות צו זייגן.

און אָפט איז די מוטער, וואָס פּערל געבערט,
אַ צוגעמאַכט קעסטל, וואָס היט ניט קיין צירונג.
די פּערל מאָנט אײַן ביי דעם טויכער איר ווערט —
טויך ווידער און ווידער, לויף נאָך אַ פאַרפירונג.

און ווייזט זיך אַ פּערל ווי ווענוס ביים ברעג,
איז גליקלעך דער טויכער, ער טראָגט זי צו שאַצן.
אַ מבין, ביים שאַצן דעם טויכערס פאַרמעג,
פאַרגעס ניט דאָס בלוט פון די לונגען וואָס פּלאַצן.

פינטעלעך

דער בורא־עולם האָט זיין פען אין ליכט געטונקען,
געשטערנט פינטעלעך, בלויז פינטעלעך געשריבן.
האָט גאָט, מיט ליכט זיך בלויז צו רייצן, אויסגעקליבן
דאָס פינטלדיקע כתב, די פינקלדיקע ווונקען?
גאָטס לייענער האָט פון זיין אויג דעם שלאָף געטריבן,
געלייענט, ביז ער איז אין טויטשלאָף איינגעזונקען,
נאָר כאָטש פאַרשטאַנען גאָרניט, האָט זיין אויג געטרונקען
די שיינקייט פון גאָטס כתב, וואָס ווערט ניט אָפּגעריבן.

פּאָעט! אַפילו ווען דו וואָלסט מיט דימענטן געפינטלט,
געפינקלט, אָבער ניט באַלויכטן וואָס איז טונקל, —
נאָך גאָטס מיסטעריע — ווער דאַרף דיין קונקל־מונקל?
נאָר דו האָסט גאָר אויף ווייסן פינטעלעך געטינטלט,
און גאָט האָט ווייס אויף שוואַרץ געשטערנט, ליכט זאָל ווערן.
אויך זיין ניט־קלאָרער מילכוועג איז טומאַן פון שטערן.

דו און זיי

זיי לערנען זיך פון דיר — צו זיין פאַרבאָרגן,
ווי ס׳וואָלט געווען דעם שעפערס ערשטע פליכט,
נאָר דו האָסט גאָר צוערשט באַשאַפן ליכט
צו אונטערשיידן אָוונט פון פרימאָרגן.
דערנאָך ערשט, דיין עשירות אויסצובאָרגן,
האָסט דו דאָס ליכט מיט בילדער אויפגעריכט
און אויפגעלייזט באַשיידן דיין געזיכט,
דיין שאַפונג מיט אַ פנים צו פאַרזאָרגן.

נאָר דיינע פעלשער — האָב ניט קיין פאַראיבל —
דעם עגאָ וויקלען זיי, ווי זיין האָרץ — אַ ציבל,
אין זיבן צודעקן — אים צו מאַכן גרויס,
און ווי אין חושך — פון געהילץ דער שימל,
זיי פינקלען דיר, להבדיל שייַן פון הימל,
נאָר ס׳מאַכט ניט, גאָט, דער אמת קומט אַרויס.

פּאָלעמיש

פּאָעטן ריידן שיינע רייד,
איך זוך אין שיינקייט אַ באַשייד;
פאַר זיי איז דער באַשייד טריף־פּסול,
פאַר מיר איז כשר אויך דער משל.

פּאָעטן ריידן פון אינטימקייט,
נאָר הילן זיך אין אומבאַשטימטקייט;
איך אויף אַן אמת בין אינטים
און רעד ניט מיט אַ שטומער שטים.

פּאָעטן דאַרפן ניט קיין טעמעס,
פאַר זיי דער ניגון איז דער אמת,
פאַר מיר דער אמת איז דאָס ליד —
געמיט און גײַסט איז איינס ביים ייִד*.

פּאָעטן, זינגט אייך אויבנאויפיק
צום טאַקט פון אָטעם און פון דופק
און רעדט פון שלאָף אָן קיין באַשייד,
נאָר איך וועל זינגען וואַכרהייט.

אַ פראַגע

איך פרעג: פאַרוואָס בין איך אַן אָפּגעשיידטער,
אַז כ׳בין ניט גרויס ביי זיך, נאָר דווקא קליין
און ס׳קלעטערט ניט מיין עלנט אויפן לייטער
צום שטאָלצן טורעמל פון עלפאַנטביין?

עס בוקט זיך ניט צו מיר קיין גארב, קיין שטערן
און ס׳צערטלט ניט מיין לײַב קיין זײַדן העמד;
קיין פרינץ ווי יוסף וויל איך גאָרניט ווערן —
פאַרוואָס זשע בין איך אָפּגעשיידט און פרעמד?

---

* פאַר ביידע באַגריפן איז אויף לשון־קודש איין וואָרט — רוח.

לקראת נחשים

ווער ס׳האָט פאַרזוכט דעם סם פון לידער,
וועט ווי אַ שיכור דאַרשטן ווידער.
דיין זיסער סם איז אויסגעגאָסן,
דו גייסט ווי בלעם קעגן שלאַנגען.

דו קאָנסט ניט בענטשן, ווערסטו שילטן
(ס׳איז בלק גרייט דיך אָפּצוגילטן),
און לאָזט פּעגאַס אויף זיך ניט רייטן,
אים אויף אָן אייזל ווערסטו בייטן.

נאָר ס׳וויל קיין אייזל אויך ניט טראָגן
דעם חוזה, וואָס איז בלינד־געשלאָגן
און זעט קיין מלאך ניט אַנטקעגן,
וואָס שטייט אין וועג אויף קרומע וועגן.

אומזיסט דאָס אייזעלע צו שמייסן,
דו ביסט אויף זיך אַליין אַ כעסן;
גאָר זיך אַליין האָסטו דו געשמיסן —
דאָס אייזעלע איז דיין געוויסן.

גאָט דיריגירט מיט אַלע זינגער,
ער וועט באַווייזן דיר זיין פינגער
און דעמאָלט וועסטו טרינקען ווידער
דעם זיסן סם פון עכטע לידער.

די ליכטיקע וועלט ניט פאַרשמיר

איך פאַרב מיט אַ ברוינעם קאָליר אין אַ הויז
די סטעליע, די ווענט און ס׳געהילץ.
די פאַרב איז אַ כמאַרע, די באַרשט שפּרייט זי אויס.
מיך שווידערט די פאַרב ווי אַ גרילץ.

— קום, פאַרבמישער, קוק אויף דעם חושך אין אייל.
גאָטס חסד פון ליכט איז פאַרשוועכט.
— וואָס אַרט דיך? דער קונד איז אַ קראָט אין אַ הייל.
איך שמיר, נאָר איך פיל ס׳איז ניט רעכט.

איך האַלט שוין ביים פענצטער. אין דרויסן דער שניי
פאַרבט איבער די גרויקייט אויף ווייס.
די גרייזגרויע וועלט ווערט אַ נייע. איך שטיי
און גאַף אויף דער וועלט איבערנייס.

און ס׳גאַפט אויך אַ פויגל אין ליכטיקן טרוים,
אין פוכיקער הענגבעט פון שניי.
נאָר ווי ער דערזעט מיך, פאַרשווינדט ער פון בוים
און ס׳בלייבט זיין דערשראָקן געשריי.

פון בוים פאַלט דער שניי; פון מיין באַרשט רינט אַראָפּ,
ווי מאָרדבלוט, דער ברוינער קאָליר.
דעם פויגלס געשריי אין מיין הארצן קלינגט אָפּ:
— די ליכטיקע וועלט ניט פאַרשמיר!

בלעטערפאל

1960

ווייל איז מיר אין קליינקייט

סאַנעטן־קראַנץ

1

אני הקטן, — ווייל איז מיר אין קליינקייט.
אַ גרויסער ווערן וויל אַ קינד און וויינט.
איך בין דערוואַקסן שוין צו זיין פאַרקליינט
און צו אַנטוויינט זיין פון אַ קינדס פאַרוויינטקייט.
ניט רייץ מיך, גייסט פון גרויסקייט און געקרענקטקייט,
כ'האָב שוין אַנטגרייסט זיך און מיין איך פאַרנייִנט,
אין אחדות מיטן רבים זיך פאַראייִנט
און אויסגעמישט זיך, מיט דער אַלגעמיינקייט.

אַ קליינער בראָכטייל פון אַ גאַנצקייט בין איך,
פאַרליר איך זיך, די גאַנצע וועלט געפין איך.
מיין ווייניקייט פילט ערגעץ אוים אַ בלויז.
כ'בין קליין, נאָר ניט קיין איבעריקער שפּליטער,
און ווייל כ'בין קליין, איז גאָט אַליין מיין היטער —
אַ קינד אין שוים פון טאַטן וואָס איז גרוים.

2

אַ קינד אין שויס פון טאַטן וואָס איז גרויס
איז אויפן טאַטן שטאָלץ, מער פון אַלע קינדער,
נאָר אַלע טאַטעס פון די הויזגעזינדער,
זיי זיינען קינדער פון מיין טאַטנס הויז.
איך קום פון שטאַמפּאַטער אַליין אַרויס,
כ׳בין חשוב, מעג איך זיין פון מינדסטן מינדער.
פאַרפליכט דער יחוס מיך: ניט זײַ קיין זינדער.
איך בין ניט ווערט אים, ווען כ׳בין הפקר-לויז.

מיין טאַטע האָט געבאָטן מיר געגעבן
כ׳זאָל הייליק לעבן — הייליק איז דאָס לעבן:
ניט מאָרד, ניט רויב, דאָס קאַלב פון גאָלד צעשטויס.
איך פאָלג מיין טאַטן, האָרך מיין גאָט דעם גרויסן,
וואָס לערנט מיך און איז מיין טובה אויסן,
אפילו ווען ער שמייסט מיך אויף זיין שויס.

3

אַפילו ווען ער שמייסט מיך אויף זיין שויס
און שטראָפט צוויי מאָל, ווייל ניט פאַר קיין פאַרברעכן,
און דרייפאַך איז מיין ווייטיק, ווייל עס שטעכן
נאָך אין די אויערן, וואָס הערן אויס
געניִיט, די רייד פון דעם אבי-אבות —
הטומאה, כ׳זאָל מיין הייליקטום פאַרשוועכן, —
אַפילו דעמאָלט וועל איך ניט צעברעכן
די לוחות, כ׳לאָז זיי ניט פון האַנט אַרויס.

אויב דאָס האָט גאָט אַזוי מיך אויסגעפּרוווט,
האָט ער זיך איבערצייגט, — זיין טאַטן רופט
דאָס קינד נאָך אַלץ אין תמימותדיקער ריינקייט.
צו ווען קום איך דען מיט מיין געוויין?
אויב כ׳משפט זיך מיט אים פאַר אים אַליין,
פאַרטרוי איך זיך גאָטס פאַטערלעכער שטרענגקייט.

4

פּאַרטרוי איך זיך גאָטס פּאַטערלעכער שטרענגקייט,
צו פֿרעגן אים זיך נעם איך אָן מיט מוט
פֿאַרוואָס אויף רשעות שטייט די ערד, ווו בלוט
טרינקט בלוט, און פֿלייש עסט פֿלייש, און ביין אַ ביין קײַט.
אַ וועמען בראַנדמאַרקן פֿאַר דער געמיינקייט?
די ווילדע חיה איז ניט שלעכט, ניט גוט.
פֿון גאָט באַשאַפֿן איז דער וואָלף אַ ברוט,
דער האָז — אַ פּחדן אין זיין גרויל־געליימטקייט.

דאָס בלוט פֿאַרגאָסענע זאַפּט אײַן די ערד.
די ערד איז ניט פֿאַרשאָלטן, גאָר פֿאַרקערט —
איז פֿעט ווי נאָכן מבולם אָפּגעשווענקטקייט.
ס'איז אפשר אין דעם גוואַלד פֿאַראַן אַ מיין,
נאָר ס'קאָן אַזוינס מיין מוח ניט פֿאַרשטיין.
איך דאַנק מיין גרויסן גאָט פֿאַר מיין באַשרענקטקייט.

5

איך דאַנק מיין גרויסן גאָט פֿאַר מיין באַשרענקטקייט —
אין תמימות מיינער גלייב איך נאָך און האָף,
אַז גאָט דער אומבאַשרענקטער, דער אין־סוף,
וועט בייטן די נאַטור אָן אָנגעשטרענגטקייט
און קומען וועט דעם נביאס אויסגעבענקטקייט:
אויף גראָז וועט פּאַשען זיך דער וואָלף ווי שאָף;
קיין לעבן וועט ניט ציטערן אין שלאָף,
ווייל קיינער וועט ניט רויבן גאָטס געשענקטקייט.

אין תמימות מיינער גלייב איך אַז ס'איז מעגלעך.
נאָך בויט דער גרויסער בוימייסטער טאָג־טעגלעך;
גאָט וווינט אין אַ געצעלט און בויט אַ הויז.
ער האַקט און בויט, כאָטש מיר איז אומפּטרשטענדלעך:
ביים האַקן פֿאַלן לעבנס, ניט קיין שפּענדלעך.
אין תמימות פֿרעג איך ווי אַ קינד: מה־זאת?

6

אין תמימות פרעג איך ווי אַ קינד: מה זאת?
דער שכל וויל די אויגן ניט פאַרבינדן,
דער צווייפל אָבער פירט אים ווי אַ בלינדן
און פון גן־עדן פירט ער אים אַרויס.
דער צווייפל גלייבט אין דעם, וואָס ער פּרוּווט אויס,
און לייקנט דאָס, וואָס לאָזט זיך ניט באַגרינדן:
— צו וואָס זיך הייליקן, ווען מיר פאַרשווינדן? —
ער שפּעט: — מיר ווערן קדושים אחרי־מות. —

נאָר אין אַ ספק וואַרף איך אויך דעם צווייפל:
— מיט טויט סומיר, נאָר אויף ירושה כּפל,
ווערט קרייז פאַרמאַכטער גאָר ספּיראַלער קרייז.
וואָס ער זאָל ווערן איז ביי דיר די דעה:
אַ זונהס לאָקן צי אַ חסידס פּאה.
כ׳ווייס גאָרניט, גיי איך גלייבנדיק פאָרויס.

7

כ׳ווייס גאָרניט, גיי איך גלייבנדיק פאָרויס.
צום קץ, ווען גוט וועט ווערן יעדער איינער,
בין איך זיך מכין שוין, כ׳ווער בעסער, ריינער, —
איך זאָג ניט אַז איך בין שוין גוט דורכויס,
נאָר כ׳טו ניט אָן אויף מיין געביין קיין שמוים,
אַראָפּגעשונדן פון אַ לעמלס ביינער.
וויי, וויי, דער שמוים פון מפּיל איז אַ שיינער,
טוט מענטש דער שעפּס אין בויך אַריין אַ שטויס.

כ׳האָב ליב די חיות. כ׳טייטש ניט וואָס כ׳האָב ליב.
און וואָלטן זיי געפעלט, כ׳וואָלט פון מיין ריפּ
באַשאַפן זיי פאַר מענטשנס איין־אַליינקייט.
כ׳האָב ליב די גוטע חיות, — גוט איז שיין,
דער שיינער טיגער אָבער איז געמיין.
כ׳פאַרשטיי ניט, וווּנדערט מיך אַזוי גאָטס שיינקייט.

8

כ׳פֿאַרשטיי ניט, וווּנדערט מיך אַזוי גאָטס שיינקייט.
כ׳וועל קיינמאָל שוין ניט ווערן אַזוי קלוג,
אַז כ׳זאָל אין אַלץ, וואָס פּשוט איז אין פֿלוג,
ניט זען דעם ווּנק פֿון עפּעס אַ געהיימקייט,
ניט זען דעם רייץ פֿון עפּעס אַ באַהאַלטקייט.
אויף וואָס צו גאַפֿן איז פֿאַראַן גענוג,
ס׳וועט קלעקן ביז מיין לעצטן אָטעמצוג
און ביז די אויגנס גלעזערנער פֿאַרשטיינטקייט.

אויף מיינע אויגן וועט מען לייגן שערבלעך
פֿאַר גלאָצן אויפֿן טויט פֿאַרוווּנדערט שטערבלעך,
פֿאַרגאַפֿט אויך פֿון פֿאַרגאַנג ווי פֿון באַגין.
איך וואָלט ניט וועלן אויף אַזויפֿיל וויסן,
אַז איך זאָל מער אין אַלץ ניט זען קיין נסים.
אַ לאָז מיך בלייבן, גאָט, אַזוי ווי כ׳בין.

9

אַ לאָז מיך בלייבן, גאָט, אַזוי ווי כ׳בין —
אַ ווינקלמענטש, וואָס זינגט זיך שטיל אַ לידל.
איך זינג לשמה, מיין ליד איז ניט קיין רידל,
עס איז די זאַלץ אין ברויט, וואָס איך פֿאַרדין.
פֿון לויב ניט פֿעט, איך גוידער ניט מיין קין;
פֿון שפּאָט ניט קראַנק, איך ענטפֿער ניט מיט זידל.
זאָל דוד שפּילן דיר די ערשטע פֿידל,
איך אייפֿער ניט ווי שאול, איך פֿאַרגין.

סיי־ווי, גאָט, כ׳פֿיל זיך היימישער אין ווינקל.
איך בין נאָך אַלץ אַ שעמעוודיקער ייִנגל,
און פֿאַר אַ קהל איז מיין קול צו דין.
נאָר דו דערהערסט שוין מיינע שטילע לידער.
איך שעם זיך פֿאַר מיין טאַטן ניט, כ׳ווער ווידער
אַ קינד, וואָס גאַפֿט און פֿרעגט, וואָס זוכט אַ זין.

10

אַ קינד, וואָס גאַפט און פרעגט, וואָס זוכט אַ זין —
אַ קינד אַזאַ בין איך צו ערב שישים *.
איך גאַף און פרעג נאָך אַלץ און וויל אַלץ וויסן,
כאָטש ווען די פרוכט פון עץ-הדעת איז גרין,
אויף צווייען שפּאַלט דאָס וויסן ווי אַ קלין
און ס׳ווערט אַ מענטש אויף הארץ און קאָפּ צעריסן.
נאָר גאַנץ ווי פריער מאַכט מיך מיין געוויסן,
וואָס מיין צעצווייטקייט ליַיט צונויף ווי צין.

איך קריג ניט קעגן גאָט מיט זיין געווער, —
ווער גיט מיר דען די חכמה, אויב ניט ער?
איך האָב סיי־ווי דעם פאַרהאַנג ניט צענומען,
בלויז אָנגעטאַפּט זיין צוגעקניפּטן ברעג.
איך שטיי נאָך אַלץ געפּלעפט און גאַף און פרעג.
איך גאַף אויף אַלץ: אויף דערנער ווי אויף בלומען.

11

איך גאַף אויף אַלץ: אויף דערנער ווי אויף בלומען.
אַ בלום איז שיין — אַ קונסטווערק פון גאָטס הענט,
נאָר משה האָט אין דאָרן גאָט דערקענט,
דעם דאָרן פאַר גאָטס וווּנדער אָנגענומען.
און פּרעכטיק איז אַ דימענטשטיין וואָס בלענדט,
נאָר אויף אַ פּראָסטן שטיין זיין קאָפּ דעם פרומען
האָט יעקב אונטערוועגנס אָנגעלענט
און גאָט צו חלום איז צו אים געקומען.

דאָס שיינע איז פאַר זיך אַליין אַ וווּנדער,
דאָס פּשוטע — אַ וווּנדער גאָר באַזונדער.
אָ גאָט, פאַררעכן מיר ניט פאַר קיין זינד,
ווען איך פאַרזע דיין וווּנדער וואָס אין שאָטן.
אין ליכט אַפילו זע איך ניט די פּרטים
מיט אויגן קינדישע, ערשט נעכטן בלינד.

---

* געשריבן אין 1954.

12

מיט אויגן קינדישע, ערשט נעכטן בלינד,
איך זע אַ וועלט פון וווּנדער און פון וווּנקען.
די וווּנדער צינדען אין די אויגן פונקען,
די וווּנקען בלאָזן־אויף דעם אונטערצינד.
און האָבן מיינע אויגן וואָס באַזינט,
פאַרלאָפן ווערן זיי, פון גליק באַטרונקען,
ווי אויפגעטויכטע ענטלעך, איינגעטונקען
אין קוועקזילבער פון וואַסער, וואָס אַנטרינט.

אַזויפיל גליק איז דאָ אין אויסגעפינען,
ווען הינטער זיבן שלייערן דער זינען
איז ווי אַ זיידוואָרעם אין קנויל פאַרשפינט.
כ׳ווער האָפערדיק, ווען איך דעק אויף אַ טפח,
און כ׳מיין שוין — אַלע רעטענישן טרעף איך.
כ׳בין טאַקע קליין, פאַרוואָר — דאָס לעצטע קינד.

13

כ׳בין טאַקע קליין, פאַרוואָר — דאָס לעצטע קינד,
אַ בן־זקונים בין איך ביי מיין טאַטן.
ער זאָרגט, מיר זאָל דאָס וויסן ניט פאַרשאַטן,
כאָטש נעם אַ טוך, די אויגן זיך פאַרבינד.
פאַרוואָר, אין ערשטן חטא איז לעצטע זינד:
דער מענטש איז מיט דעם נחש זיך מתחתן,
געבערט ער קינדער שלויע צו פאַרראַטן;
און פאָרכט ברענגט מאָרד פון טייוולשן דערפינד.

געדעכט, מיין גאָט, נאָר איך בין אויך גערעכט:
כדי צו וויסן וואָס איז גוט און שלעכט
פאַרזוכן מוז פון עץ־הדעת דער גומען.
ס׳וועט בלוטיקן דער קראַנקער מענטש אין קליניק,
נאָר, טאַטע, האָב געדולד מיט דיין מעזיניק, —
איך בין דער לעצטער אויף דער וועלט געקומען.

14

איך בין דער לעצטער אויף דער וועלט געקומען:
צוערשט געקומען איז דער פיש אין ים;
דערנאָך דער שרץ איז אַרויס פון שלאַם;
דער פויגל באַלד אין הימל איז געשוווּמען;
ווען ס׳האָט אויף מינים מיניען זיך גענומען
די חיה אויף דער ערד — פון לייב ביז לאַם,
ערשט דאַן האָט עץ־החיימס אַלטער שטאַם
אַרויסגעצווייגלט מיך, זיין בן־זקונים.

עס פּירט גאָט זיין מעזיניק ביי דער האַנט,
ווען וויסן מיט געוויסן גייט ביינאַנד
און שיינקייט פּעכלט מיט נשמה־ריינקייט.
ס׳וועט לערנען אויך די חיות וואָס איז גוט
דאָס יינגלעלע, וואָס פּירט זיי אָן אַ רוט —
אני הקטן, — ווייל איז מיר אין קליינקייט.

15

אני הקטן, — ווייל איז מיר אין קליינקייט,
אַ קינד אין שויס פון טאַטן וואָס איז גרויס.
אפילו ווען ער שמייסט מיך אויף זיין שויס,
פאַרטרוי איך זיך גאָטס פאָטערלעכער שטרענגקייט.

איך דאַנק מיין גרויסן גאָט פאַר מיין באַשרענקטקייט —
אין תמימות פרעג איך ווי אַ קינד: מה־זאת?
כ׳וויס גאָרניט, גיי איך גלייבנדיק פאַרויס;
כ׳פאַרשטיי ניט, וווּנדערט מיך אַזוי גאָטס שיינקייט.

אַ לאָז מיך בלייבן, גאָט, אַזוי ווי כ׳בין —
אַ קינד, וואָס גאַפט און פרעגט, וואָס זוכט אַ זין.
איך גאַף אויף אַלץ: אויף דערנער ווי אויף בלומען —
מיט אויגן קינדישע, ערשט נעכטן בלינד.
כ׳בין טאַקע קליין, פאַרוואָר — דאָס לעצטע קינד,
איך בין דער לעצטער אויף דער וועלט געקומען.

ביימער

לערנען זיך פון ביימער

ווי ביימער ציען זיך צו גאָט דעם פלאַנצער,
אַזוי וועל איך צו מיין באַשעפער שטייגן
און כ׳וועל זיך לערנען זיין אין בראָך אַ גאַנצער
פון ווינטער־ביימער מיט די וויסטע צווייגן.

פון די פאַרקאָרעטע, פון די פאַרגרעבטע
וועל איך זיך לערנען בליען צאַרט מיט לידער
און גלייך ווי זיי די יערלעך־אויפגעלעבטע
מיט יעדן פרילינג יונג צו ווערן ווידער.

מיט פרילינג און מיט ליד אַן אָנגעשפּילטער,
איך וועל אין זייער שמעקנדיקן שאָטן
פון ביימער לערנען זיך צו זיין אַ פילטער
און לייטערן דאָס לעבן מיט מיין אָטעם.

און כ׳וועל פון זיי זיך לערנען בלומיק וויאַלען
און וויסן ביים אָנטקרוינען פון די קראַנצן,
אַז ווען צו ווערן מיסט די בלעטער פאַלן,
אויך פאַלן זאָמען ביימער צו פאַרפלאַנצן.

באַוויַיז זיך, גאָט, אין בוים

באַווייַז זיך, גאָט, צו מיר אין בוים,
ווי אינעם דאָרנבוש צו משהן,
כ׳זאָל פֿאַר אַן עפּל צי אַ פֿלוים
דיך אויף דעם נחש ניט פֿאַרטוישן.

אַ גרינגע פֿאַנג איז פֿרוכט אין מויל,
און צוויט און בלאַט — אַ בונטער ליאַרעם.
דערשיין, גאָט, ווען דער בוים איז הויל,
דאָך ווינטערט ער. וואָס מאַכט אים וואַרעם?

ניט ווען דער בוים איז שטאַרק און שיין, —
פֿאַרוווּנדער, ווען ער איז פֿאַרקריפּלט.
ווען איין צווייַג טריקנט ווי אַ ביין,
אַ קנאָספּ דער אַנדערער צעקניפּלט.

דו האָסט אַמאָל דעם דאָרנבוש
דערהויבן איבער אַלע ביימער.
ניט אין דער שיין, וואָס כ׳זע בחוש, —
אַנטפּלעק זיך, גאָט, אין דער געהיימער.

סימני־נערות

ערשט נעכטן האָט דער בוים פֿאַראַיַזט
מיט שטייפֿע גלידער פֿון אַ גרייז
געסקריפּעט און געקרעכצט פֿאַרביטערט,
און היינט סימני־נערות ווייַזט
זיין קנאָספּן־אויסשיט אויף די ריטער
און מאָרגן בליט ער, רייסט די אויגן
און רייצט מיט ריחות פֿון גן־עדן
און בינען ווערן צוגעצויגן
און קומען אים אַ שידוך ריידן.

דער קאַקטוס־בוים

דער קאַקטוס-בוים מיט דערנער אַ באַקראַנצטער
טראָגט זיינע דערנער ווי אַ פּאַנצער
און קעגן זון, וואָס ברענט אָן גנאָד אים,
און שטורעמווינט, וואָס רייסט פון באָדן,
די הוילע צווייגן די צעקנאָדערטע
ווי מוסקולעסטע הענט געאָדערטע,
אי מיט אַרויסרוף, אי מיט גלויבן
זיי האַלט ער אויפגעהויבן.
אַ פעסטער און אַן איינגעשפּאַרטער,
ער שטייט, באַשטייט אין לויזן גרונט פון זאַמד
און כאָטש ער איז אַ האַרטער,
דאָך בליט ער מיט אַ בלום אַ צאַרטער
און זיינע פירות זיינען זיס-באַטעמט.

אַ בוים פון מדבר, ניט מיט אַלע שטריכן
בין איך צו דיר געגליכן —
כ׳בין ניט דיין קאָנקורענט,
נאָר ווען כ׳האָב דיך דערזען צום ערשטן מאָל,
בין איך געוואָרן שטאַרק נתפּעל —
אַ ברודער האָב איך באַלד דערקענט.

אַ קרבן עולה

דער בוים מיט בלעטער רויטלעך-געלבע
איז אויף אַ בראַנדאָפּפער אַ ווונק:
דער גאַנצער בוים ברענט פון-זיך-זעלבע,
ווי אָנגעצונדן פון גאָטס פונק,
און ס׳פלאַמט זיין שפּיץ — אַ פייערצונג.

ס׳האָט אָנגענומען גאָט די עולה
און אַלץ פאַרלענדן ווערט דער פלאַם,
בלויז איבערלאָזן שוואַרצע הוילע
ווי ביינער פון פאַרברענטן לאַם
די צווייגן אויף דעם וויסטן שטאַם.

אין תוך

איך גיי אַרום אין פּאַרק.
דיביימער זיינען שיין און שטאַרק,
נאָר אַז איך קוק זיי איינציקווייז אַרום,
איז יעדער איינער אַ בעל־מום.
איך גלייב ניט מיינע אויגן —
אַ קריפּל איז דער גיבור?
און נאָך אַמאָל די ביימער קוק איך איבער:
ביי איינעם איז דער שטאַם פאַרבויגן
אַזוי ווי אַ געליימטע קני —
אַ בוים אַ קרומער אין זיין בלי;
אַ ווייכן פוסביין האָט דער צווייטער —
אויף קוליעס שטייט ער;
אַ האַנט ביים דריטן אָפּגעבראָכן הענגט
און פריש איז נאָך דער איבערבראָך;
ביים פערטן איז אין אַקסל בלויז אַ לאָך
געבליבן פון געלענק;
דער פינפטער האָט אַ בליצבראַנד אויפן שטאַם;
דער זעקסטער — פון אַ האַק אַ שראַם;
אַ ווילדביין האָט דער זיבעטער — אַ הויקער;
ביים אַכטן איז דער שורש פונעם באָדן עוקר;
דער ניינטער ליגט שוין אויף אַ זייט, —
פון שטאַרבן אָבער איז נאָך ווייט;
דער צענטער איז אַן אָפּגעזעגטער קלאָץ,
נאָר פון זיין פּניאַק גייט אויף אַ נייער שפּראָץ...
הכלל, ניטאָ קיין גאַנצער בוים, און דאָך
איז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן
דאָס עדות־זאָגן פון די אויגן —
זיי זעען אויבנאויף דעם בראָך,
די גאַנצקייט אָבער איז אין תוך.

אַ לויבגעזאַנג דעם בוים אין ווינטער

איך זינג אַ לויבגעזאַנג דעם בוים אין ווינטער,
אין זומער זינגט אים שבחים יעדער איינער:
ווער ס'לויבט: מה נאה — זע, אַ בוים אַ שיינער;
ווער ס'דאַנקט, וואָס אין זיין שאָטן רו געפינט ער.
גאָר דעמאָלט, ווען דער בוים דער אָפּגעגרינטער
מיט וויסטע צווייגן, האַרט פון פראָסט ווי ביינער,
שטייט גולמדיק פאַרגליווערט ווי פאַרשטיינערט,
בענטש איך אים מיט אַ ברכה אַ פאַרדינטער.

איך מאַך אַ ברכה אויף זיין טעמפּער קאָרע
און אויפן האַרטן סוק — אַ פויסט מיט קנאָכן.
די טעמפּקייט איז אַ פאַנצער אין אַ צרה,
די האַרטקייט איז עקשנות פון בטחון.

עס מעג דער בוים אין ווינטער זיך פאַרגרעבן
די צאַרטע פרילינג-בלעטער צו דערלעבן.

אַ בוים אויף אַ שטיין

שטייט אַ בוים אויף אַ שטיין ווי אַ זיגער
מיטן פוס אויפן פיינד זיינעם שטייט,
גאָר אומזיסט האָט דער שטיין דער צעקריגער
מיט דער מאַמעשער ערד אים צעשיידט, —
פון איר ברוסט זיך צו נערן,
מיט די וואָרצלען ווי רערן
האָט דער בוים זיך געצויגן —
אויב ניט גלייך איז געבויגן —
און אַריבער דעם שטיין און געזויגן
פון דעם נאַרהאַפטן פלוס.

שטייט דער בוים אויפן שטיין מיטן פוס,
און דער שטיין ווי אין צוואַנגען,
ווי אַ שלאַנג וואָלט געשטיקט,
פון די וואָרצלען געפאַנגען,
אַ געבונדענער ליגט.

אין קיטל און טלית

דער האָרבסטיקער בערעזע־בוים דאַוונט נעילה —
אַ קיטל איז אויף אים זיין ווייסע קאָרע,
אַ טלית מיט אַ גאָלדענער עטרה
איז איבער אים זיין געלע בלעטער־הילע.

ער ברענט אין רעגן ווי אַ ליכט און שמעלצט זיך
און ס׳טריפט דער וואַקס פון פאַלנדיקע בלעטער —
געלייטערט גאָלד אין פייער פון דעם בעטער,
וואָס ווײנט פאַר גאָט און ווײנענדיק באַזעלט זיך.

די טרערן פאַלן פייערלעך אַרונטער,
עס רוט אויף זיי די שכינה אָפּגעשפּיגלט.
גאָטס חתימה איז פאַרחתמעט און פאַרזיגלט,
נאָר דער גאָטספאַרכטיקער אין פאָרכט איז מונטער.

ווען תקיעות בלאָזט דער ווינט — פּסק־דינס געהיימע,
איז מיט בטחון שטאַרק דער בוים אין אימה.

ניט אין זומער

ניט אין זומער איז דער בוים מתפּלל,
איינגעהילט אין טלית פון די בלעטער,
אפשר זאָגט ער ווי פון סידור הלל,
אָבער ניט ממעמקים בעט ער.

פון דער טיף מתפּלל איז ער ווינטער,
ווען ער זעט זיין הויל געביין אין שאָטן,
אָבער גאָט אויך אָן אַ טלית דינט ער
און אפילו אָן אַ טלית־קטן.

ווער ס׳איז פרום, דאַרף גאָט ניט איבערצייגן
און עס הערט אים גאָט אָן רייד אפילו, —
שטאָפּלט בלויז דער בוים אַרויף די צווייגן
ווי אַ לייטער פאַר זיין שטומער תּפילה.

ווערבעס

די ערשטע צו בליען, ווען ס׳פרירט נאָך דאָס וואַסער,
די לעצטע צו וועלקן, ווען ס׳פוילן שוין בלעטער,
זיי זיינען דעם פרילינג וואָס פריער מבשר
און מעלדן דעם אָנקום פון ווינטער וואָס שפּעטער.

דאָך רופט מען זיי : קלאָגמוטערס, ווערבעס פאַרצאָגטע,
דערפאַר וואָס מען זעט זיי ביים וואַסער זיך בייגן,
ווי מיר ביי די טייכן פון בבל פאַריאָגטע,
נאָר זיי איז דער זאַפטיקער באָדן גאָר אייגן, —

יאָ, ווײַלע זיי בייגן די צווייגן אַרונטער
ווי צעפּ ביז די קנעכלעך, צעלאָזן אין טרויער,
נאָר דאָס איז פון צניעות אַ שטריך אַ געזונטער
און ניט ווי מען מיינט — פון געקרענקטן באַדויער.

זיי היטן דעריבער די בלעטער מיט אײַפער
און שעמען זיך ווינטער צו קוקן אין שפּיגל.
די העמדער פון שניי ווערן גלאָז פון אַ שלײַפער,
די שיין ווי אַן אויג גיט זיך שעלמיש אַ שיקל.

עס וויינען ניט אָבער אויך דעמאָלט די ווערבעס, —
אַ פראָסט איז דער צער, וואָס פאַרגליווערט דעם צאַרטן,
דאָך ווינטער פאַר זיי איז אַ מעסער מיט שטשערבעס,
וואָס קאַרבט זייער קאָרע אָן שאָדן צום האַרצן.

זיי ווילן די ערשטע, ווען ס׳גייען נאָך קריעס,
פון גליווערשטאַנד אָפּגיין, ווייס-פליושנדיק בליען
און אָנטאָן די לאַנגע מלבושים פון צניעות
נאָך איידער עס קומען די שוואַלבן צו פליען.

אַ ווערבע אין ווינט

מיט צווייגן — ניט קיין האַרטע דרענגלעך,
נאָר בייגעוודיקע ריטער;
מיט צאַפּלדיקע בלעטער, שמאָל און לענגלעך
ווי פישעלעך אין ציטער, —
די ווערבע ווערט צעשאָקלט לייכט
ווי מיין פאַנטאַזיע, וואָס קליין מיט גרויס פאַרגלייכט.
אַז ס'גיט דער ווינט זי אַ צעשויבער,
דערזע איך ווי עס ווערט פון בוים
ווי דורך אַ צויבער
אַ גרינער ים מיט גרויען שוים:
ווי גרינע כוואַליעס שטורעמען די צווייגן —
די הויכע נידערן, די נידעריקע שטייגן;
די בלעטער קערן איבער זיך קאַפּויער
אויף זייער לינקער זייט דער גרויער
און גיבן זיך אַ מינע
ווי וואַסער מיט אַ פּינע,
און ווי דער רעש פון ים אין ברויז
איז דער גערויש פון טויש און מיש.
און אַז דער ווינט אַ בלעטל נאָך רייסט אויס
און לאָזט עס אין דער לופטן שוועבן,
וואָלט איך געשווירן ביי מיין לעבן,
אַז ס'איז אַ פליענדיקער פיש.

פון אַן אַנדער וועלט

אין וואַלד מיט ערד־קאַלירטע שטאַמען
שטייט דער בערעזע־בוים צוזאַמען,
נאָר ווייסער נאָך זיין ווייסקייט העלט,
אַזוי ווי פון אַן אַנדער וועלט.

מיר דאַכט זיך טאַקע, אַז ער בענקט
נאָך יענער וועלט, וואָס ער געדענקט,
נאָר איז פאַרזיגלט ווי אַ ברונען,
ווייל ער האָט גליק דאָ־הי געפונען.

ער וואָרצלט פרידלעך צווישן שכנים,
די צווייגן פלעכטן זיי אין איינעם,
נאָר אויף זיין קאָרע — ווייס פאַפיר —
דעם שטריכן־שריפט איך ד'עשיפריר:

— אַ ווייסער מלאך האָט געהערט
אַ הויך געלעכטער אויף דער ערד
און ס'האָט געפירט אים דאָס געלעכטער
אין וואַלד צו די פאַרשייטע טעכטער.

דערזען — די נימפעס זיינען שיינע,
האָט פאַר אַ ווייב גענומען איינע
דער ווייסער זון פון אלוהים
און גוט און ווויל געווען איז אים.

נאָר ווייל דעם הימל אויף דער ערד
האָט ער פאַרטוישט, האָט גאָט פאַרקערט
אים אין אַ בוים — ער זאָל זיך ציען
צום הימל, נאָר אין דר'ערד זיך ריען.

אַ בוים אין קלעם

אַ בוים אין שפּאַלט פון שטיין,
ווי ס'וואָלט אים גאָט אַליין
אין פעלדז אַריינגעשלאָגן ווי אַ קלין,
האָט אין זיין גרוב, וווּהין
דער ווינט פאַרקערט דאָס מיסט
און ס'רינט דאָס רעגן־וואַסער אָפּ,
דערנערט זיך ווי אַ דאָרן אין דער וויסט
און זיך געשטיקט ווי אין אַ בלומענטאָפּ.

דער שטאָם, פון שפּאַלט אין פעלדז ניט ברייטער,
אַ קנויל די וואָרצלען אַ פאַרדרייטער
און ווי די וואָרצלען אין אַ קלעם,
אַזוי די צווייגן אָן פאַרנעם, —
און אויף זיין מזל האָט דער בוים געוויינט,
נאָר אויך דער הימל איז געווען פאַרשטיינט.

ווען אָבער ס'האָט אַ שטורעמווינט געפּליקט
דיביימער, וואָס פון פעטער ערד גענים
האָט דעם פאַרקלעמטן בוים, ווי צווישן ציין
אין מויל פון שטיין,
זיין אומגליק אָפּגעגליקט —
אים האָט דער שטורעם ניט אַרויסגעריסן.

דער פאַרפעסטיקטער בוים

איך האָב געזען אויף מיינע וואַנדערס
אַ בוים, וואָס איז פון ביימער אַנדערש:
פון זיינע צווייגן צו דער ערד דער מאַמען
זיך ציען פעדעם מיט אַ חוש אַ בלינדן
און מיטן באָדן זיך פאַרוועבן און פאַרבינדן
און וואָרצלען זיך אַריין ווי צוגאָב-שטאַמען
צו זייער הויפטשטאַם אין דער מיט.
אַזוי פאַרפעסטיקט,
צום באָדן צוגעשמידט,
און ניט באַלעסטיקט —
די צווייגן זיינען אָנגעלענט
אויף אייגענע פאָדפאָרעס ווי אויף שטעקנס — הענט, —
אַזוי פאַרפעסטיקט און אויך ניט באַשווערט,
באַשטייט דער בוים אין שטורעמווינט
און וואַקסט און גרינט —
ער זייגט חיונה פון דער ערד
אי מיטן שטאַם אי מיט די צווייגן.
נאָר וויל צו פעסטיקן זיין פונדאַמענט
דער בוים אין גאַנצן זיך פאַרשווענדט,
צום הימל קאָן ער הויך ניט שטייגן.

דער געהיימער כוח

אַ זאָמען האָט דער ווינט פֿאַרזייט,
פֿון זאָמען איז אַ בוים געוואָרן, —
באַבלעטערט זומער, גרין־געקליידט
און ווינטער נאַקעט ווי אַ דאָרן.

אַרום זיין האַרץ יאָר איין, יאָר אויס
געצירקלט רינגען האָט אַ פֿינגער.
דער בוים איז אויסגעוואַקסן גרויס,
נאָר ניט געוואָרן איז ער יינגער.

דאָך האָט ער תּמיד פֿרילינגצייט,
מיט פֿרישן זאַפֿט און אָנגעקוואָלטער,
נאָך ווינטערס חורבן זיך באַנייט
אַפֿילו אין זיין טיפֿער עלטער.

און כ׳האָב געגאַפֿט: פֿון וואַנען קומט
זיין יונגער כוח דער געהיימער?
דער אַלטער בוים האָט ניט געשטומט,
נאָר ווער פֿאַרשטייט די שפּראַך פֿוןביימער?

און ס׳וואָלט דער בוים אַ סך נאָך טעג
פֿון באָדן לעבנסזאַפֿט געזויגן,
נאָר ס׳האָבן מענטשן מיט אַ זעג
פֿאַרשניטן אים פֿאַר מיינע אויגן.

ער איז געפֿאַלן אויף דער ערד
מיט אַלע רינגען אויפֿגעשניטן
און ס׳האָט דעם סוד מיר אויפֿגעקלערט
זיין האַרץ — דאָס רינגעלע אין מיטן.

אַ יאָר — אַ רינג, אַ רינג — אַ יאָר,
איין יאָר איז אַלט דאָס האַרץ אין צענטער;
פֿאַרוואָס אַ בוים בלייבט יונג איז קלאָר —
ער איז אין האַרצן אָן פֿאַרענדער.

אלערליי

ווער ס'זוכט ניט, פאַרלירט

גאָפיל נאָרט אָפּ, געדאַנק פאַרפירט,
דעם אמת קאָנסטו ניט געפינען,
נאָר ווער עס זוכט ניט, דער פאַרלירט,
זיין גרויע חכמה איז אָן זינען.

איך האָב געזוכט און כאַטש ניט פיל
פון דעם געהיים האָב איך באַגריפן,
איז אָבער טיפער מיין געפיל
און מיין געדאַנק איז מער געשליפן.

און אפשר וועט דאָס מענטש־געצייג
אַמאָל אַזוי פאַרפיינערט ווערן,
אַז הערן וועט ער גאָטס געשוויג
און זען גאָטס פלענער דורך זיין שטערן.

און אויב מיין טרוים איז צו געוואָגט
און ס'וועלן מיך די הימלען שטראָפן,
איז בעסער אַלץ פון גרויען פאַקט
דאָס רעגן־בויגנדיקע האָפן.

גרויס און קליין

אַ וווּנדער איז דער ריז,
פיל מער — דער ליליפּוט:
גאָטס גרויסער פינגער איז
אריין אין פינגערהוט.

דער גוף פון דעם גיגאַנט
ניט מער נשמה האָט,
נאָר מיט אַ פולער האַנט
גיט חן דעם שרעטל גאָט.

מעוועס אויפן וואַסער

שווימען מעוועס אויפן וואַסער
און אין בילד פון וויים און בלוי
באַד איך, טובל אַפּ און כשר
מיינע אויגן פול מיט גרוי.

פאַלן פון די אויגן פליעוועס,
פאַלן הויטן פון דער וועלט,
זע איך, אַז פאַר ווייסע מעוועס
האָבן כרובים זיך פאַרשטעלט.

און דעם הימלס בלויען פנים
אין דעם וואַסער איך דערקען;
אין זיין הייב און פאַל — סימנים
פון גאָטס אָטעם קאָן איך זען.

באַד איך, טובל זיי און כשר
מיינע אויגן, אַז איך זאָל
ווי אין מעוועס און אין וואַסער
זען דעם קודש אויך אין חול.

ש י מ ע ר

אין אַ פרילינגטאָג אַ העלן
קוועלן אין דעם טייך די וועלן,
צאַפּלען זיך דער זון אַנטקעגן
און זיי בלענדן און זיי בליצן,
ווי פון דימענטן אַ רעגן
וואָלט מיט שימער זיי באַשפּריצן;
ווי אין טייך די זון פון הימל
וואָלט צעברעקלען זיך אויף קרישלעך
און עס וואָלטן אין געווימל
אויפגעכאַפּט זיי זילבער־פישלעך.

אלה תולדות מענטש

ולשת גם־הוא יולד בן ויקרא את שמו
אנוש. אז הוחל לקרא בשם יהוה.
(בראשית ד׳, כ״ו)

צוריק צו דעם גן־עדן־טויער
קומט אָדם זוכן זיין פֿאַרלוסט
און קראַצט אין קאָפּ זיך ווי אַ פּויער
און שלאָגט זיך ווי אַן אָפּ אין ברוסט.
פֿאַרבאָטן אים איז דער גן־עדן,
די שווערד באַוואָרנט דעם פֿאַרבאָט, —
ווי אָדם זאָל זיין שאַנד ניט קליידן,
ער שטייט אַ נאַקעטער פֿאַר גאָט.
ער מעג די רויערד קולטיווירן,
אַליין אַ רויער איז ער נאָך;
און צוימען מעג ער ווילדע שטירן,
נאָר ווילד אַליין איז ער אין תוך.
און מיט זיין ווילן שפּילט זיך חוה,
נאָר חוה איז אַ שפּילצייג אויך
ביי דער, וואָס רעדט אויף גאָט, אַ בראַווע,
און קריכט, אַ ניכנע, אויפֿן בויך.
און ווילדער זיינען נאָך די קינדער,
די ווילדקייט האָט געמאַכט פּראָגרעס:
פֿון מאָרד איז קין אַ דערפֿינדער
און הבל איז דער ערשטער מת.
און ס׳קרעמפּן אָדמס אינגעווייד,
די פּרוכט פֿון וויסן שלעכט פֿאַרדייט;
ער בלייבט אין דרויסן פֿון גן־עדן
ניט חיה און ניט מענטש — צעצווייט.
ברעכט אָדם אויס זיין האַלבן וויסן
און שליידערט זיך אויף לינקס און רעכטס, —
ער האָט געגעסן בלויז אַ ביסן
און אויסגעפֿונען נייערט שלעכטס.
נאָר גוטס געפֿינען וועט זיין זאָמען,
זיין אייניקל וועט זיין געבענטשט
און רופֿן אָנהייבן גאָטס נאָמען
וועט אנוש, זיין דער אָנהייב־מענטש.

ניט אומזיסט איז גאָט פאַרבאָרגן

חן ביי גאָט געהאַט האָט משה,
האָבן אין זיין זכות די יידן
די פאַרדינטע שטראָף פון הימל
פאַרן עגל אויסגעמידן.

און געפועלט ביי גאָט האָט משה
אַז ער זאָל זיך איבערבעטן
מיט זיין פאָלק, אַליין זיי פירן,
ניט קיין מלאך זאָל פאַרטרעטן.

האָט ער אין דער שעת־הכושר
גאָט געבעטן: — וויז דיין פנים,
איך זאָל קאָנען עדות זאָגן
אויף מיין בורא, אַז איך קאָן אים.

האָט געענטפערט גאָט פון וואָלקן:
— משה, קאָנסט בלויז זען מיין רוקן.
ס'קאָן קיין מענטש ניט זען מיין פנים
און ניט אויסגיין — בלויז פון קוקן.

און ס'האָט משה פון גאָטס כבוד
בלויז געזען אַ קליינעם חלק,
נאָר שוין אויך פון זען אַ ביסל
האָט געשטראַלט זיין פנים הייליק.

ווען ער איז פון גאָט געקומען,
איז דאָס פאָלק פון אים אַנטלאָפן, —
ס'אויג האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן
ליכט אַזויפיל, וואָס איז אָפן.

דעמאָלט האָט פאַרשטאַנען משה:
ניט אומזיסט איז גאָט פאַרבאָרגן.
און זיין אייגן שטראַליק פנים
האָט ער צוגעדעקט אויף מאָרגן.

געהיימע פֿייגל

ערגעץ ווייט און נאָנט פֿון דאַנען
איז אַ שאָטנלאַנד פֿאַראַנען.
צו דעם לאַנד, וואָס איז אין שאָטן,
איז קיין וועג ניט אויסגעטראָטן.
אָן אַ סליאַד און אָן אַ צייכן
דאַרף מען גיין, אַהין צו גרייכן
און ערשט דאָרטן אין דער טונקל
זיך דערטאַפּן צו דעם דזשונגל,
ווּ דער חושך איז אָן אימה,
נאָר מיט פֿייגל פֿול געהיימע.

אומגעזעענע, זיי פֿליען
ערגעץ ווייט און ערגעץ נאָענט
שטיל ווי פֿלעדערמייז אין אָוונט
און ווי פֿייערפֿליגן גליען:
אָט ווי שטערן ערשט געוווּנקען
און פֿאַרלאָשן זיך ווי פֿונקען.

די געהיימע, זיי צו כאַפּן
דאַרף מען אין דער פֿינצטער טאַפּן
און האָט דיר זיך איינגעגעבן,
איז דיין פֿאַנג שוין ניט ביים לעבן.
נאָר דער מענטש, דער זון פֿון חוה,
ווייסן אַלץ איז אים טשיקאַווע.

איך בין אויך אַהין געגאַנגען
די געהיימע פֿייגל פֿאַנגען.
כ'האָב געטשאַטעט, ניט געשלאָפֿן,
זיך געצילט און ניט געטראָפֿן.
האָב איך שיסן בלינד גענומען,
זיינען פֿייגל אַ מזומן,
דריי צוזאַמען, ניט בלויז איינער,
באַלד געפֿאַלן ווי די שטיינער,
און ניט ווייט, נאָר טאַקע ממש
גלייך אין מיינע דלד־אמות.

האָב איך גרינג צו זיי דערטאַפּט זיך,
אין קיין שטיינדל ניט צעקלאַפּט זיך,
און אַרויס פון לאַנד אין שאָטן,
ווו דער זאַמד האָט באַלד פאַרשאָטן,
וואָס מיין פוס האָט אויסגעטראָטן.

און מיט ציטערדיקע פינגער
מיינע פייגעלעך די גרינגע
האָב גענומען אויסצופּאַקן,
און דערזען אין יעגער־זעקל —
אי מיט שווידער אי מיט עקל —
ניט קיין פויגל, נאָר אַ דראַקאָן:
נאַקעט־הויל, קיין איינציק פעדער
און די פליגל זיינען פלעדער.
ס'איז אַ שלאַנג ווי אַלע שלאַנגען.
ניט געלוינט האָט זיך צו פאַנגען.

און דערזען האָב איך דעם צווייטן,
אַן אַנטפּלעקטן, אַ געטייטן:
כאָטש אַ פויגל שוין אַ גאַנצער,
מיט קיין פּראַכט האָט ניט געגלאַנצט ער.
האָט ביינאַכט ווי האָלץ אין פוילן
נאָך געגאַרט זיין גליִק אויגל,
איצט באַלויכטן, ניט פאַרהוילן,
איז ער בלויז אַ גרויער פויגל.

נאָר דערזען האָב איך דעם דריטן
מיט די פעדערן ווי צוויטן,
נאָכן טויט ערשט אַ צעבליטן:
אַ געהיימער, האָט ער דעמאָלט
מיט די אויגן בלויז געפלעמלט.
ווען ער האָט פאַרמאַכט די אויגן,
האָט זיין פאַרבן־רעגן־בויגן,
וואָס געזוועזן איז פאַרבאָרגן,
ערשט אַנטפּלעקט זיך אין פרימאָרגן
ווי בראשיתדיק באַשאַפן,
קינד און קיים זאָל זען און גאַפן.

ש ט י י נ ע ר

בין איך באַזעסן פון אַ צויבער?
איז מיין געוויסן ניט קיין ריינער,
וואָס מיך פאַרפאָלגן שטומע שטיינער?
זיי שטייען אויף פאַר מיר ווי רויבער
אין אַלע ענגע ווילדע ערטער
און עפּעס מאָנען זיי אָן ווערטער.
כ׳וואָלט וועלן וויסן וואָס זיי מאָנען,
נאָר שטיינער האָבן ניט קיין צינגער,
קיין הענט צו ריידן מיט די פינגער
און קיין געשריבענע סימנים.
די שטיינער שטייען בלויז און שווייגן
און לאָזן ניט כ׳זאָל זיי פאַרבייַגיין.
ווי קאָן איך טרעפן וואָס זיי דאַרפן,
אַז שטיינער דאַרפן גאָרניט האָבן?
צו זייער האַרץ זיך צו דערגראָבן, —
ניטאָ פאַר דעם אַזעלכע שאַרפן.
זיי האָבן ניט קיין לייַב און לעבן.
וואָס מאָנען זיי איך זאָל זיי געבן?
וואָס מאָנען זיי? וואָס בין איך שולדיק?
איך וועל די טויטע שטיינער ווייזן.
און מיט מיין וואַנדערשטאָק פון אייַזן
איך נעם זיי שלאָגן אומגעדולדיק.
נאָר זע, די קאַלטע שפּריצן פונקען,
די שטומע האָבן זיך צעקלונגען.
בין איך אַ בלינדער און אַ טויבער,
פון אייַזן — איז מיין גראַד געמיינער? —
אים בליציק ענטפערן די שטיינער,
און מיך באַפאַלן זיי ווי רויבער,
נאָר וויל איך זיי אַנטקעגן קומען,
פאַרלאָשן שטייען זיי און שטומען.
כ׳וועל צושליסן די בלינדע אויגן,
די טויבע אויערן פאַרשטאָפּן,
אויף שטיינער מיט אַ שטיין צוקאָפּנס
אַן חושים ליגן אויסגעצויגן,
און אפשר וועלן מיינע ביינער
פאַרשטיין די נאָענטע — די שטיינער.

די קשיה איז דער שליסל

איך קוק אריין אין טייך
און דאָרטן ניט אומזיסט
מיין ענלעכקייט איך זע,
ווייל וואַסער אין מיר פליסט.

איך זעץ זיך אויף דער ערד
און פיל זיך אין דער היים
ווי אויף אַ מאַמעס שויס,
ווייל איך אַליין בין ליים.

איך שפּאַר זיך אָן אין בוים,
שלאָף איין און וועגעטיר
אָן חושים ווי דער בוים —
אַ קרוב איז ער מיר.

כ׳וואַך אויף. לויפט־צו אַ הונט,
ווי מיך ער וואָלט געקאַנט.
אוודאי קאָן ער מיך,
מיר זיינען לײַבלעך־נאָנט.

כ׳בין וואַסער, ערד, געוויקס
און חיה... און וואָס נאָך?
כ׳בין הונגעריקער פלאַם
און פון דער לופט אַ פאָך.

נאָר דאָס איז אויך דער הונט.
אַ מענטש בין איך מיט וואָס?
די קשיה איז אַליין
דער שליסל צו דעם שלאָס.

ווי דער ים אין מויער-קעפל

קוק אריין אין זיך אליין,
דארפסט פאר דעם ניט דיינע אויגן;
האָרך זיך איַין אין זיך אליין,
דארפסט קיין אויער גאָרניט נייגן.

דיינע אויגן האלט פארמאכט,
זע נאָך ניט-געזעענע בילדער;
דיינע אויערן פארשטאָפּ,
הער אַ ניט-געהערטע געפילדער.

וואָס דו זעסט און וואָס דו הערסט
זיינען זאכן ניט פון דאנען,
נאָר זיי זיינען דיר ניט פרעמד
און אין עפּעס דיר דערמאנען:

אָפּבילד, אָפּקלאנג פון אמאָל —
דעם ספּיראל פון אלע ציקלען;
פאָרשטעל, אָנקלאפּ פון דער צייט,
וואָס פון איצט וועט זיך אנטוויקלען.

כאָטש אין לייטער פון אין-סוף
ביסטו בלויז אַן איינציק טראָפּל,
רוישט די אייביקייט אין דיר
ווי דער ים אין מויער-קעפל.

געראָטן אין דער מאַמען

ליג דיין אויער צו דער ערד,
וויטן טומל וועסטו הערן.
צו דיין אויער ליג דיין האַנט,
וועט אין אים אַ טומל ווערן.

ס׳רוישט אין דיר ווי אין דער ערד,
אין דער ערד ביסט דו געראָטן —
אונטערערדיש איז דיין זעל
און דיין גוף — פון ליים געקנאָטן.

קוואַלן שלאָגן אין דער ערד,
טייכן אומגעזעענע פליסן;
כוחות שפּרודלען טיף אין דיר
אָן דיין אויבערפלעכלעך ווּיסן.

גאָלד און זילבער אין דער ערד
און בריליאַנטן מיט אַ פינקל;
וויפל אוצרות נאָך אין דיר
ליגן אין אַ פינצטער ווינקל!

אָבער אויך ווי אין דער ערד
שרפען אין דיין הארצן פלאַמען
און ווולקאַניש ברעכסטו אויס, —
ביסט געראָטן אין דער מאַמען.

ווייס און בלוי מיט אַ שפּריץ גרוי

אַ זון פון ווייסן פלאַם
שטראַלט אָפּ דער בלויער ים
און בלענדט מיט זילבערגלאַנץ.
מיט ווייסער פרייד, פון טרעפּ אויף טרעפּ,
דער שוים אויף כוואַליעס שפּרינגט אין טאַנץ.
אַ ווייסע שיף — אַ כלה מיט אַ שלעפּ
שלעפּט נאָך איר אומשולד ווי אַ ווייסן עק.
נאָר ס'קנוילט אַ פאַרע פון איר מויל
(די תאווה פלאַקערט אין פאַרהויל),
אַ ווייסער אָבער איז איר פלעק —
די ווייסע פאַרע אין דער בלויער לופט —
און ס'ווישט דער הימל באַלד אים אָפּ.
אַ קול־נגינה פונעם הימל רופט.
דאָס רופן איבער זיך מיט טראָפּ
די ים־פייגל, וואָס שוועבן אין אַ קרייז
און זיינען ווי מלאכים ווייס.
נאָר פּלוצעם פאַלן זיי אין ים אַראָפּ
און רייסן זיך און בייסן פאַר אַ ביסן שפּייז,
און... זע, די ווייסע זיינען גרוי...

אָ גאָט מיינער, האָב איך צום סוף אַזוי
פאַרגרויט דאָס בילד פון ווייס און בלוי?
דאָך דו אַליין האָסט אָט דעם גרויען שפּריץ
נאָך פאַר מיר אין דיין ווערק אריינגעמאָלט.
דו האָסט געגעבן מיר אַ פען פון גאָלד
צו צייכענען אויף... קריץ.

קלאָרקייט איז ווי זוהר

איך ווייס אַ צער, וואָס גרענעצט זיך מיט פרייד ;
איך ווייס אַ פרייד, וואָס טיפער איז פון טרויער ;
און כ׳ווייס אַ טיפקייט הינטער קלאָרע רייד. —

איך ווייס אַ טיפקייט הינטער קלאָרע רייד,
נאָר כ׳ווייס מיט צער, אַז קלאָרקייט איז ווי זוהר,
אַז ניגלה איז ווי ניסתר אָן באַשייד.

דאָך וווּנדערלעך איז אַלץ אָן אונטערשייד —
אין זונשטראַל פינקלט אויך דער שטויב דער גרויער.
די גרויקייט איז דעם וווּנדערס פּראָסטע שייד.

דער נס, וואָס גאָט באַווייזט פאַר קינד און קייט,
אַ וווּנדער איז אַ נאַקעטער אַ רויער ;
וואָס גאָט ווייזט ניט, איז וווּנדער אין אַ קלייד.

נאָר כאָטש כ׳טאַפּ אָן אַ וואַנט בלויז, בלינדערהייט,
און כ׳קלאַפּ אין אַ פאַרמאַכטן טויבן טויער,
דאָך גאַף איך אויף גאָטס וווּנדער אין מיין לייד.

און כ׳ווייס אַ צער, וואָס גרענעצט זיך מיט פרייד,
און כ׳ווייס אַ פרייד, וואָס טיפער איז פון טרויער,
און כ׳ווייס אַ טיפקייט הינטער קלאָרע רייד.

מיט פאַרמאַכטע אויגן

איך האָב קיין אויג ניט צוגעמאַכט
און גאָט געזוכט, געפרעגט די שטערן:
— וואָס רמזט איר? כ׳זע אײַער פּראַכט,
דעם רמז קאָן איין גאָט דערקלערן.

כ׳האָב ניט געפונען גאָט ביינאַכט
און אים געזוכט אין העלן מאָרגן.
די העלקייט האָט זיך נאָר געדאַכט,
די קלאָרקייט האַלט אַ סוד פאַרבאָרגן.

אין פאָרכט פאַר דער געהיימער מאַכט,
האָב איך געפרעגט זיך צי די זיידעס
אַ גאָט זיך האָבן אויסגעטראַכט —
אַ שליסל צו דער וועלט פון סודות.

און אַ שפּאַקטיוו האָב איך געמאַכט
די שלייערן אָראָפּצורייסן.
זיי האָבן זיך פאַרטוויזנטפאַכט,
ווען כ׳האָב דערזען גאָטס נייע מעשים.

און בלינד, ווי ערשט פון מוטערס טראַכט,
האָב איך פאַר גאָט דעם קאָפּ געבויגן,
די אויגן־דעקלעך צוגעמאַכט,
ערשט... כ׳זע אים מיט פאַרמאַכטע אויגן.

כינעזיש

פון וויסטלאַנד מיט אַ שמאָלן טאָל אין מיטן
האָט שניי געמאַכט אַ פּאַליאַנט מיט דפּן;
די דערנער האָבן זיך אַרויסגעשניטן
און בושעם כּתב כינעזישן געשאַפן.

אַ כּתב — אַ דאָרן אויף דער בלום פון זינען,
אים קאָנען לייענען יחידי־סגולה:
פאַרזאָרגטע זינדלעך פון די מאַנדארינען,
געשולטע צוואַנציק יאָר, נאָר ניט דער קולי.

ס׳קאָן אָבער אויך דעם קולים הארצן רירן
דער שימער אויפן שניי — אַ שניי פון שטערן.
מען דאַרף די שריפט ניט קאָנען דעשיפרירן
זיך צו אַנטציקן פון גאָטס בוך ביז טרערן.

עס דאַרף אַ מענטש ניט שולן זיך צו וויסן
דאָס גליק פון נהנה זיין מזיוו־השכינה.
סיי־ווי די טרערן פון פאַרבלענדונג פליסן
אויך ביי דעם בקי אין דעם כּתב פון כינע.

סיי־ווי איז דער געלערנטער כינעזער
אין שאַרפער שיין פון גאָט אַ בלינדע סאָווע.
און לייענט ער דורך שוואַרצע אויגן־גלעזער,
פאַרטונקלט ער גאָטס ליכטיקע מחשבה.

##ביימער און שניי

שטאַרצן שוואַרצע ביימער,
פליטערט שניי אוןווימלט.
נעפּל פאַר די אויגן,
ווי איך וואָלט געדרימלט.

איז די וואָר אַ חלום
ניט קיין מענטש-באַשיידטער,
זע איך אין די צווייגן
שטאַפּלען פון אַ לייטער.

שטאַפּלען זיך די ביימער,
גרייכן ביזן הימל,
זע איך גאָטס מלאכים
אין דעם שניי-געווימל.

ווייסע גאָטס מלאכים
נידערן און שטייגן
אויף די שוואַרצע ביימער
מיט די הוילע צווייגן.

חלום איך ווי יעקב
אויף זיין שטיין-געלעגער,
ווען ער איז געלאָפן
ווי אַ פאַנג פון יעגער?

ניט אין שלאָף צום חלום
פון דער וואָר אַנטרין איך,
וואַכערהייט דעם חלום
אין דער וואָר געפין איך.

יירָאה און שמחה

יעקבס חלום זע איך וואַכיק,
אָבער יעקב קומט מיך שטראָפֿן:
— אַז דו פֿאַרכסט ניט מיט מיין יִראה,
וואָלסטו בעסער שוין געשלאָפֿן.

דו דערמאָן זיך אָקאָרשט, — זאָגט ער:
מיין דערוואַכן מיט אַ טרייסל
פֿאַר ניט וויסן, אַז איך נעכטיק
אין אַ פֿאַרכטיק אָרט, אין בית-אל.

זאָג איך דעם יִרא-שמים:
— יעדער אָרט איז פֿאַרכטיק-הייליק.
ס'הויז פֿון גאָט אויף יעדן אָרט איז,
מעג ער אויסזען ניט בית-אליק.

יעקבס לייטער ביז צום הימל
וואַקסט אויף גאָר דער ערד ווי ביימער,
און די ערד, דעם הימלס טויער
איז אַן אַלטע ליבע היים מיר.

אויף דער ערד, וואָס איז אַ היים מיר,
זיץ איך לאַנג אין גאָטס מסיבה.
ניט ווילד-פֿרעמד איז גאָט, ניט פֿאַרכטיק,
דין איך אים מיט פֿרייד און ליבע.

איך פֿאַרשווער ניט, וואָס איז קודש,
אויך וואָס חול איז, איך פֿארהייליק
און קיין שטיין פֿון אַלע שטיינער
איך דערהייב ניט און באַאִילִיק.

דענקמעלער זיי זיינען אַלע,
אַז כ'האָב גאָט דערקענט דערנעבן
און צו דינען אים מיט שמחה
האָב אַ נדר זיך געגעבן.

פאַרוואַנדשאַפט

איך בין פאַרוואַנדט מיט אַלע מענטשן,
מיר אַלע זיינען איין געזינד,
נאָר אייגן זיינען מיר די קינדער,
כאָטש איך האָב ניט קיין אייגן קינד.

די קינדער פילן דאָס און גייען
אויף מיינע הענט פון מוטערס שויס.
איך לייקן ניט, איך נעם זיך איבער
וואָס ביי די קינדער נעם איך אויס.

איך בין מיט זיי אַ קינד מיט קינדער
און איך פאַרשטעל זיך ניט, כ׳בין עכט.
כ׳בין נאָר מיט גרויסע אַ פאַרשטעלטער
און כ׳שפּיל מיין ראָלע זייער שלעכט.

איך מאַך אַ שפּילצייג פאַר די קינדער,
כ׳גיב אָבער ווייניקער ווי כ׳נעם —
איך האָב דעם גרעסטן פאַרגעניגן
פון שפּילן זיך אַליין מיט דעם.

און כ׳שפּיל זיך ווי אַ קינד מיט חיות,
איך רעד צו זיי און זיי — צו מיר
און פּינקטלעך אונדזער קלוגן שמועס
פאַרשרייב איך שפּעטער אויף פּאַפּיר.

ס׳אַ שיינער ליגן פאַר די גרויסע,
פאַר אונדז די קליינע איז עס וואָר —
ניט שטום אפילו שטיינער זיינען,
זיי ריידן און מיר הערן קלאָר.

דער רעוויזאָר

איך האָב אַ האַרץ וואָס טראַכט,
אַ קאָפּ, וואָס שפּאַלט אַ האָר,
און מיט אַ טאָלק אַלץ טו איך,
נאָר ס׳קומט צו מיר ביינאַכט
אין שלאָף אַ רעוויזאָר,
ווען זעלבסט־צופרידן רו איך.
ער קומט און גרונטעוועט
מיין איינגעשטעלטן דנאָ:
— אַט זע, ווי דו ביסט בלאַטיק.
דיין בלוט, צעבונטעוועט,
איז ווילד — אַ חיה־רעה.
פאַרוואָר, ביסט ניט קיין קאַטיק.
ניט גייסט הערשט איבער בלוט,
דיין בלוט איז גאָר דער האַר.
דיין ריכטשנור איז אַ פאָדעם,
פאַרפּלאָנטערט אין אַ זשמוט.
ניט סדר, נאָר ווירוואַר;
ניט מענטש, נאָר פּרא־אָדם. —
איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף,
דעם חלום בטל אויס,
נאָר כ׳ציטער נאָך און פיבער:
— אַ רעוויזאָר, ניט שטראָף
פאַרוואָס איך האַלט זיך גרויס.
דו טרייב מיין שולד ניט איבער.
ביינאַכט איז ווילד מיין בלוט,
נאָר כ׳וויין פון שלאָף אויף דעם,
איך ריטשע און איך רעווע.
אַ וויפיל דאַרף מען מוט
צו האַלטן אין אַ קלעם
די חיהש־ווילדע טבע!
כאָטש שוואַך אין חלומס מאַכט,
כ׳בין גיבור אויף דער וואָר.
פאַרגיב דעם נחת־רוח:
איך האָב אַ האַרץ, וואָס טראַכט,
אַ קאָפּ, וואָס שפּאַלט אַ האָר,
און מיט אַ טאָלק אַלץ טו איך.

דורכפאַל איז דערפאָלג

ער האָט אַ באַרג באַשטיגן,
נאָר ניט דערגרייכט דעם שפּיץ,
ווו מיט דעם שניי עס קריגן
דער דונער מיטן בליץ.

ער האָט אין ים געזעגלט,
נאָר זיך פאַרקערט צום ברעג —
דער אָפּגרונט האָט געהעקלט
אַ שוימנעץ אויף זיין וועג.

אין הימל אין אַ פלישיף
ווי גאָט האָט ער געהערשט,
נאָר האָט געקראַכט אין ישוב,
וואָס ער׳ט פאַרלאָזן ערשט.

און דורכגעפאַלן דריי מאָל,
ער קושט אַצינד די ערד,
ווי ס׳נעמט פאַר ליב זיין ציימל
אַן איינגעבראָכן פערד.

זאָל זיין, ער איז קיין העלד ניט,
בלויז איינער פון זיין פאָלק,
נאָר זע, קיין זאַך אים פעלט ניט,
זיין דורכפאַל איז דערפאָלג.

זיין ברויט איז פריש, אָן שימל,
געזאַלצט מיט שוויים פון מי,
און באַרגשפּיץ, ים און הימל,
ער האָט אין טאָל סיי־ווי:

דעם באַרג — אין וואַסער־שפּיגל,
דעם ים — אין בלעזל שוים
און פריי אין שלאָף אָן פליגל
ער פליט אַרום אין רוים.

אויף צייטווייליקע ברעטער

דו פלעגסט מיט דיינע אָרעמס ווי מיט וואָרצלען
אָרומוויקלען מיין האַלדז, דערבײַ זיך שווערן:
— ווי ס׳דאַרט אַ בוים, פון באָדן אַ געשיידטער,
אַזוי אָן דיר וועל איך פאַרטריקנט ווערן.

און ס׳האָט אַ שטורעם דיך אַרויסגעריסן
און אויף דיין אָרט געלאָזט פון רים דעם שאָדן,
נאָר דו ביסט ווי אַ בוים ניט אָפּגעשטאָרבן,
האָסט איינגעפלאַנצט זיך אין אַ צווייטן באָדן.

און ווידער מיט די אָרעמס ווי מיט וואָרצלען
פאַרקלאַמערסטו אַ האַלדז און שווערסט מיט טרערן
אין טרויעריקן אויער פון דעם צווייטן
די זעלבע שווערעכצן, וואָס איך פלעג הערן.

דאָך זיינען דיינע שבועות ניט קיין פאַלשע,
ווי פאַלש איז ניט די וווּנד, וואָס היילט זיך שפּעטער,
נאָר ליבע איז אַ שפּיל, וואָס הייסט „אויף אייביק״,
און גאַסטראָלירט אויף צייטווייליקע ברעטער.

און ווער עס לעבט זיין ראָלע איבער טיפער,
ער איז אין פלוג אַ גרעסערער פאַרזעטער,
ווייל ליבע איז אַ שפּיל, וואָס הייסט „אויף אייביק״,
און גאַסטראָלירט אויף צייטווייליקע ברעטער.

דער העלד

ניט אין אַ זײַדן העמדל, — נאַקעט, אָרעם
געקומען איז דער פֿרילינג אויף דער וועלט
און קראַפּט האָט אין די ביינער אים געפֿעלט —
איז אַ סידון געווען — אָן פֿיס אַ וואָרעם.
דער ווינט פֿון צפֿון און די זון פֿון דרום
געוואָרפֿן האָבן אים אין היץ און קעלט,
נאָר ס'האָט אַ טאָניק פֿון דער ערד געקוועלט,
געהיילט אים און געקרעפֿטיקט — פֿוס און אָרעם.

ויהי היום — פֿון זיין פֿאַרקעלטערט נעזל
האָט דער סידון אַ בלאָז געטאָן אַ בלעזל
און אויף די פֿיס געשטעלט זיך מיטאַמאָל,
געכאַפּט אַ גרינעם רוט און, מיט דעם פֿראָסטן
געווער אין האַנט, אויף ווינטער זיך פֿאַרמאָסטן
און אים צעהאַקט ווי מיט אַ שווערד פֿון שטאָל.

דער זיגער

דער פֿרילינג האָט באַזיגט דעם שונא — ווינטער,
נאָר שטאָט מעדאַלן ברענגט ער מילדע בלומען,
און קיין טראָפֿעע האָט ער ניט גענומען,
דעם פֿיינדס געווער געוואָרפֿן אויף אַהינטער.
ער קומט ווי אַ סאָלדאַט אָן אויסגעדינטער
און פֿריידט זיך וואָס די שלום־טויבן ברומען
און וואָס אַהיים די פּליטים־פֿייגל קומען
און מיט דער פֿרייד זיין וווּנד פֿון קריג פֿאַרבינדט ער.

דער זיגער קומט און ווערט אַ פּראָסטער פּויער.
ער אַקערט און פֿאַרזייט די וויסטע רויערד
און אויף די לאָנקעס פּאַשעט שאָף און רינדער.
און ווען דער נאַכטיגאַל זינגט ליבע־לידער,
פֿון אַ געהילף צו זיך ער טרוימט, אַ מידער —
אַ ווירטין און אַ האָבערין פֿון קינדער.

אָדר

נאָך פאַכעט מיט זיין שווערד פון אײַז דער ווינטער,
נאָר ס'שלאָגט דער שאַרף זיך אָן אין שטראַלן-קלינגל.
דער גרייז טרעט אָפּ פון שלאַכטפעלד אויף אַהינטער
און ס'גרייפּט אים אָן דער פרילינג — נאָך אַ יינגל.
עס ווייסט די ערד שוין, אַז די שלאַכט געווינט ער,
און שטעלט אַרויס דעם פיינד אַ גראָזן-צינגל;
און זיכער איז אַ קוסט — פאַרפרי צעבינדט ער
אַ קניפּל, זיך צו רייצן מיט זיין גינגאָלד.

מיט גרינע ריטער דינע, ציטערפולע
די ווערבע איז מרמז די גאולה,
די ביימער אָבער גלייבן ניט דעם רמז —
נאָך גליווערן אין האַרצן די געבליטן,
פאַרקאָרעט איז דאָס האַרץ, וואָס האָט געליטן,
באַנעמט ניט, אַז דער קץ איז אויף אַן אמת.

ניסן

אין וואַסער איז דער ווינטער אומגעקומען
ווי פרעהס אַלע רייטער מיט די פערד.
צעשמאָלצן איז דעם ווינטערס קאַלטע שווערד,
דעם פרילינגס שטעקן בליט מיט מאַנדל-בלומען.
די אָפּגעטייטע ביימער האָבן תקומה
און ס'וואַקסן אָפּ די אויסגעצופּטע בערד.
צוריק פון גלות, ניט אויף פרעמדער ערד,
די פייגל קלעפּן אָפּ די צונג פון גומען.

זיי זינגען דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען,
נאָר אין די הייזעריקע איבערגאַנגען
איך הער נאָך אויפן חורבן דאָס געוויין
און כ'זע פון זיין געדעכעניש די היטער:
די ווינסטע דערנער אויף די גרינע ריטער
און צווישן זיסע קרייטעכצער דעם כריין.

צוריק פון יענער זייט

1

אָפּצייכנס

דער טויט איז שוין געשטאַנען מיר צוקאָפּנס.
איך האָב געזען אים אין טומאַן פון טרערן
און שווייס פון פּחד איז מיט קאַלטע טראָפּנס
אַראָפּגערונען פון מיין הייסן שטערן.

נאָר ס׳האָט דער טויט זיך איבער מיר געבויגן,
מיר אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן,
דעם שווייס פון שטערן, און אויף אים געהאַלטן
זיין קילע האַנט ווי אַ קאָמפּרעס אַ קאַלטן.

דער טויט האָט בלויז געלאָזן זיך דערקענען,
כ׳זאָל זען ווי פאַלש אים מאָלן בייזע צינגער,
נאָר ווי אַ בראַנדמארק אויף מיין שטערן ברענען
די קניימשן — אָפּצייכנס פון זיינע פינגער.

2

אַנדערש

פון יענער זייט לעבן געקומען,
איך בין ניט דער זעלבער שוין מער,
ווי כ׳וואָלט אַלץ אַ שטימע פאַרנומען
פון דאָרטן, ווו־הין איך געהער.

ווי אַנדערש איך זע איצט די בלומען!
דאָרט פלאַנצט זיי אויף קברים דער טויט.
ניט זיס איז מיין ביסן צום גומען,
אַ ביי־טעם פון ערד האָט מיין ברויט.

כ׳בין אפשר צוריק ניט געקומען,
געבליבן בלויז שטיין אויפן ראַנד.
די גרענעצן זיינען צעשוווּמען
און לעבן און טויט איז איין לאַנד.

3

ווידערגעבורט

ווי אַ קינד, ערשט אַרויס אויף דער וועלט
פון וואַרעמען בויך,
צעוויינט זיך פאַר קעלט,
אַזוי האָסטו אויך
אין אַנהייב געפרווירן
און טרערן פאַרלוירן,
ווען דו ביסט געקומען ווי איבער אַ בריק
פון יענער זייט לעבן צוריק,
ווי ווידער געבוירן.
און געווען ביסטו בלינד
אַזוי ווי דאָס קינד,
געזען האָסטו גאָרניט מיט אָפענע אויגן:
ניט די ערד, וואָס דיין מויל ווי אין דרימל
פון איר ברוסט האָט געזויגן;
ניט דעם הימל,
פון וועמען דיין נאָז האָט געצויגן
די לופט פון דיין אָטעם.
אָבער היילנדיק ליכט האָט געטריפט אין דעם שאָטן,
וואָס האָט ווי אַ טוך דיינע אויגן פאַרדעקט,
ביז אַמאָל אומגעריכט
האָט דאָס לעבן פאַר דיר זיך אַנטפּלעקט
ווי אַ מוטערס צעשמייכלט געזיכט,
און אויסגעשטרעקט האָסטו די הענט
ווי דאָס קינד, וואָס זיין מאַמען דערקענט.

4

לעבן לשמה

איך בעטל אומפאַרשעמט ביי גאָט
כאָטש נאָך אַ טאָג צו מיינע יאָרן.
איך שעם זיך יאָ מיט מיין באַנקראָט:
די אַלע טעג, וואָס כ׳האָב פאַרלאָרן.

עס לעבט איין נאַכט בלויז אַ מאָטיל
און פריידט זיך ביזן הויך דעם לעצטן,
און איך האָב טעג צעפּטרט פּיל,
אַ שאָץ מיט טעג אַ ניט-געשעצטן.

כ׳וועל שעצן שוין די חיי-שעה,
אַ ברכה אויפן לעבן מאַכן
און לעבן תמימותדיק, לשמה
ווי אַלע לעבעדיקע זאַכן.

אַ שענק מיר, גאָט, כאָטש נאָך אַ טאָג
צו לעבן אויף אַ נייעם אופן,
כ׳וועל פרייען זיך מיט וואָס כ׳פאַרמאָג:
די רגעס טייערע, וואָס לויפן.

בלעטערפאל

סאָנעטן־קראַנץ

1

מיט זון און טוי, מיט רו און שטורעם זאַט,
די בלעטער דרעמלען אין אַ טאָג אַ שיינעם
און שאָקלען זיך אין שלאָף אַזוי ווי זקנים,
וואָס האָבן שוין אין לעבן אַלץ געהאַט.

און וועקן זיי זיך איבער — ראַש מיט רויש,
צו גאָט צוויי תפילות זיינען זיי מתפלל:
פאַר לעבן זאַט און פול — די תפילה הלל,
און ווידוי — איידער זייער שעה שלאָגט אויס.

זי שלאָגט שוין לאַנג די שעה פון זייער סוף, —
אין גרינס פון וואַקסן שימלט שוין דאָס דאַרבן.
דערפאַר דאָס וועלקן בליט מיט אַלע פאַרבן.

און פאַרן זינקען אין דעם לעצטן שלאָף,
די בלעטער זיינען שוין באַצייטנס גרייטע
צום טויט, ווי צו אַ יום־טוב בונט־געקליידטע.

2

צום טויט, ווי צו אַ יום־טוב בונט־געקליידטע,
די בלעטער זיינען פאַרבנרייך קאָלירט:
אין גינגאָלד זיינען איינע אויסגעצירט;
אין מלכות־פורפור — אויסגעפוצט די צווייטע;

אין רויט די דריטע פייערלעכע ווארטן;
אין בלוי די פערטע בענקען פון לאַנג אָן...
אַזוי אין אַלע פאַרבן אָנגעטאָן
צום טויט די בלעטער זיינען, חוץ אין שווארצן.

און איך... פון וויסן בלויז, אַז צו די אָבות
מוז איינזאַמלען זיך יעדער סוף־כל־סוף,
שוין שוידער איך און יאָמער אין מיין שלאָף.

ווי נעמען אָן פאַר ליב דעם מלאך־המוות,
פון אים געטריבענע צו דער עקדה,
די בלעטער ווי קרבנות ניט־געניייטע?

3

די בלעטער ווי קרבנות ניט־געניייטע
צו פאַלן זיינען גרייט אין שטויב און קויט,
צו שטאַרבן זיינען גרייט על קידוש־טויט,
ווי ניט פון טויט זיי וועלן זיין געטייטע.

ווער ס׳לעבט אין הסכם מיט דעם סדר־עולם,
דער שטאַרבט אין פרידן מיט אַ קוש פון גאָט.
אַ פרייער איז דער פאָלגער פון געבאָט,
דער חכם פון חכמים איז דער גולם.

עס וויסן ווויל פון יאָר מיט די פיר ציַיטן
די בלעטער, וואָס אָן חכמות זיינען וויַיז.
זיי קרייזן־מיט, ווען ס׳מאַכט דאָס יאָר זיין קרייז
און מיט די ציַיטן זייער פנים בייטן,

און ווען עס שלאָגט די שעה, — מיט וויסן זאַט,
אַליין צום באָדן פאַלן בלאַט נאָך בלאַט.

4

אַליין צום באָדן פאַלן בלאַט נאָך בלאַט
פון בוים, ניט פון דעם ווינט אַראָפּגעריסן,
נאָר ווי ס׳וואָלט זייער מעוברת וויסן
געבוירן די באַוווסטזיניקע טאַט.

די בלעטער נידערן צום לעצטן ציל,
ווי פלאַטערלעך מיט פליגל געקאַלירטע,
וואָס זיינען מיד פון ליבעם אויסגעפירטע,
און פירן נייע — איז ניט ניי די שפּיל.

אויף גאָטס מזבח, אויף דער ערד פון אש,
אַליין, ניט אויסגעטווישטע אויף אַ ווידער,
זיי לייגן אומגעבונדן זיך אַנידער
און שטאַרבן פרידלעך, ניט ווי אַ בר-נש.

אַז שרעק, אַז שמערץ, בנשיקה שטאַרבן זיי, —

אויף דר׳ערד פון גאָטס מזבח טוט ניט ווייִ.

5

אויף דר׳ערד פון גאָטס מזבח טוט ניט וויי,
אויב נאָר מען גייט צו דער עקדה גלייביק,
אַז זון און שטערן וועלן שיינען אייביק,
נאָר אייביק וועט ניט ווינטערן דער שניי;

אַז ס׳וועט די ערד נאָך פרילינגען אין צייט,
און ווידער זומערן, און ווידער הארבסטן,
און גראָד אין וועלקן ווערן צומגעפאַרבסטן,
ווי אין פאַרגיין די זון אין מערב-זייט;

און אַז ס׳איז ווינטער ניט קיין רוט וואָס שטראָפט,
נאָר יעדע צייט פון יאָר איז גאָטס אַ כוהן, —
צו זאַמלען כוחות זיך צוריק צו בויען
אַפילו ווינטער העלפט דער ערד וואָס שלאָפט;

און ס׳זוכט ניט הארבסט צו מאַטערן אַ היתר, —
דער כוהן הארבסט איז ווי אַ גוטער בעטער.

6

דער כּהן הארבסט איז ווי אַ גוטער בעטער,
וואָס מוז נאָר טאָן דעם עקזעקוטאָרס פליכט.
ניט זעלטן איז פאַרוואָלקנט זיין געזיכט,
דער כּהן וואָלט נאָר וועלן זיין אַ רעטער.

דעם שניט פון בראַנדאָפּפערס, ניט מיט זיין ווילן
פאַרברענט ער אינעם פייער פון דער צייט
אויף דעם מזבח פון דער אייביקייט,
און זיינע טרערן ווילן זיך ניט שטילן.

נאָר מעג ער רעגענען מיט בעכן טרערן,
פאַרלעשן קאָן ער ניט דעם אונטערצינד,
און מעג ער קלאָגן מיט דער קלאָג פון ווינט,
ער קאָן דעם סדר־עולם ניט צעשטערן.

זיי אָבער דאַרפן אים ניט פאַר קיין רעטער,
ווייל טויט ווי לעבן נעמען אָן די בלעטער.

7

ווייל טויט ווי לעבן נעמען אָן די בלעטער,
דערפאַר איז זייער טויט ניט קיין פינאַל
און זייער יענע־וועלט איז די וועלט־אַל:
די ערד, די לופט, דער הימל און דער עטער.

כאָטש אַנדערש וועלן זיי, די טויטע, לעבן —
דער גוף וועט אויסברענען, נאָר מיטן רויך
וועט פון אים אויפגיין עפּעס ווי אַ הויך
און אויפן פּנים פונעם וואַסער שוועבן.

נאָר אויך דער אַש וועט זאַפטיקן און יוירן
און פּרי, נאָך אַ פאַרשנייטער, גרינס געבוירן:
אַ בלאַט, אַ גראָז, ווי אויסגעפּיקט פון איי.

ווי טויט און לעבן זיינען שטאַרק פאַרשיידן,
אַזוי איז שווער זיי צו פונאַנדערשיידן, —
עס זיינען פון איין גאַט געשטאַלטן צוויי.

8

עס זיינען פון איין גאָט געשטאַלטן צוויי
די כלומרשט היפּוכדיקע טויט און לעבן —
דער זעלבער פּאָדעם פון אַ שפּול אין וועבן,
וואָס ווייזט זיך און באַהאַלט זיך, זיינען זיי;

די זעלבע זון — אויף איין אָרט אויפגעוועקט
און ערגעץ גלייכצייטיק זי לייגט זיך שלאָפן;
דאָס זעלבע וואַסער, וואָס אין טייך איז אָפן
און אין דער ערד — אַ קוואַל, וואָס איז פאַרדעקט.

די בלעטער ווייסן דאָס שוין גרינערהייט
און ווערן מיט דער קלוגער עלטער בונטער
אין זיכערקייט, אַז ס'גייט די וועלט ניט אונטער,
נאָר האַלט זיך אויף אַ גרונטפעסט וואָס באַשטייט.

זיי זיינען זיכער — גאָט איז דער יסוד
און זיכער, אַז זיי אייביקן אין גאָט.

9

און זיכער, אַז זיי אייביקן אין גאָט,
אויך די־וועלט האָבן ניט פאַרשעמט די בלעטער,
געפריידט זיך און געטרויערט — לויטן וועטער
און וועדליק זייער מזל דרייט דאָס ראָד:

מיט פייגלשן געזאַנג זיך אָנגעשטימט;
מיט ווינטעלעך געצאַפּלט זיך, געהוליעט;
אין שטורעם איינס צום צווייטן זיך געטוליעט;
אין רעגן אויסגעוויינט זיך און געגרינט;

געשווינגן מיט דעם אָטעם פון פאַרנאַכט;
געפּליסטערט מיט די סודות פון די שטערן,
און אויסגערוישט די פרייד פון טאָג אין ווערן,
ביז זייער רינג פון טעג האָט זיך פאַרמאַכט.

ערשט מיט דעם רינג פון טעג אַרומגענומען,
זיי פאַלן צו די פיס פון טויט ווי בלומען.

10

זיי פֿאַלן צו די פֿיס פֿון טויט ווי בלומען
אין זייער פֿולער אויסגעריַיפֿטער פּראַכט
די בלעטער די באַזיגטע אָן אַ שלאַכט,
וואָס האָבן טויט ווי לעבן אָנגענומען.

אַ פֿאַלשער זיגער איז דער טויט אין אָסיען,
וואָס זיגט, אין לעבנס שאָטן זיך פֿאַרשטעלט,
און נאָכדעם פּאַראַדירט ער׳ ווי אַ העלד,
פֿון בלעטערפֿאַל באַוואָרפֿן ווי אַ חתן.

ס׳באַגריסן אים די בלעטער, נאָר זיי ווייסן,
אַז דער פּאַראַדנער טויט איז אויך פֿאַרפֿירט,
ווייל ס׳גייט מיט אים דאָס לעבן פֿאַרמאַסקירט;

און חיות האָבן נאָך געגנוג די מתים
צו ציען זייער המשך ווי אַ גומע —
צו זיין דאָס מיסט פֿאַר די, וואָס וועלן קומען.

11

צו זיין דאָס מיסט פֿאַר די, וואָס וועלן קומען,
איז צו נעגירן, אַז ס׳איז מיסט פֿאַראַן,
נאָר אַז עס האָט די ערד אַווירטשאַפֿטס-פּלאַן
עס זאָל איר פֿעטס ניט ווערן אויסגענומען;

עס זאָלן זיך ניט אויסנעמען די פּלאַנצן,
קיין טויטער מדבר זאָל די ערד ניט זיין,
און זיינע צווייגן, וואָס דער טויט ברעכט איַין,
דער בוים פֿון לעבן זאָל צוריק פֿאַרגאַנצן;

דער גרוב פֿון טויט זאָל זיין דער בויך פֿון לעבן,
די ערד — פֿאַר וואָרצל-פֿינגער ליים צו קלעפּן
און בויען היינט אויף נעכטיקן יסוד.

אַז וויל דעם בלעטערפֿאַל, וואָס האָט בטחון,
אַז ער וועט זיין דער גרונט פֿאַר נייע צמחים
און זיין דאָס גאָלד פֿון זייער יונגן זאָט.

12

און זיין דאָס גאָלד פון זייער יונגן זאַט
די זשאַווערדיקע בלעטער וועלן ווייטער —
אין זייערע אומענדלעכע פאַרבייטער,
ווייל אייביק איז די ערד אין בונד מיט גאָט.

און ווייטער וועלן בלעטער וועלקן בונט
מיט אַלע רעגן־בויגנדיקע פאַרבן —
אַ צייכן זיין, אַז גאָט וועט ניט פאַרדאַרבן,
און עדות זיין, אַז ער היט אָפּ דעם בונד.

און ווייטער וועט דאָס זיין אַ בלעטערפאַל —
אַ שיינער פייערלעכער דאַנס מאַקאַבר.
ס'איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען דער מחבר,
וואָס וואָלט פאַרטראַכט אַ שענערן פינאַל.

די בלעטער דאַנקען גאָט פאַר זיין גענאָד,
זיי שאָרכען אויפן באָדן פון דעם סאָד.

13

זיי שאָרכען אויפן באָדן פון דעם סאָד
די טויטע בלעטער, גאָרניט ווי קיין טויטע, —
מיט יעדן ווינטל זיינען זיי גאָר נוטה
אַ דריי צו טאָן זיך אין אַ קאַראַהאָד.

אין קופּעס אויף דער ערד, וואָס זאַמלט איין,
באַהאַפטן מיט דעם רבים, ניט יחידיש, —
וואָס שאָרכען זיי? פאַרטרויען זיי דעם חידוש,
אַז נאָכן טויט הערט נאָך ניט אויף דאָס זיין?

עס פרעגט דער תם; ווער ס'קאָן ניט פרעגן, וויים
דעם ענטפער, וואָס דער חכם קאָן ניט געבן, —
די הארבע קשיה וועגן טויט און לעבן
איז פאַר די בלעטער פשוט אַלף־בית.

זיי שאָרכען, שעפּטשען, דעקן אויף אַ סוד,
זיי לאָזן הערכן: — אדושם אחד.

14

זיי לאָזן האָרכן: — אדושם אחד.
געאייניקט איז אַלצדינג אין גאָט דעם איינעם
און טויט און לעבן זיינען אַלטע שכנים
אין אַלעמאַל-באַנייטן הויז פֿון גאָט.

די שכנים אונטער איין און זעלבן דאַך
זיי זיינען פֿון דעם הויז די איבערבויער.
אַז ניי זאָל תּמיד זיין דאָס הויז פֿון דויער,
אין פֿייער וואַרפֿן זיי אַן אַלטע זאַך.

ווי בלעטער זיינען גרייט, זײַ גרייט, בר-נש,
אין פֿייער פֿון דער צייט פֿאַרברענט צו ווערן,
נאָר טרייסט זיך, ווייל אין גאָט וועסט דו געווערן,
וועסט אויפֿשטיין ווי דער פֿעניקס פֿון דיין אַש. —

אַזוי די בלעטער ריידן שטיל און מאַט,
מיט זון און טוי, מיט רו און שטורעם זאַט.

15

מיט זון און טוי, מיט רו און שטורעם זאַט,
צום טויט, ווי צו אַ יום-טוב בונט-געקליידטע,
די בלעטער ווי קרבנות ניט-געניייטע
אַליין צום באָדן פֿאַלן בלאַט נאָך בלאַט.

אויף דר׳ערד פֿון גאָטס מזבח טוט ניט וויי,
דער כּהן האַרבסט איז ווי אַ גוטער בעטער,
ווייל טויט ווי לעבן נעמען אָן די בלעטער, —
עס זיינען פֿון איין גאָט געשטאַלטן צוויי.

און זיכער, אַז זיי אייביקן אין גאָט,
זיי פֿאַלן צו די פֿיס פֿון טויט ווי בלומען
צו זיין דאָס מיסט פֿאַר די, וואָס וועלן קומען,
און זיין דאָס גאָלד פֿון זייער יונגן זאַט.

זיי שאָרכען אויפֿן באָדן פֿון דעם סאָד,
זיי לאָזן האָרכן: — אדושם אחד.

טריאָלעטן

א תפילה

אַ בענטש מיך, גאָט, מיט דעם טאַלאַנט
פון דיין פאַרבאָרגן ליכט צו זייגן,
ווי אין דער פינצטער דער בריליאַנט.
אַ בענטש מיך, גאָט, מיט דעם טאַלאַנט
צו דורכלויכטן די שוואַרצע האַנט,
וואָס אויף די אויגן וועט זיך לייגן.
אַ בענטש מיך, גאָט, מיט דעם טאַלאַנט
פון דיין פאַרבאָרגן ליכט צו זייגן.

אַ דאַנק די טרערן

די אויגן טובל איך אין טרערן,
דעריבער שימערט ליכט אין זייער טוי,
וואָס פינקלט קעגן מאָרגן-שטערן.
די אויגן טובל איך אין טרערן,
דעריבער קעגן זון זיי ווערן
ווי וואַסער-שפּיגלען עקזאַלטירט אַזוי.
די אויגן טובל איך אין טרערן,
דעריבער שימערט ליכט אין זייער טוי.

אַ פֿויגל אין באַגינען

איך בין אַ פֿויגל אין באַגינען
און שירה זינג איך, ווען ס'איז גרוי,
פֿאַרהאַנגען מיט טומאַן־גאַרדינען.
איך בין אַ פֿויגל אין באַגינען —
איך ווייס, דער נעפּל וועט צערינען
און ס'וועט צעפֿינקלען זיך דער טוי.
איך בין אַ פֿויגל אין באַגינען
און שירה זינג איך, ווען ס'איז גרוי.

אַ ווּונטש

כ'וואָלט וועלן זיין דער מאָרגן־שטערן,
גרוים ליכט צו אָנזאָגן דער ערד,
כאָטש ווען ס'וועט זיין, וועל איך ניט ווערן.
כ'וואָלט וועלן זיין דער מאָרגן־שטערן
און זאָל מיך ס'גרויסע ליכט פֿאַרצערן —
פֿאַר פֿרייד פֿון ברענגען פֿרייד איז ווערט.
כ'וואָלט וועלן זיין דער מאָרגן־שטערן,
גרוים ליכט צו אָנזאָגן דער ערד.

ווען ס'איז דאָ אַן אויבן

צו גאָט אין הויכן הימל מיינע לויבן,
צו וועמען כ'שטרעב און קיינמאָל ניט דערגרייך,
נאָר ווייל איז אונטן, ווען ס'איז דאָ אַן אויבן.
צו גאָט אין הויכן הימל מיינע לויבן —
צו אים, אַז כ'קוק, מיין קאָפּ איז אויפֿגעהויבן;
צו אים, אַז כ'שטרעק זיך, וואַקס איך אין דער הייך.
צו גאָט אין הויכן הימל מיינע לויבן,
צו וועמען כ'שטרעב און קיינמאָל ניט דערגרייך.

סגי־נהורדיק

אַ שטעקן פֿון אַ בלינדן איז מיין גלויבן,
נאָר ער געפינט דעם גלייכן וועג צו גאָט,
ווי פון דער פרעמד דעם וועג אַהיים די טויבן.
אַ שטעקן פֿון אַ בלינדן איז מיין גלויבן,
נאָר ער טאַפּט אַן גאָטס פוסטריט אינעם שטויב און
אין זיינע פוסטריט בלאָנדזשעט ניט מיין טראָט.
אַ שטעקן פֿון אַ בלינדן איז מיין גלויבן,
נאָר ער געפינט דעם גלייכן וועג צו גאָט.

איבערצייגט

איך דאַרף ניט אָנזען גאָט אין פּנים
צו וויסן, אַז ער איז פאַראַן —
ווי קאָן די וועלט געמאָלט זיין אָן אים?
איך דאַרף ניט אָנזען גאָט אין פּנים
צו זאָגן עדות, אַז איך קאָן אים —
כ׳זע געטלעכקייט אויף יעדן שפּאַן.
איך דאַרף ניט אָנזען גאָט אין פּנים
צו וויסן, אַז ער איז פאַראַן.

די לעצטע שעה

ווען עס זאָל די לעצטע שעה ניט שלאָגן,
שלאָגט זי ווי אַן אויפרייס מיט אַ גרויל,
מעגסט אַפילו פרי נאָך ווידוי זאָגן.
ווען עס זאָל די לעצטע שעה ניט שלאָגן,
קאָנסטו ניט פאַר שרעק אַפילו קלאָגן
און דו גליווערסט מיט אַן אָפן מויל.
ווען עס זאָל די לעצטע שעה ניט שלאָגן,
שלאָגט זי ווי אַן אויפרייס מיט אַ גרויל.

נייגעבורט

שווער איז דער נשמה מיט דעם גוף זיך שיידן,
ווי דעם שווער־געבוירענעם — מיט זיין מוטערס בויך,
וואָרן ס׳איז ניטאָ קיין חילוק צווישן ביידן.
שווער איז דער נשמה מיט דעם גוף זיך שיידן,
טויט פאַר איר איז אָבער נייגעבורט אין ליידן,
קומט דער מלאך־המוות, נעמט זי אָפּ מיט כוח.
שווער איז דער נשמה מיט דעם גוף זיך שיידן,
ווי דעם שווער־געבוירענעם — מיט זיין מוטערס בויך.

גאָלדיק

ניט מאָלט דעם טויט מיט שוואַרצע פאַרבן,
נאָר גאָלדיק ווי די שניטצייט מאָלט,
ווען זאַנגען זאַמלט מען אין גאַרבן.
ניט מאָלט דעם טויט מיט שוואַרצע פאַרבן,
ווען פון די טויטע זאַנגען אַרבן
די ווייצן־קערנער זייער גאָלד.
ניט מאָלט דעם טויט מיט שוואַרצע פאַרבן,
נאָר גאָלדיק ווי די שניטצייט מאָלט.

חקירה

אויף יש׳יקייט פון גייסט זאָגט עדות יעדער רעיון;
אַז גאָרנישט ניט פאַרשווינדט, די וויסנשאַפט באַווייזט;
אַ יש קאָן בלויז פאַרלוירן גיין למראית־עין.
אויף יש׳יקייט פון גייסט זאָגט עדות יעדער רעיון, —
ווי מאָלט זיך אַז אַ יש זאָל פּלוצעם ווערן אַין
און פריער נאָך פון גוף זאָל ווערן נישט זיין גייסט?
אויף יש׳יקייט פון גייסט זאָגט עדות יעדער רעיון;
אַז גאָרנישט ניט פאַרשווינדט, די וויסנשאַפט באַווייזט.

דויער

פון אַלע ביינער דויערהאַפטער איז דער שאַרבן, —
ווי דויערהאַפט איז גייַסט — דער רוח-אלוהים,
וואָס איז ניט קיין מאַטעריע און קאָן ניט דאַרבן!
פון אַלע ביינער דויערהאַפטער איז דער שאַרבן
און ס'קאָן די צייט זיין אַלטן שטערן ניט צעקאַרבן
אין זכות בלויז פונעם גייַסט, וואָס האָט געוווינט אין אים.
פון אַלע ביינער דויערהאַפטער איז דער שאַרבן, —
ווי דויערהאַפט איז גייַסט — דער רוח-אלוהים!

אחרי-מות

ווען דו וועסט אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם,
וועט אויף די וואַסערן דיין אָטעם שוועבן
און שלייכן איבער וואַלקנס וועט דיין שאָטן.
ווען דו וועסט אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם
און ס'וועלן שוין די ביינער זיין צעשאָטן,
וועט אחרי-מות פון גוף דיין גייַסט נאָך לעבן.
ווען דו וועסט אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם,
וועט אויף די וואַסערן דיין אָטעם שוועבן.

מיין צוואה

אויף מיין לוויה מאַכט ניט קיין הספדים,
בלויז לייענט מיינע לידער וועגן טויט, —
כ'מעסט אָן שוין די תכריכים בלא-יודעים.
אויף מיין לוויה מאַכט ניט קיין הספדים, —
דער גוף מעג זיין אַ גולם אויפן בוידעם,
דער גייַסט איז אָבער אַ נר-תמידם קנויט.
אויף מיין לוויה מאַכט ניט קיין הספדים,
בלויז לייענט מיינע לידער וועגן טויט.

איבערזעצונגען

יעווג. יעווטושענקאָ

באַבי־יאַר

(פון רוסיש)

ניטאָ אויף באַבי־יאַר קיין מאָנומענט,
פון באַרג דער אָפּרים איז דער שטיין געשטעלטער.
מיך גרוילט. כ׳בין אַלט אַזוי אין דעם מאָמענט,
ווי ס׳איז דעם פאָלק ישראלס טיפע עלטער.

עס דאַכט זיך מיר אַצינד, אַז כ׳בין אַ ייִד.
אָט פיבער איך אין אור־אַלטן מצרים.
און אָט בין איך געקרייציקט, און עד־היום
די נעגל־שטעך אויף מיר פאַרוואַקסן ניט.

און ווייטער דאַכט זיך מיר, אַז איך בין דרייפוס.
דער פעבל איז מיין מוסר און מיין שופט.
כ׳בין הינטער גראַטעס. אין אַ קלעם בין איך, —
באַליגנערט און באַשפּײַט, מיט שליפעס אָפּגעריסענע,
און ס׳קוויטשען דאַמעלעך מיט שפּיצן בריסעלער
און טיקען מיט די שירעמס אין געזיכט.

עס דאַכט זיך מיר —
איך בין אַ ביאַליסטאָקער ייִנגל.
עס גיסט זיך בלוט און פליסט אין יעדן ווינקל.
עס בושעווען די רעדל־פירער פון טראַקטיר
און ס׳זעצט פון זיי אַ גרוך אָן אָבלדיקער
פון שנאַפּס צונויפגעמישט מיט ציבעלע.
אָן אָפּגעשטופּטער מיט אַ שטיוול, מאַכטלאָז,
אומזיסט ביי די פּאָגראָמשטשיקעס בעט איך רחמים.
געהעצט פון רוף: „שלאָג יידן, רוסלאַנד ראַטעווע!”
מיין מאַמען אַ פּריקאַשטשיק קאַטעוועט.

אָ רוסיש פאָלק דו מיינס! איך ווייס גאַנץ גוט,
אַז דו ביסט אינטערנאַציאָנאַל בפועל־ממש,
נאָר ס׳האָבן יענע מיט די הענט אין בלוט
זיך מיט דיין ריינסטן שם געמאַכט רעקלאַמע.
איך ווייס — מיין לאַנד איז גוט, האָט אַלעם האָלד.
ווי געמיין, וואָס אָן אַ ציטער פון אָן אָדערל
עס האָבן די אַנטיסעמיטן גדול׳דיק
גערופן זיך: „פאַריין פון רוסישן פאָלק”!

עס דאכט זיך מיר, אז איך בין אנא פראנק —
א דורכזיכטיק גרין צווייגעלע אין פרילינג.
און כ'בין פארליבט, און נישט קיין פראזן איך פארלאנג,
צו קוקן פריינד אין פריינד — איז בלויז מיין ווילן.
ווי ווייניק איז צו שמעקן דא און זען! —
קיין הימל ניט און ניט קיין בוים מיט בלעטלעך.
מיר קאנען אבער טאן א סך, — מען קען
אין צימער פינצטערן ארומנעמען זיך צערטלעך.
מען גייט אהער? — ניט שרעק זיך. — אט די קלאנגען
דעם פרילינגס זיינען זיי— ער גייט, ער שפרייזט.
קום נעענטער, די ליפן גיך דערלאנג מיר.
מען ברעכט די טיר? — ניין, ס'פלאצט אזוי דאס אייז...

אויף באבי-יאר דאס ווילדגראז שוידערט, שארכעט.
ווי שופטים קוקן ביימער שטרענג אזוי.
דא שרייט אלץ שטילערהייט און אז כ'נעם פארכטיק
אראפ דאס היטל, פיל איך ווי כ'ווער גרוי.
אויך איך בין קלאנגלאז אויסגעשריי אצינד
אויף טויזנט טויזנטער אין דר'ערד דער קאלטער.
איך בין א יעדער דא דערשאסענער אלטער.
איך בין א יעדער דא דערשאסן קינד.

אלץ וואס אין מיר וועט דאס שוין ניט פארגעסן!
זאל דעמאלט שאלן דער „אינטערנאציאנאל״,
ווען ס'וועט דער לעצטער יידנפיינד א מת זיין
און שוין באגראבן — זיין פונאנדערפאל.

ניטא קיין יידיש בלוט אין מיין געבליט.
נאר טעמפ פון האס פארווארצלטן אין נעכטן,
פאר די אנטיסעמיטן בין איך ווי א ייד.
און אט דערפאר בין איך א רוס אן עכטער.

סערגיי יעסענין

געבלוי

(פון רוסיש)

אין דורזיכטיקער קעלט צעבלויען זיך די טאָלן,
דער קלאַפּ פון קלאָען דייטלעכער הילכט אויף.
דאָס גראָז אין אָפּגעקראָכענער צעשפּרייטער פאַלע
פון אָפּגעווייטן קוסט דעם קופּער קלייבט צונויף.

דער רויער נעפּל ווי אַ דוהע ציט דורך גריבער,
ווי מאָך געקרויזטער וויקלט איַין די וויסט,
און איבערן טייכל הענגט זיך דער פאַרנאַכט אריבער,
אין ווייסן וואַסער שווענקט די בלויע פּיס.

✶

פון אָסיענקעלט צעפּאַרבט די האָפענונגען זיינען,
מיין פערד, אַ שטילער, ווי דער מזל גייט
און מיט דער פייכטער ליפּ, מיט דער בולאַנער זיינער
ער כאַפּט דעם פאָכעדיקן ברעג פון קלייד.

אין וויטן וועג מיך ציען אומגעזעענע סליאַדן
ניט צו אַ שלאַכט און ניט צו רויִקייט —
פאַרשווינדן וועט פון טאָג די גאָלדענע פּיאַטע,
די מי וועט לייגן זיך אין קאָרב פון צייט.

✶

די פליכעוואַטע בערגלעך און דער זאַמד אין גראָבנס
אין אָפּשיין רויטלען זיך מיט שיטנדיקן ראָסט,
און ס׳טאַנצט די דעמערונג אין אומרו פון די ראָבן
און ווי אַ פּאַסטעך אין דעם מולד-האָרן בלאָזט.

אַ רויך אַ מילכיקער די דערפער ווינטיק ליוליעט,
נאָר ס׳איז ניט ווינט, ס׳איז לייכטער קלונג וואָס וויגט,
און רוס, אין בענקשאַפט פריילעכער זיך צוגעטוליעט
צום געלן באַרג-אַראָפּ, אַ דרעמלענדיקע, ליגט.

*

עס לאַקט אַ נאַכטלעגער, ניט ווייט שוין צו אַ כאַטע,
פון גאָרטן שמעקט פאַרוויאַלעטער אוקראָפּ,
אויף גרויע בייטן קרויט צעכוואַליעטע, קודלאַטע
גיסט אייל דער מולד־האָרן טראָפּ נאָך טראָפּ.

מיך ציט צו וואַרעמקייט, די לופט פון ברויט איך אָטעם
און אוגערקעס איך כראָמטשקע אין מיין טרוים.
דער הימל ציטערט אויף, צערודערט זיך אין שאָטן
און פירט אַרויס פון שטאַל אַ וואָלקן אויפן צוים.

*

אָ נאַכטלעגער אין פויערישע שטיבער!
דיין בלוט־צענומענקייט איז מיר באַקאַנט אַזוי.
די באַלעבאָסטע שלאָפט, און מיט די פיס אָן ליבע —
די פאַראַלמנהטע — דריקט איַין די פרישע שטרוי.

שוין העלער טאָג. אַ הייליק בילד אין ווינקל
מיט פאַרב פון טאַראַקאַנעס איז באַראַמט,
נאָר אויף דער מוטנער שויב אַ רעגנדל נאָך שפּרינקלט
און אין זיין מאָרגן־תפילה זיך פאַרזאַמט.

*

און ווידער ליגט פאַר מיר דאָס בלויע פעלד אַנטקעגן,
עס וויגן קאַליוזשעס אַ רויטע יונגע זון,
און נייע פרייד און לייד דאָס בלוט אין האַרצן וועקן
און ס׳קלעפּן נייע רייד זיך אויף דער צונג.

די בלויקייט גליווערט ווי אַ וואַסערל אין לויפן,
עס גייט מיין פערד, די לייצעס הענגען לויז,
און בלעטער פון זיין שירץ נעמט אָן דער ווינט אַ הויפן
און וואַרפט מיר נאָך, באַגלייט אין וועג אַרויס.

מערגיי יעסענין

ניט אומזיסט

ניט אומזיסט האָט ווינט געבלאָזן,
האָט געוויטערט ניט אומנישט —
מיינע אויגן אָנגעגאָסן
האָט אַ נסתר מיט שטיל ליכט.

מיט זיין גנאָד דעם פרילינגדיקן
האָב איך טרויערן אויפגעהערט
נאָך אַ שיינער אַ ניט-היגער,
נאָך אַ רעטזלהאַפטער ערד.

דריקט ניט מילכוועג מיט זיין שטומען
און דער שטערן-פחד פעלט.
פלוצעם האָב איך ליב באַקומען
ווי אַ פאַטערם הויז די וועלט.

אַלץ אין איר איז הייליק, זעליק,
אַלדאָס אומרויִקעס לייכט,
רויטער מאָן פון שקיעה קוועליק
פליעסקעט אויפן גלאָז פון טייך.

און אין קאַרענעס געווימל
היימיש ווי מיט שטרוי אַרום
לעקט דער אָפגעקעלבטער הימל
ס'רויטע קעלבעלע — די זון.

סערגיי יעסענין

מיט רחבות גרעטשענער

מיט רחבות גרעטשענער אין ברוסט,
מיין ענגער היים בין איך ניט גערן.
איך וועל אוועק מיט וואַנדערלוסט,
אַ וואַגאַבונד, אַ גנב ווערן.

כ׳וועל אַ כאַלופּקע זוכן גיין
אין ווייסן טאָג אין קוטשעראַוועץ,
און שאַרפן וועט מיין פריינד אַליין
אויף מיר זיין מעסער אין כאַליאַווע.

מיט זון און פרילינג איז אַרום
געוויקלט געלער וועג פון קרייטער;
און די, וואָס כ׳היט איר נאָמען פרום,
וועט פון איר שוועל מיך טרייבן ווייטער.

און קערן זיך איך וועל אַהיים,
די פרעמדע פרייד וועט טרייסט ניט ברענגען.
אין גרינעם אָוונט אין געהיים
איך וועל זיך אויף מיין אַרבל הענגען.

די גרויע ווערבעס אויף מיין טויט
די קעפ נאָך צאַרטער וועלן בייגן.
מען וועט אַן אומגעוואַשענעם ביים פּלויט
צום וואַי פון הינט אין דר׳ערד מיך לייגן.

ס׳וועט שווימען די לבנה הויך,
אין אַזיערעס די וועסלעס זינקען,
און רוס וועט לעבן אַן מיר אויך,
ביים פּאַרקאַן טאַנצן, טרערן שלינגען.

סערגיי יעסענין

ערשטער שניי

גיי איך אין ערשטן שניי, און אין מיר
בליען לאַנדישן, כוח דערוואַכט.
מיט אַ ליכטל פון בלויען קאַליר
אויף מיין וועג צינדט אַ שטערן די נאַכט.

אַ איך ווייס ניט צי ס׳פינצטערט צי ס׳העלט?
שאַלט דער ווינט צי עס קרייט גאָר אַ האָן?
אפשר גאָר שטאָט דעם שניי אויפן פעלד
אויפן גראָז פליען שוואַנען זיך אָן.

ווייסע גלאַטקייט, ווי רייצפול דו ביסט!
פרעסטל, וואָרעמסט מיין בלוט מיט אַ קנייפּ.
די אַנטבלויזטע בערעזעשע בריסט
ווילט זיך דריקן אַזוי צו מיין לייַב.

אָ פון וואַלד קאַלעמוטנעם דער רוף!
אָ פון פעלדער פאַרשנייטע די פרייד!
ס׳ווילט זיך שליסן די הענט אַרום גוף
פון דער ווערבע, וואָס שטייט אָן אַ קלייד.

צו אַ קליאָן

קליאָן דו בלעטערלאָזער, קליאָן מיט אײַז פאַרגלייזטער,
אין דער זאַווערוכע איינגעבויגן שטייסטו.
הערסטו אַזוי אײַן זיך? קוקסטו אויסצושפּירן?
דאַכט זיך, ביסט געגאַנגען הינטערן דאָרף שפּאַצירן
און גלייך ווי אַ וועכטער, שיכורלעך אַביסל,
אינעם שניי פאַרזונקען, אָפּגעפרירט די פיס זיך.
אַ די פיס אויך מיינע — גאָרניט וואָס געוועזן,
ניט דערגיין אַהיים שוין וועל איך אונטערן גלעזל.
דאָרט פאַר ווערבעס, סאָסנעס ווי פאַר גוטע ברידער
אין דעם שניי געזונגען האָב איך זומער-לידער.
ווי אַ קליאָן אַליין זיך פאַרגעשטעלט אין זינען,
אָבער ניט אָן בלעטער, נאָר נאָך גאָר אַ גרינעם.
און אַרומגענומען ווי אָן אומפאַרשעמטער
האָב איך אַ בערעזע, ווי אַ ווייב אַ פרעמדע.

סערגיי יעסענין

די קו

אַלט, אָן קיין צאָן; שוואַך, פאַרחלשט;
הערנער — מגילות פון טעג;
לעצטע אין סטאַדע פון אַלע;
ערשטע צום פאַסטעכס געשלעג.

ס'האַרץ איז דעם טומל ניט גערן —
מייזעלעך קראַצן אין שטאַל.
קלערט זי אַ טרויעריק קלערן
וועגן ווײַספּיסיקן קאַלב.

מוטער פון קינד אָפּגעריסן,
פרייד איז געווען און — געפעלט.
אונטער אַ בוים האָט געשמיסן
ווינט אויף אַ פלאָקן אַ פעל.

באַלד וועט מען זי ווי איר ביקל
נעמען פון גרעטשענער שטרוי,
שלײַפן איר האַלדז מיט אַ שטריקל,
פירן צום שעכטן אַזוי.

דאָרשטיקע הערנער נאָך רחמים
עקבערן וועלן די ערד...
ווייסוואַלד און גראָזענע פלאַכן
וועלן ניט האָבן קיין ווערט.

סערגיי יעסענין

מיר גייען אַוועק

אין דעם לאַנד, ווו רויִק אַלע בלייבן,
גייען מיר איצט ביסלעכווייז אַוועק.
אפשר באַלד אויך איך וועל דאַרפן קלייבן
מיינע ווייסטע בעבעכעס אין וועג.

איר בערעזע-וועלדער מיינע ליבע!
ערד און זאַמד וואָס אונטער מיינע טריט!
זע איך ווי מען פעקלט זיך אַריבער,
שטיקן קאָן איך ניט מיין שווער געמיט.

צופיל ליב געהאַט האָב איך דעם חומר,
אַלץ וואָס קליידט די זעל אין קערפער אָן.
פריד ביים ברעג צו די צעשפּרייטע ביימער,
וואָס פאַרקוקן זיך אין ראָזן תהום.

פיל רעיונות האָב איך דורכגעקלערט דאָ,
לידער אויך האָב איך אַ סך פאַרפאַסט,
און אַפילו אויף דער כמורנער ערד דאָ
בין איך גליקלעך וואָס איך בין איר גאַסט, —

וואָס כ'האָב פרויען אויסגעקושט די גלידער
און געוואַלגערט זיך אויף גראָז און צווייט;
וואָס כ'האָב חיות גלייך ווי קליינע ברידער
איבערן קאָפּ געשלאָגן קיינמאָל ניט.

כ'ווייס אַז ס'בליט ניט וואַלד אין לאַנד אין יענעם,
קאָרן קלינגט ניט מיט זיין שוואַנענהאַלדז,
אָט דערפאַר אַז כ'זע אַוועקגיין וועמען,
פיל איך ווי עס ציטערט אין מיר אַלץ.

כ'ווייס אַז דאָרט, ווי איצט אין שקיעה-פייער,
וועט דאָס פעלד ניט גאָלדיקן זיך מער,
אָט דערפאַר מיר זיינען מענטשן טייער,
וואָס מיט מיר דאָ לעבן אויף דער ערד.

ראָבערט פראָסט

די מייסטער־שנעלקייט

(פון ענגליש)

דעם ווינט פעלט אימפּעט, ראַשיק וואַסער קריכט,
צום שנעלסטן וואַנדערט איר. איר קאָנט אַרויף
צוריק צום הימל אויף אַ שטראָם פון ליכט
און קעגן צייטשטראָם טאָן צוריק אַ לויף.
געשענקט איז אייך די פלינקייט — ניט פאַר האַסט,
איר זאָלט ניט בלויז וווּהין איר ווילט נאָר — גיין,
נאָר ווו אַלצדינג צו זיין פאַרשווענדונג ראַשט,
ביכולת זאָלט איר זיין צו בלייבן שטיין —
אַוועק פון אַלץ אין שטילשטאַנד און באַוועג.
אַ פּאָר ווי איר, מיט אימפּעט אין קאָנטראָל,
קאָן גאָרנישט ניט צעשיידן, זיין אין וועג,
אויב איר האָט אָפּגעמאַכט אויף אַלעמאָל,
אַז לעבן איז בלויז לעבן נאָך און נאָך, —
אַ פליגל צו אַ פליגל אין געפּאָך.

ג אָ ל ד

דאָס ערשטע גרין איז גאָלד.
גאָלד בלייבט ניט ווי געמאָלט.
דער ערשטער בלאַט איז צוויט,
וואָס נאָר אַ ווײילע בליט.
אין בלאַט גייט בלעטל איַין.
אַזוי אין צער אַריין
דער עדן איז אַרונטער.
אַזוי דעם אויפגאַנגס וווּנדער
פאַרגייט אין טאָג פון טעג.
גאָלד היט ניט זיין פאַרמעג.

ראָבערט פראָסט

אונטערוועגנס

כ׳ווייס, דאַכט זיך, וועמעס איז דער וואַלד.
זיין הויז איז אָבער ניט דאָ באַלד.
ער וועט ניט זען ווי כ׳שטעל זיך אָפּ
און קוק ווי שניי מאַכט פול זיין האָב.

מיין פערדל זעט עס מאָדנע אויס,
וואָס כ׳שטעל זיך אָפּ ניט לעם אַ הויז,
נאָר צווישן וואַלד און וואַסער גאָר
אין טונקלסטן פאַרנאַכט פון יאָר.

די גלעקלעך טרייסלט ער צעמישט,
פרעגט אָן צי כ׳האָב קיין טעות נישט.
דעם קלאַנג פון גלעקלעך ענטפערט בלויז
פון ווינט און שניי אַ ווייך גערויש.

דער טונקל-טיפער וואַלד איז פיין.
נאָר איך דאַרף פיל מקיים זיין.
כ׳פאָר ווייטער איידער איך שלאָף איין,
כ׳פאָר ווייטער איידער איך שלאָף איין.

אברהם צבי הלוי

דער צבר

(פון העברעיש, מיט דער
הילף פון משורר)

בײם ראַנד פון מדבר וואַקסטו, גרינער יאָזש, אָן גלאַנץ, אָן פּראַכט.
אין טריבער לאַנדשאַפט וואָרצלסטו, באַשטײסט אין דר'ערד וואָס שמאַכט.
מיט בײזע דערנער װײזסטו האָס אַרום דער װיסטער װעלט.
דײן קרוין איז אָן אַ פויגלנעסט, דײן שאָטן שפּיל פון קינדער פעלט.
היענע און שאַקאַל בײ דיר אין שכנות הויערט ניט פאַרטאָג,
בלויז שלאַנג און יאַשטשערקע באַוװינען דײן געפלעכט פון צװײַגן
און דער האָרבאַטער קעמל, אַ געלאָדענער מיט שװײַגן,
אין דיר זײַן פעל, די זוילן־האַרטע, קראַצט זיך ניט־געיאָגט.
אַלײן און שטאַרק, אין מויל פון דער פאַרשווערנדיקער נאַכט,
ביסט דו געהער אין גאַנצן און אַ פולער מיט פאַרדאַכט,
אַ בלוט־עדות קעגן אדומס שווערד, ישמעאלס קינזשאַל
און קעגן הימל, וואָס ער טריפט נאָך ליכט ווי ראָסעפאַל.

בײטאָג טוט שמײסן דיך די זון מיט פײַערדיקע ריטער
און ווי אַ חיה אַ פאַרוווּנדעטע דער חמסין איז ביטער
און ס'לוגט אויף דיר דער מדבר, צילט צו שפּרינגען צו דײַן האַלדז,
ווי אויף מײַן אײנציק לאַנד, וואָס איז געבליבן מיר פון אַלץ.
דו שטאַרקער, טראָציקער, פעלדזיקער געוויקס וואָס פאַלט ניט אום, —
דו לערן מיך זיך טיף צו וואָרצלען קעגן דעם סאַמום
און פיר מײַן קאָכעדיקן גרימצאָרן אין וועגן פון געדולד
צו בויענדיקער מי און גאולהדיקן ווידערשטאַנד.
אוי ווײ, כ'האָב זיך געקערט צו פרעמד געזאַנג, רציחה־קולט.
נאָר איז דען דאָ פאַר זויגלינגס בלוט און שוועסטערס שאַנד
אַזאַ נקמה פון אַ מענטש, אַ טרייסט אַזאַ אין צער?
אַ שטאַרק מיך, מוטיק, בײזער ברודער מײַנער, דו צבר!

אברהם צבי הלוי

פון לײַב גיי, וווּנדער, אויף

אין טאָג פון פיל הריגות פאַלן הייליקטימער.
די וועלט פון סדר קרישלט זיך, דער אָפּגרונט שרעקט.
צו גאָט, וואָס הילט זיך אײַן, דער שטעג איז אָפּגעמעקט.
צעטומלטע אין וויסט, מיר בלאָנדזשען אָן אַ גלימער.

דער נס איז ניט געשען, די שחיטה איז אָן זינען,
אַנטרינען מיר צו אונדזער לײַב, דער לעצטער שוץ.
ערשט זע, דער וווּנדער ברענט אין אים גאָר, ניט מחוץ.
פון לײַב גיי, וווּנדער, אויף, באַהערש די וועלט פון שנאה.

איצט גיי און ליב אַ פרוי און ליב דיין היימלאַנדס ערד
און האַלט זיך אָן אין זיי ווי אין מזבחס ווינקלען.
פאַרזיי אין זיי דיין זרע, און דיין בלוט וועט זינגען,
און וויַיך פון גרויסע זאַכן, וואָס דיין האַרץ באַגערט,
ווייל נצח איז אַ דאַכטונג, וואָר איז די מינוט.
אָנזיכי אויף די לוחות שרייבט דיין געטלעך בלוט.

נייע לידער

ביים ים

ווי שטיל איז אויף יענער זייט

דער ים ביי די ברעגן איז ברויזיק
און שטילער — וואָס ווייטער פון לאַנד,
ביז דאָרט ווו אין בעט, וואָס איז רויזיק,
די זון איז אויף יענער זייט ראַנד.

דער גלי פון דער שקיעה ווערט אַשיק,
דער הימל ווערט בלויער, ווערט שוואַרץ.
דער ים ביי די ברעגן איז ראַשיק,
געמיטלעכער דופקט זיין האַרץ.

אַ מושל וואָס רוישט איז מיין אויער,
אַפילו ווען מער ניט ביים ברעג,
און לאַנג אין מיין אויג איז דער דויער
פון שוימיקן כוואַליעס-געיעג.

נאָר רויִק מיין האַרץ ווי דער ים איז
וואָס ווייטער און ווייטער פון לאַנד.
אַ שטערנדל שטום איז מרמז
ווי שטיל איז אויף יענער זייט ראַנד.

נצח און סוף

דער ים פּולסירט מיט נצחדיקער האַפּט
און צו דעם סוף די כוואַליעס זיינע שטערבן.
איך שטיי ביים ברעג פון ים און קוק פאַרגאַפט
מיט וואָסער דראַנג זיי נעמען זיך דאָס לעבן.

געצילט צו זייער קבר אויפן ברעג,
געוויקלטע אין שוים ווי אין תכריכים,
די כוואַליעס ווי אַ סטאַדע אין געיעג
צעברויזטע, איינע אויף דער צווייטער קריכן.

קומט אָן אַ כוואַליע, — איז דער ברעג פון שטיין,
צעברעכט זי זיך אין אים, זיך אויפצובינדן,
און אויב — פון זאַמד, באַגראָבט זי זיך אַליין,
אָן וויסן, אַז מען קאָן גאָר ניט פאַרשווינדן:

דער שטיין שטויסט אָפּ צוריק, דער זאַמד זאַפּט איַין,
נאָר מיטן ציל דעם ים צו איבערגעבן.
דער ים פּולסירט מיט נצחדיקן זיין
און צו דעם סוף די כוואַליעס ווידער שטערבן.

קורצער בין־השמשות

די זון אין ים האָט זיך פאַרלאָשן
און באַלד, אָן לאַנגע שהיות
האָט ים מיט הימל זיך צונויפגעשלאָסן
ווי פון אָן אויג די וויעס.

איך האָב ניט אָנגעזען דעם האָריזאָנט,
ווי כ'וואָלט די אויגן זיך פאַרבונדן,
כאָטש ליכט דער ברעג האָט אָנגעצונדן
און כאָטש דער ווייטער איז געוואָרן נאָנט.

איך וואָלט דעם ים אויך ניט געפונען,
ווי ער וואָלט אויסגערונען,
ווען ניט זיין קול,
וואָס מורמלט אַלעמאָל,
און ניט די ווייסע שוימענדיקע וועלן —
די מאַרמאָר־שוועלן,
וואָס ער צעברעכט זיי מיט געברויז,
כאָטש שפּאָגל־נייע לייגן באַלד זיך אויס
ניט צום אַריבערטרעטן
אין פריען מאָרגן צי אין אָוונט שפּעטן.

פייערן ווי אויגן

פון ווייטן אין אַ האַלבן קרייז,
ווו ס'איז בייטאָג דער האָריזאָנט געבויגן,
געגומען האָבן דאָרטן פאַרנוויין
זיך צו באַווייזן פייערן ווי אויגן.
מען זאָגט — דאָס כאַפּט מען פיש ביינאַכט,
נאָר מיר האָט זיך געדאַכט,
אַז ס'גלאָצן רויב־חיות פון דזשונגל
מיט אויגן גלייִקע אויף אונדזער ישוב.
זיי וואָלטן אים באַפאַלן אין דער טונקל,
נאָר ווי באַצויבערטע פון פייער־כישוף,
זיי בלייבן שטיין פאַר אונדזער ליכטיק לאַנד
און אונדז פאַרצוקן זיינען ניט אין שטאַנד.

קאָנטראַסטן

דעם ים-התיכון האָב איך ליב ביינאַכט,
ווען אין קאָנטראַסט צו זיין קרעפּ-שוואַרצער טראַכט
איז בלענדיקער זיין כוואַליענדיקער זוים
מיט ווייסער קרוזשעווע פון שוים.

די אויגן ווערן גאָרניט מיד
צו קוקן אויפן ווייסן בלענד,
וואָס בייט די פאָרמען אָן און ענד,
דאָך מיט אַ סדר ווי אַ ליד:
אָט האַלבע קרייזן, אויפגעשפּרונגענע
ווי פון אַ כלי זודיק מילך;
אָט גלייכע ליניעס, צעזונגענע
מיט רוישיקן געהילך.

און אויך דער הימל פול איז מיט קאָנטראַסט,
אויך ער איז אָנגעטאָן אין קרעפּ,
נאָר גאָרניט ווי אין טרויער ס׳פּאַסט —
זיין שוואַרצע טראַכט האָט דימענטענע קנעפּ.

און דאָרטן ווו ס׳האָט זיך אויף נאַכט
דער האָריזאָנט פאַרהאַנגען מיט גאַרדינען,
אַ שיף, וואָס שלאָפט ביי טאָג, צום אַנקער אַ געבונדענע,
האָט אויפגעוואַכט
נאָך זונפאַרגאַנג ווי אין באַגינען
און קוקט מיט לעמפּלעך אָנגעצונדענע.

אַ פויגל אויף די דראָטן

אין רעש און גאַז פון אויטאָבוסן
אַ פויגל טרילערט אויף אַ דראָט
און טעלעגראַפיש שיקט ער גרוסן
פון תּל־אביב צו יעדער שטאָט:

— שאַלאָם אײַך, פייגל אויף די דראָטן!
איך גרים דורך דעם עלעקטרע־שטראָם
אויך יענע, וועמען ס'איז פאַרבאָטן
צו ענטפערן אויף מײַן שאַלאָם.

שאַלאָם, ניו־יאָרק, אויך מאָסקווע, קיעוו!
אַ פרײַער זינגפויגל אײַך רופט.
ער זינגט, ניט ווײַל עס איז אַ חיוב,
נאָר שטימונגספול איז דאָ די לופט.

די לופט, ווען פול מיט גאַז אַפילו,
דאָ־הי צו אָטעמען איז גרינג.
ווי אין אַ סאָד מיט ביימער קילע,
אין קאָך פון שטאָט־פאַרקער איך זינג.

ניט פרעגט צי דאָ איז אַ גן־עדן,
דעם פויגלס וואָגלען ניט פאַרגעסט.
זאָל זײַן מײַן היימלאַנד איז באַשיידן,
נאָר דאָ אויף תּמיד איז אַ נעסט.

און ווערט בײַ אײַך די לופט אַלץ קעלטער,
אַהער פליט איבער — ס'איז מײַן טרוים.
בײַ אונדז איז היים, פאַרפלאַנצט מען וועלדער,
האָט יעדער פויגעלע אַ בוים.

שאַלאָם אײַך, פייגל, אויף די דראָטן,
גיט איבער אַלעמען מײַן גרוס.
איך זינג און טרילער ניט פון נאָטן,
נאָר פון געפילן־איבערפלוס.

לידער צו אַ פּאָעט

שרייב אַזוי:

ווי צו אַ חבר אַן אינטימען
און ווי פאַר דעם המון אַ הימען —
פון וואָס דו קלערסט, אין וואָרט זאָל קלאָרן;
פון וואָס דו טרוימסט, אין וואָרט זאָל וואָרן,
און ס'וואָרט זאָל ווי אַ דופק שלאָגן —
ס'זאָל ריטמען, זינגען, ניט נאָר זאָגן.

לשון

געגעבן איז אָדמען לשון
צו אָנרופן זאַכן ביים נאָמען.
געווען איז נאָך ניט אויסגעדראָשן
דאָס וואָרט ווי אַ זאַנג אַן די זאָמען.

האָט צוגעפּאַסט אָדם צום תוכן
געציילטע, נאָר לויטערע ווערטער,
וואָס האָבן די זאַכן באַלויכטן
ווי ברענענדיק, בוימל געקלערטער.

אַוועק זיינען דורות זינט דאַמאָלט,
זיין שפּראַך האָט בן־אָדם געשליפן,
אַן אוצר פון ווערטער געזאַמלט
צו קלאָר מאַכן מוטנע באַגריפן.

פּאָעט! פון דעם אוצר דעם רייכן
דאָס טייערסטע נעם, נאָר פאַרשווענד ניט —
אויב גאָרניט דו האָסט צו באַלייכטן,
מיט בלאַנקער מליצה פאַרבלענד ניט.

פאַרבלענד ניט, נאָר אויך ניט פאַרשאָטן
די פלאַכן פאַרשטעלטע פאַר תהומען.
דאָס לשון אַליין האָט געבאָטן
צו אָנרופן זאַכן ביים נאָמען.

ניטאָ קיין ווערטער פאַר די זאַכן,
וואָס ווערטער קאָנען קלאָר ניט מאַכן.

די ווערטער די פאַראַנענע
פאַר זאַכן זיינען זיי פאַרשטאַנענע.
נאָר אויפן דנאָ פון אונדזער זעל,
ווען די אויגן זעען העל,
דערבליקן מיר ניט־דייטלעך,
ווי דורך בעלמע־הייטלעך,
אַזוינס ווי אַלטע שוואָמען
און עפּעס־וואָס ווי נייע זאָמען,
ניט אָנגערופענע ביים נאָמען.

דאָס זיינען נעפּלדיקע אָנונגען,
פאַרגעסענע דערמאָנונגען,
געירשנטע פון אָבות,
און פאָרגעפילן, פאָר־מחשבות,
צעשוו·מענע,
פון וועגן טעג נאָך ניט געקומענע.

ניטאָ קיין ווערטער פאַר די זאַכן,
וואָס ווערטער קאָנען קלאָר ניט מאַכן.
נאָר דער, וואָס וועגן ניגלה שטאַמלט אויך,
ס'זאָל דאַכטן זיך, אַז טיפער פון דער שפּראַך
ער טוקט זיך אונטער, גרונטעוועט אַ זאַך, —
ער איז אַ טויכער אין אַ נעפּל ווי אַ רויך:
אַז אָנשטעל מאַכט ער אויף אַ טויך
אין וואַסער וואָס איז פלאַך.

אָן קונצן

איך שרייב אָן קונצן, כ׳בין אַ פּשטן,
הגם צו שרייבן לייכט איז שווער.
מיט שוואַרצער קונסט אַ קאַמופלאַזש טאָן
זאָל יענער, וועמעס וואָרט איז לער.

אָט גיט ער מיט אַ פלאַם אָן אָטעם,
אָט מאַכט ער אַ טומאַן דערפון.
ער לערנט זיך ביים האַר פון שאָטן,
אַ תלמיד איך בין ביי דער זון.

איך לערן אָפּ פון אירע מידות:
ווי זי באַלייכט, וואָס זי דערזעט,
אַזוי וואָס איך זע, אין מיין ליד עס
אַנטפּלעק איך, מאַך ניט קיין סעקרעט.

און לייכט קאָן יעדער אויסגעפינען
פון דורכזיכטיקן ליד ווי גלאָז
צי איז די פּשטות פול מיט זינען,
צי — ליידיק ווי אַ זייפנבלאָז.

אינהאַלט

ווען דער שאָטן ווערט לענגער (פאָרוואָרט) 5

אויף גאָטס באַראָט. אָפּטיילן:

ליד „אויף גאָטס באַראָט" 9
דאָרשטיק 10
לאַנד און וואַסער 24
ליבשאַפט 33
דור הפלגה 37

זון איבער אַלץ. אָפּטיילן:

טריאָלעטן 43
אין גרויס הויז 52
אויפן שוועל 69
באַגעגנט און ווייַט 75
אָרעמע שבתים 83
מייַנע לידער 86

אין שאָטן 87

בלוט שרייַט פון דער ערד 111

דאָרשט צום קוואַל. אָפּטיילן:

דאָרשט צום קוואַל 149
אין די בערג 160
אַ קאַראַלן־אינדזל 164
פון וואַנען איז אַ ייִד 167
טרויער און טרייסט 177
אין דזשונגל 186
בעלי־חיים 190
ביבליש 201
אַלערליי 210
מיין גאַנג 226

בלעטערפֿאַל. אָפּטײלן:

װײל איז מיר אין קלײנקײט 237
בײמער 245
אַלערלײ 257
צוריק פֿון יענער זײַט 279
בלעטערפֿאַל 282
טריאָלעטן 290

איבערזעצונגען 295

נײַע לידער. אָפּטײלן:

בײַם ים 311
אַ פֿויגל אויף די דראָטן 315
לידער צו אַ פּאָעט 316

מאיר זימל טקאטש

ביבליאָגראַפיע

צוזאַמענגעשטעלט פון

יעפים ישורין

תל־אביב, 1963

*

MEYER ZIML TKATCH

BIBLIOGRAPHY

Complied by

EPHIM H. JESHURIN

Tel-Aviv, 1963

מ. ז. טקאַטשס ווערק:

אויף גאָטס באַראַט
לידער און פּאַבלען. אַרויסגעגעבן פון פּאַרפּאַסער, ניו־יאָרק, 1927, 159 זייטן.

דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל
לידער און פּאַבלען פאַר קליין און גרויס. צעשינסקיס פאַרלאַג, שיקאַגאָ, 1933, 62 ז׳.

זון איבער אַלץ
לידער. צעשינסקיס פאַרלאַג, שיקאַגאָ, 1936, 108 זייטן.

אין שאָטן פון דור
לידער. פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1939, 62 זייטן.

נח׳ס קאַסטן
משלים און מעהשלעך. צעשינסקיס פאַרלאַג, שיקאַגאָ, 1942, 110 זייטן.

בלוט שרייט פון דער ערד
לידער. פאַרלאַג מחבר. ניו־יאָרק, 1946, 63 זייטן.

פון דור צו דור
מעשיות, אגדתות און לידער. פאַרלאַג מחבר, ניו־יאָרק, 1947, 96 זייטן.

דאָרשט צום קוואַל
לידער. פאַרלאַג „מחבר״, ניו־יאָרק, 1952 156 זייטן.

בלעטערפאַל
לידער. הויפּט פאַרקויף „ציקאָ״ ביכער־צענטראַלע. ניו־יאָרק, 1960, 94 זייטן.

מיין האָב און גאָב
געזאַמלטע פּערזן, ערשטער באַנד, פאַר־לאַג י. ל. פּרץ, ישראל, 1962, 253 זייטן.

מיין האָב און גאָב
געזאַמלטע פּערזן, צווייטער באַנד, פאַר־לאַג „מנורה״, תל־אביב, תשכ״ג, 1963, 318 זייטן.

אַרטיקלען וועגן מ. ז. טקאַטש: אין יידישע פּובליקאַציעס

אינדריק, מ. א.:
מ. טקאַטש: דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל. אינדריצעס יום־טוב שריפן, שיקאַגאָ, מאַי 1934.

אייזנמאַן, צבי:
מיין האָב און גאָב. פאָלקסבלאַט, תל־אביב, מערץ 1, 1962.

אַשעראָוויטש, מ.:
„אויסגעהאַקטע וועלדער״ און „דאָרשט צום קוואַל״. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, יאַנ. 18, 1953.

באַטאַשאַנסקי, יעקב:
מ. טקאַטשס נח׳ס קאַסטן. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, דעצ. 16, 1942.

באַטאַשאַנסקי, יעקב:
צוויי לערנביכער, וואָס מאַכן גאַנץ אונדזער לעבן. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, מאַי 20, 1955.

[באַשעוויס], יצחק וואַרשאַווסקי:
„בלעטערפאַל״ פון מאיר זימל טקאַטש. פאַרווערטס, ניו־יאָרק, מאַי 29, 1960.

בוכמאַן, א.:
מ. ז. טקאַטש — „דורשט צום קוואַל״. אונזער שטימע, פּאַריז, סעפּט. 3, 1954.

בילעצקי, י. ח.:
מאיר־זימל טקאַטש. ישראל־שטימע, תל־אביב, יולי 27, 1961.

ביק, אברהם:
דער קלאַנג פון פשטות. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מערץ 5, 1940.

בייזער, א.:
מאיר זימל טקאַטשס „איכה״. (בלוט שרייט פון דער ערד״, פון מ. ז. טקאַטש, 1946). געצעלטן, ניו־יאָרק, מערץ־אַפּריל 1946, ז״ז 94—96.

בייזער, א.:
„פון דור צו דור״. א נייער ביכעל לי־דער פון מ. ז. טקאַטש. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, יוני 22, 1947.

בייזער, א.:
דער דיכטערישער וועג פון מאיר זימל טקאַטש. אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, אויג. 22, 1947, ז״ז 9—11.

בענצעזאַר:
ביכער און זשורנאַלן. פּראָלעטאַרישער געדאַנק, טאָראָנטא, נאָוו. 15, 1933.

בראָנשטיין, יחזקאל:
זאָגער און זינגער. דער וועג, מעקסיקע, יוני 6, 1953.

בראַנשטיין, יחזקאל:
זאַגער און זינגער. „דאַרשט צום קוואַל" פון מאיר זימל טקאַטש. קענעדער אַדלער, מאָנטרעאַל, נאָוו. 14, 1955.

ברוידע, ש.:
מ. טקאַטשס לידער. אויפקום, ניו־יאָרק, אָקט. 1933, ז' 28.

ברינמאַן, י. ר.:
מ. טקאַטש: „דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל". אויפגאַנג, מרסיגעט, דעצ. 1933, ז' 21.

ברינמאַן, י. ר.:
מ. טקאַטש — „דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל". דער מאָמענט, וואַרשע, דעצ. 1, 1933.

ברינמאַן, י. ר.:
קליינע רעצענזיעס. דאָס פרייע וואָרט, 1934.

ברינמאַן, י. ר.:
מיט פרייד, האָפנונג און גלויבן. אידישער קוריער, שיקאַגאָ, מערץ 15, 1936.

גאָטליב, ב. י.:
ליטעראַרישע פאַרצייכענונגען. קענעדער אַדלער, מאָנטרעאַל, מערץ 12, 1943.

גאָלדבערג, ב. צ.:
אונזערע נאָהענטע ליטעראַטור־שכנים. דער טאָג, ניו יאָרק, אָקטאָבער 1922.

גאָלדבערג, ב. צ.:
שאָטן און קלאַנג. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 10, 1927, ז"ז 3 און 6.

גאָרדין, אבא:
מאיר זימל טקאַטש: דאָרשט צום קוואַל. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, אויג. 27, 1954, ז' 5.

ג[יציס], מ.:
מאיר זימל טקאַטש. ליטעראַרישע זאַמלונגען, שיקאַגאָ, 1947, ז"ז 332־333.

גלאַטשטיין, יעקב:
אין תוך גענומען. טקאַטש'ס ראַפינירטער פאָלקס־טאָן. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, מערץ 22, 1946, ז"ז 15־16.

גלאַטשטיין, יעקב:
מיין חוב צום יאָר 1947. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, דעצ. 19, 1947.

גלאַטשטיין, יעקב:
צוויי פאָעטן. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, פעב. 6, 1953, ז' 14.

גלאַטשטיין, יעקב:
פראָסט און פשוט. טאָג־מאָרגן זשורנאַל, ניו־יאָרק, אַפּר. 4, 1957.

גלאַטשטיין, יעקב:
דער יום טוב פון לידער. אידישער קעמפער, ניו יאָרק, אָקט. 25, 1957, ז' 12.

גלאַטשטיין, יעקב:
אַ געדעטעניש אויף געראָטענע לידער. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, מאַי 9, 1958, ז' 13.

גלאַטשטיין, יעקב:
„בלעטערפאַל" פון מאיר זימל טקאַטש. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, יוני 10, 1960, ז"ז 11־12.

[גלאַנץ], א. לעיעלעס:
דאָס ליד פון כוידעש. מ. טקאַטש. אינזיך, נומ. 21, פעב. 1936, ז"ז 105־106.

[גלאַנץ], א. לעיעלעס:
דאָרשט צום קוואַל". דער טאָג, ניו־יאָרק, נאָוו. 22, 1952.

גלאַנץ, יעקב:
ליטעראַרישע סילועטן. מעקסיקאַנער אידישע שטימע, יולי 26, 1933.

גלאַנץ, יעקב:
„פאַזע ברעג". מעקסיקאַנער שריפטן, אַפּר. 1936.

דייטש, מאָטעס:
וועגן נייעם בוך לידער פון מאיר זימל טקאַטש. „בלעטערפאַל". צוקונפט, ניו־יאָרק, יאַנ. 1961, ז"ז 42־43.

ד[יימאָנדשטיין], ב.:
מאיר זימל טקאַטש. ליטעראַרישע העפטן, טאָהאַנגאַ, סעפט.־דעצ. 1947, ז"ז 33־35.

דיימאָנדשטיין, ב.:
ה. גאָלדאָווסקי, דער דיכטער. ליטעראַרישע העפטן, טאָהאַנגאַ, יוני 1954, ז' 15.

וויערניק, פ.:
מ. טקאַטש. מאָרגן זשורנאַל, ניו־יאָרק, פעב. 27, 1927.

וויערניק, פ.:
מ. טקאַטש. מאָרגן זשורנאַל, ניו־יאָרק, אָקט. 29, 1933.

וויינפער, ז.:
מ. טקאַטש'ש „אויף גאָטס באָראָט". אויפקום, ניו־יאָרק, מערץ 1927, ז' 44.

זינגער, ש. ד.:
מ. טקאַטש. „שיקאַגאָ", שיקאַגאָ, 1933.

זינגער, ש. ד.:
„דאַרשט צום קוואַל". **צוקונפט, ניו־יאָרק, אַפּר. 1953, ז' 234.**

זשיטניצקי, ד"ר ל.:
מ. טקאַטשס אינטימע לידער. **די פּרעסע, בועֶנאָס איירעס, דעצ. 13, 1939.**

טוטשינסקי, ב.:
מ. טקאַטש: דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל. **טשערנאָוויצער בלעטער, דעצ. 24, 1934.**

טוטשינסקי, ב.:
מ. טקאַטש: „זון איבער אַלץ". 1936. **טשערנאָוויצער בלעטער, מערץ 28, 1936.**

טענענבוים, ש.:
כ'האָב ליב גרויסע דיכטונג. (מ. טקאַטש: „אין שאָטן פון דור"). **אידישער קוריער, שיקאַגאָ, יאַנ. 7, 1940.**

טענענבוים, ש.:
די חיה־קאַמאַפּלאַזש פאַרן מענטשלעכן געדאַנק. (מ. טקאַטש: „נח'ס קאַסטן"). **אידישער קוריער, שיקאַגאָ, פעב. 21, 1943.**

טענענבוים, ש.:
די פאַבלען פון מ. טקאַטש. **פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מאַי 7, 1943, ז"ז 6 און 8.**

טענענבוים, ש.:
פּאָעט־נביא, וואָס שטראָפט... מאיר זימל טקאַטש „בלוט שרייט פון דער ערד". **אידישער קוריער, שיקאַגאָ, מערץ 15, 1946.**

טשאַרני, דניאל:
די פרייד פון מיין שרייבטיש. **ליטעראַרישע בלעטער, נומ. 615/8, וואַרשע, 1936.**

טשעמני, מלך:
געלייענט און פאַרצייכנט. **בליצן, נומ. 4, רמת־גן, יולי 1960.**

[יאַסני, א. וואָלף] אווי:
דיכטער מאיר זימל טקאַטש, צו זיין באַזוך אין ישראל. **לעצטע נייעס, תל־אביב, מאַי 19, 1961.**

יאַסני, א. וואָלף:
דער דיכטערישער וועג פון מאיר ז. טקאַטש. צום דערשיינען פון זיין בוך לידער א. נ. „מיין האָב און גאָב". **לעצטע נייעס, תל־אביב, יוני 1, 1962.**

יוד גר:
צווישן ביכער און זשורנאַלן. **אידישער קוריער, שיקאַגאָ, 1933.**

ישורין, יעפים:
זיבעציק יאָר „צוקונפט" (1892—1962). ביבליאָגראַפישע סטאַטיסטיק. **צוקונפט, ניו יאָרק, נאָוועמבער 1962.**

כץ, משה:
„א פּאָעט, מ. טקאַטש, איז ניט קיין טויב !". **מאָרגן־פרייהייט, ניו יאָרק, יאַנ. 5, 1936.**

ליבמאַן, יוד:
מ. טקאַטש — אויף גאָטס באַראָט. **אונדזער בוך, ניו יאָרק, מערץ־אַפּריל 1927, ז"ז 174־175.**

לייב, נחמן:
מאיר זימל טקאַטש. **„זיין", ניו יאָרק, פעב. 1954, ז' 31.**

לעבעדיקער:
אויפן ליטעראַרישן יאַריד. **מאָרגן זשורנאַל, ניו יאָרק פעב. 20, 1950.**

לעבעדיקער:
אויפן ליטעראַרישן יאַריד. **מאָרגן זשורנאַל, ניו יאָרק, דעצ. 28, 1952.**

לעבעדיקער:
אויפן ליטעראַרישן יאַריד. **טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, אַפּר. 18, 1954.**

לעבעדיקער:
אויפן ליטעראַרישן יאַריד. **טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, מאַי 1, 1955.**

לעבעדיקער:
אויפן ליטעראַרישן יאַריד. **טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, אָקט. 23, 1955.**

לעבעדיקער:
פינף יאָר „אויפּסניי". **טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, אויג. 17, 1958.**

לעהרער, לייבוש:
מ. ז. טקאַטש. **אידישער קעמפער, ניו יאָרק, דעצ. 23, 1955.**

לעוו, אברהם:
מאיר זימל טקאַטש. „בלעטערפאַל", ניו יאָרק, 1960. „מיין האָב און גאָב, תל־אביב, 1962. **לעבנס־פראַגן, תל־אביב, יוני 1962, ז' 14.**

לעווינסקי, בערל:
וועגן צוויי ביכער. א) פיינע משלים. **„דרום אַפריקע", יאָהאַנעסבורג, יולי־אויג., 1962, ז' 23.**

מ[אַזע], אַ.:
„דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפֿן בייכל". „מאָנטרעאָל", מאָנטרעאָל, מערץ 1934, ז' 19.

מוקדוני, ד"ר אַ.:
ביכער און שרייבער. מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, אויג. 23, 1933.

מוקדוני, ד"ר אַ.:
ביכער און שרייבער. מאָרגען־זשורנאַל, ניו יאָרק, אַפּר. 22, 1936.

מוקדוני, ד"ר אַ.:
ביכער און שרייבער. מאָרגען־זשורנאַל, ניו יאָרק, נאָוו. 10, 1943.

מוקדוני, ד"ר אַ.:
קינות אויף אונדזער חורבן. מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, אַפּר. 28, 1946.

מייזיל, נחמן:
אַנטאָלאָגיעס פֿון יידישער פּאָעזיע. יידישע קולטור, ניו יאָרק, דעצ. 1954, ז' 19.

מייזיל, נחמן:
אַנטאָלאָגיעס פֿון יידישער פּאָעזיע. יידישע קולטור, ניו יאָרק, פֿעב. 1955, ז' 8.

מינקאָוו, נ. ב.:
טענדענצן און שטרעמונגען אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. צוקונפֿט, ניו יאָרק, דעצ. 1954, ז' 519.

מלמד, מ.:
ליטעראַרישע נאָטיצן, אויף גאָטס באַראָט, פֿון מ. טקאַטש. אידישע וועלט, פֿילאַדעלפֿיע, 1928.

מלמד, מ.:
ווער דאַרף שרייבן קריטיק, — דער קריטיקער אָדער דער דיכטער? אידישע וועלט, פֿילאַדעלפֿיע, דעצ. 10, 1933.

מלמד, מ.:
פֿאַר איינעם איז דער הימל גרוי, פֿאַר אַ צווייטן שיינט די זון. אידישע וועלט, פֿילאַדעלפֿיע, אַפּר. 19, 1936.

מרמר, קלמן:
ערשטע 50 יאָר אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. מאָרגן־פֿרייהייט, ניו יאָרק, מאַי 25, 1947.

נון מעם:
דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפֿן בייכל. לידער און פֿאַבלען פֿון מ. טקאַטש. בריקן, שיקאַגאָ, נאָוו. 1933, ז"ז 82־83.

נחמני:
דער פֿאַבעליסט אין אונזער ליטעראַטור. אידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, מאַי 6, 1943.

נחמני:
לידער דורך וועלכע דאָס פֿאָלק רעדט. (מאיר זימל טקאַטש: בלוט שרייט פֿון דער ערד). אידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, יוני 20, 1946.

ניגער, ש.:
נייע ביכער צום נייעם זמן. דער טאָג, ניו יאָרק, אָקטאָבער 1, 1933.

ענטין, יואל:
דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפֿן בייכל. צירקולאַר צו לערער, ניו יאָרק, פֿעב. 14, 1934.

עפּשטיין, ש.:
מ. טקאַטש. די פֿרייהייט, ניו יאָרק, 1927.

פֿאַנער, יצחק:
מאיר זימל טקאַטש. נייוועלט, תל־אביב, יוני 15, 1951.

פּעט, חיים:
מאיר זימל טקאַטש. אונדזער צווייג, ניו יאָרק, מערץ 1946.

פֿריילין, י.:
פֿון פֿאַבלען ביז לידער. אידישער קוריער, שיקאַגאָ, מאַי 26, 1940.

פֿריילין, י.:
חיות לערנען אונדז שכל און מענטשלעכקייט. פּראָלעטאַרישער געדאַנק, טאָראָנטאָ, יאַנ. 15, 1943.

פֿריילין, י.:
וועגן דריי לידער־ביכער. פּראָלעטאַרישער געדאַנק, אויגוסט 1946, ז' 13.

פֿריילין, י.:
שמועסן וועגן ליטעראַטור. אונדזער וועג, ניו יאָרק, פֿעב. 15, 1953, ז' 12.

ראַוויטש, מלך:
אַ צעזונגענע ליטעראַטור. פֿרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, יוני 12, 1936.

ראַוויטש, מלך:
וועגן אייניקע לידער־ביכער. פֿאָלקסצייטונג, וואַרשע, אויג. 7, 1936.

ראַוויטש, מלך:
די סאָלידע לידער פֿון מאיר זימל טקאַטש. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יולי 14, 1947.

ראַוויטש, מלך:
אַ סאָלידער דיכטער. (וועגן די לידער

פון מאיר זימל טקאַטש). דער וועג, מעקסיקע, אויג. 2, 1947.

ראַוויטש, מלך:
די סאָלידע לידער פון מאיר זימל טקאַטש. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יאַנ. 13, 1949.

ראַוויטש, מלך:
מאיר זימל טקאַטש. (אינטימער פּען־פּראָפיל פון דער סעריע „מיין לעקסיקאָן"). קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל, אָקט. 15 1962.

ראָזענפעלד, יוליוס:
דאַרשט צום קוואַל. אונזער וועג, שיקאַגאָ, פעב. 1958.

ראַזשאַנסקי, שמואל:
פּאָר נייע לערנביכער פון לשון אידיש. אידישער צייטונג, בוענאָס איירעס, מאַי 20, 1955.

ראַנטש, י. א.:
שרייבער און ביכער. דער קאַמף, טאָראָנטאָ, מאַי 27, 1927.

ראַפּאַפּאָרט, י.:
וועגן חורבן ליטעראַטור. קיום, פּאַריז, נומ. 4, 1948.

רויזענבלאַט, ה.:
אַ ניי בוך לידער פון מ. טקאַטש. קאַליפאָרניער אידישע שטימע, לאָס אַנגעלעס, נאָוו. 23, 1933.

רייזען, אברהם:
ליטעראַרישע רעוויו. מ. טקאַטש — דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל. די פעדער, ניו יאָרק, האַרבסט 1934, ז' 83.

רייזען, א.:
ליטעראַריש־קינסטלערישע נאָטיצן. די פעדער, נומ. 4, ניו יאָרק, ווינטער 1936, ז' 71.

רייזען, אברהם:
מאיר זימל טקאַטש. די פעדער, ניו יאָרק, 1949, ז' 248.

שאולזאָן, אב.:
נח'ס קאַסטן. משלים און מעשהלעך פון מ. טקאַטש, שיקאַגאָ, 1942. יידישע שריפטן, ניו יאָרק, באַנד 2, 1942, ז' 480.

שטיינבערג, נח:
דער דיכטער מ. ז. טקאַטש. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, פעב. 21, 1947, ז"ז 5 און 7.

שטיינוואַקס, פנחס:
„בלעטערפאַל" פון מאיר זימל טקאַטש. דער אַמעריקאַנער, ניו יאָרק, יולי 15, 1960, ז' 14.

שטיינוואַקס, פנחס:
„בלעטערפאַל" — בוך פּאָעזיע פון דיכטער מאיר זימל טקאַטש. קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל, סעפט. 5, 1960.

שנהוד, שלמה:
דאַרשט צום קוואַל. נייוועלט, תל־אביב, פעב. 20, 1952.

אין ביכער וועגן מ. ז. טקאַטש

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
דער לעצטער שאָטן און די געבויגענע מאַמע. חלום און וואָר, עסייען, ניו יאָרק, 1956, ז' 133.

[בראַנשטיין, יחזקאל א. מ.] יאַמב:
אַנטאָלאָגיע — „מיט־וועסט מערב". „ליד" נומער 2, לאָס־אַנדזשעלעס, אַפּר. 1933, ז' 16.

בראָנשטיין, יחזקאל:
זאָגער און זינגער. מאיר זימל טקאַטש — דאַרשט צום קוואַל. אונטער איין דאַך. לאָס־אַנדזשעלעס, 1956, ז"ז 107—111.

גלאַטשטיין, יעקב:
טקאַטשעס ראַפינירטער פאָלקס־טאָן. אין תוך גענומען, עסייען, 1945—1947, פאַרלאַג מתנות, ניו יאָרק, 1947, ז"ז 266—271.

קאַהן, יאָסל:
די דאַרשט צום קוואַל. (מאיר זימל טקאַטש ליד געווענדעט צו גאָט). ביים ראַנד פון אַנהויב, ניו יאָרק, 1960, ז"ז 186—188.

קרול, חיים:
מ. ז. טקאַטש. כתבים פון חיים קרול. פאַרלאַג „אייגענע", ניו יאָרק, 1954, ז' 121.

וועגן מ. ז. טקאַטש אין העברעאיש

גינתון, נפתלי :
מאיר־זימל טקאַטש. „אמר״, תל־אביב, יולי 7, 1961.

הלוי, אברהם צבי :
מאיר־זימל טקאַטש. גליונות, תל־אביב, אב־אלול, תשי״ד—1954, ז׳ 158.

מלצר, שמשון :
מאיר־זימל טקאַטש. על נהרות, ירושלים, 1956, ז״ז 158־159.

סדן, דב :
קערת צמוקים. הוצאת מרדכי ניומן, תל־אביב, תש״י, ז״ז 156, 162, 409.

סדן, דב :
חג פתאום. דבר, תל־אביב, ערב פסח, תש״י, 1950.

רימון, יעקב :
משורר הגעגועים. הצופה, תל־אביב, מערץ 27, 1953.

רימון, יעקב :
משורר „הצמאון למקור״. הצופה, תל־אביב, מאַי 12, 1961.

רימון, יעקב :
משורר אוסף בולו הגורנה. הצופה, תל־אביב, מערץ 2, 1962.

רימון, יעקב :
ספר שירים באידיש. הפועל הצעיר, תל־אביב, יולי 3, 1962.

שטאַרקמן, משה :
מאיר זימל טקאַטש. רשימות ביוגראַפיות. על נהרות, ירושלים, 1956, ז׳432.

„אמר״, תל־אביב :
יוני 22, 1962. לכבוד המשל והאגדה.

נאָטיצן אין יידישע צייטונגען און זשורנאַלן

אונדזער וועג, שיקאַגאָ :
העפט 6, 1960, ז׳ 18. וועגן ביכער און שרייבער. „בלעטערפאַל״ — פון מאיר זימל טקאַטש.

היימיש, תל־אביב :
נומ. 62, יוני־יולי 1961, ז׳ 2. עולים און געסט. מאיר זימל טקאַטש.

טשערנאָוויצער בלעטער :
דעצ. 24, 1934. מ. טקאַטש : דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל.

ליטעראַרישע העפטן, ניו־יאָרק :
מערץ־אַפּר., 1946, ז׳ 35. אַ ניי בוך לידער פון מאיר זימל טקאַטש.

פאָלקסבלאַט, תל־אביב :
יולי 6, 1961. ברוך־הבא מ. ז. טקאַטש.

ציוניסטישע שטימע, פּאַריז :
מאַי 9, 1962. דערשינען ערשטער באַנד פון מ. ז. טקאַטשעס געזאַמלטע לידער.

קענעדער אָדלער, מאָנטעאָל :
מאַי 23, 1960. בלעטערפאַל, ניי בוך לידער פון מאיר זימל טקאַטש דערשינען.

וועגן מ. ז. טקאַטש אין אַנטאָלאָגיעס, לעקסיקאָנען, ענציקלאָפּעדיעס, פּנקסים און אין פרעמד־שפּראַכן

באַסין, מ. :
יידישע פּאָעזיע אויף אַמעריקאַנער מאָטיוון, ניו יאָרק, [1955].

יפה, מרדכי :
ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור. בוך איינס. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל, 1961, ז״ז 173—176.

פאַנער, י. און פרענקעל, א. :
נייע יידישע דיכטונג. פאַרלאַג „יידישע קולטור פון רומעניע, י. ל. פּרץ. יאַס, 1947, ז״ז 91—94, 315.

פוקס, חיים לייב :
לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. פערטער באַנד, אַרויסגעגעבן פון אַלטוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, (פאַראייניקט מיט „ציקאָ״). ניו יאָרק, 1961. שפּאַלטן 111־112.

פיינבערג, ל.:

„יעווריסקאיא פאעזיא" (רוסיש). פאר־לאג: פאריין פון רוסישע יידן אין ניו יארק, ניו יארק, 1947, זייט 155.

קאזשדאן, ח. ש.:

35 יאר קינדער־ליטעראטור אין אמע־ריקע. שול־פנקס. שלום עליכם פאלקס אינסטיטוט, שיקאגא, 1946, ז' 172.

קיסין, י.:

לידער פון דער מלחמה. ביבליאטעק פון פאעזיע און עסייען, ניו יארק, 1943, ז"ז 117־118, 139.

רייזען, זלמן:

מאיר־זימל טקאטש. לעקסיקאן פון דער יידישער ליטעראטור, פרעסע און פילא־לאגיע. ערשטער באנד, ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין, ווילנע 1928, שפאלט 1191.

שטארקמאן, משה:

יידישע ליטעראטור אין די פאראייניקטע שטאטן. 1942—1955. אלגעמיינע ענצי־קלאפעדיע, יידן — ה. דובנאוו־פאנד און ענציקלאפעדיע קאמיטעט, ניו יארק, 1957, ז' 132.

אנטאלאגיע:

די אידישע פאעזיע פון מיטוועסט און מיירעוו. פארלאג צעשינסקי, שיקאגא, 1933, ז"ז 111—119, 196.

ביבליאגראפישע יארביכער פון ייוואָ:

פארלאג קולטור־ליגע, ווארשע, 1928, ז' 351.

Leftwich, Joseph:

M. Z. Tkatch.

The Golden Peacock. A World-wide Treasury of Yiddish Poetry. New York, London, Thomas Yoseloff, P. 351-352.

Liptzin, Sol:

From Flight of Guls to Falling of Leaves.

In Jewish Bookland, New York, Dec. 1960.

Roback, A. A.:

Recent Yiddish Literature in America. Regionalism.

The Story of Yiddish Literatnre. Yiddish Scientific Institute. American Branch. New York, 1940, P. 295.

Roback, A. A.:

Yiddish Literature. 1933—1961. No dearth of poets.

The Institute Anniversary Volume (1941—1961).

Institute of Jewish Affairs. World Jewish Congress. New York, 1962, P. 259.

Who's Who in World Jewry:

A Biographcal Dictionary of Outstanding Jews.

Monde Publishers, New York, 1955. P. 776.

פובליקאציעס אין וועלכע מ. ז. טקאטש האט זיך באטייליקט:

פרייע ארבעטער שטימע, דער קונדס, די נייע וועלט, ניי יידיש, אויפקום, סיגנאל, יידישע קולטור, די צוקונפט, סטודיא, פרייהייט, טאג, פארווערטס, אידישער קעמפער, אונזער וועג, געצעלטן, ווייטער, זיין, קינדער זשורנאל, קינדער־צייטונג, — ניו יארק; אינדריצעס יום־טוב שריפטן, שיקאגא, — שיקאגא; אידישע וועלט, פילאדעלפיע; ליטעראַרישע בלעטער, ווארשע; די גאלדענע קייט, היימיש, לעצטע נייעס, דאס ווארט, — תל־אביב; קיום, פאר אונדזערע קינדער, — פאריז; דער וועג, מעקסיקע; ארגענטינער ביי־מעלעך, בוענאס איירעס.

* * *